STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01243

HOKHME UN HARIFES

Moses Aaron Wiesen

Permanent preservation of this book was made possible
by Evelyn & Will Wolstein
in honor of
the Gantse Mishpokhe

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חכמה און חריפות

מעשיות, אנעקדאטען, תורות, משלים און חקירות

פון

מ. א. וויזען

ווין תרפ״ז

ארויסגעגעבען ביי רעזניק, מענשעל און קאמפ.
40 קאנעל סטריט ניו־יורק

דרוק: ״אוניאן״־בוכדרוקעריי ווין, 9. ליכטענשטיינשטראסע 21

אדרעס פונ'ם מחבר:
M. A. WIESEN, WIEN
IX. Porzellangasse 13

אינהאַלט

זייט

1 בגתן און בגתנא 3

2 צפור — א גוטער פֿויגעל . . . ״

3 עושה מחצה . . . . ״

4 מצוינים — ציוניסטען 4

5 אַ חכם קאָן נישט קיין דקדוק . ״

6 געכאַפּט אין דקדוק . . . . . . ״

7 אַ מכה, וואָס שטעהט נישט
אין דער תורה 5

8 עמו — זיין מאַמע . . . . ״

9 דורשיו — אַ פֿאַלש דור . . . 6

10 אפילות — אַ שוואַרצען סוף . ״

11 לסיחון — ווען דו ווילסט רעדען ״

12 דרך ארץ, פלשתים! 7

13 דאָס ״זהב״ וועט נתעלה ווערען ״

14 אַן אות אָדער אַ מופת . . . . ״

15 די גמרא האָט נישט איהם געמיינט 8

16 יום כ־פורים . . . . ״

17 אַ שעהנער רמז 9

18 יש מתחזן ואין קול . . . . . . ״

19 גביר און חזיר . . . . ״

20 די צוויי קללות 10

21 אַ נייער דרוש . . . . ״

22 אַ גוטער טייטש 11

23 אביהו האָט זיך געשטאַרקט . . ״

24 אוים הוא לעולם . . . . ״

25 כאָטש עפעס 12

26 פרעה׳ס תלמיד . . . . ״

27 געלד פֿאַוואָלי 13

28 האָט נישט פֿאַראיבעל . . . . ״

זייט

29 אַ קאַרגער צעהרט אַרגער . . . 14

30 אַ סגולה בדוקה . . . . ״

31 צוויי דרשות 15

32 צוויי וויכטיגע ענינים 16

33 אַ פלוגתא . . . . ״

34 אַ פשוט׳ער תרוץ 17

35 בכל . . . . ״

36 דער אביי ורבא׳ניק 18

37 דאָס פשט׳ל פֿונ׳ם ספּאָדעק . 19

38 דאָס פשט׳ל פֿונ׳ם קלאָץ . . . ״

39 ער רוימט איין אַ סוד 20

40 פֿאַר וואָס ס׳קומט איהם ששי . ״

41 אַ בפירוש׳ער היתר 21

42 פֿאַרוואָס ער האָט געלאַכט . . 22

43 דער אמת׳ער ״חסד״ . . . . . ״

44 אַ לומדישער כאַפּ 23

45 נישט געמאָלט . . . . ״

46 די פשרה . . . . ״

47 צוויי רמזים . . . . ״

48 סמו״ט און אטל״ם 24

49 ליכט אָדער לעכט . . . . . . ״

50 די ווייב אָדער דאָס ווייב . . . ״

51 אשכנז׳יש און ספרד׳יש . . . 25

52 הממליך — מען זאַלצט . . . ״

53 פֿינף וויכטיגע זאַכען 26

54 נישט משוגע, נאָר הונגעריג... ״

55 די ראשי תיבות פֿון ״סכות״ . . ״

56 בועז נישט און רש״י יאָ . . . 27

57 דער טעות פֿונ׳ם בעל הגדה . . ״

אינהאלט

		זייט
58	דם, צפרדע, בנים...	28
59	בנפשו — זיין ווייב	〃
60	אַלץ איהם	29
61	אַרויסגע׳גנבע׳ט פֿונ׳ם סדור	〃
62	די נאַרישע קשיא	30
63	דער רב און דער דאָרפֿס־ינג	〃
64	ילחם	31
65	די הנאה פֿונ׳ם גוסס	〃
66	ביז רבנו תם וועט קומען....	32
67	דאָס לויב פֿונ׳ם בת קול	35
68	געה זיי א חכם	〃
69	ווען אַן אפיקורוס טוט תשובה	36
70	די פֿיער טעמים	37
71	דריי וואָס האָבען פֿאַרגעסען	〃
72	אַ שאַרפֿער ענטפֿער	38
73	האַלב גע׳פועלט	〃
74	שוין אוים מיוחס	40
75	אַ נאַריש געשעפֿט	〃
76	דער אפיקורוס און דער בעל עבירה	41
77	ער איז נישט קיין פֿראַנצויז	45
78	אַ משוגע׳נער פֿיש	〃
79	טייטש און שמועס	46
80	דער טייטש פֿון „אם"	〃
81	דער טייטש פֿון „מחלה"	47
82	גוט געזונגען	〃
83	רמון — אַ פֿייג	48
84	וקברתני	49
85	וילך — ער איז גע־גאַנ־גען	〃
86	באַהעפֿט צו גאָט	50
87	„במצרים" שטעהט בחנם	51
88	דוקא נאָר „אוחזין"	〃
89	ס׳וואָלט נישט געהאַט קיין טעם	52
90	א נאַריש לשון	〃

		זייט
91	אַ יוד אַ למדן גיט זיך אן עצה	53
92	ווען ער האָט אַזוי צו שאַפֿען	〃
93	די העכסטע מדרגה	54
94	וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען	〃
95	דעם תלמיד׳ס געלעכטער	55
96	אַן עהרליכער אָבגעבער	56
97	דער מלמד און די לאָטעריע I	58
98	דער מלמד און די לאָטעריע II	59
99	דער מלמד אַלס גזלן I	60
100	דער מלמד אַלס גזלן II	〃
101	דער מורה און דער תלמיד	61
102	די דריי „אנכי״ס"	63
103	ממה נפשך	〃
104	דער מורה און דער מלמד	〃
105	אַ האָלצהאַקער און אַ מלמד	64
106	אַ שאָד!	67
107	שטום ביז אין טויט אַריין	〃
108	א סגולה קעגען פייער I	68
109	אַ סגולה קעגען פֿייער II	69
110	די צוויי „קוסם"	70
111	מיליאָנען מיליאַסען לבנות	72
112	וואָס רבי״ס קענען...	73
113	ווען דער רבי איז פֿאַר׳מוח׳ט	74
114	דעם רבי׳נס ספאָדעק	75
115	אַ מיתה משונה	〃
116	תחית המתים	77
117	אַ גוטער לעקיש	78
118	אַ קליינער טעות	79
119	נישט „בן", נאָר „ב״ן"	80
120	ווען דער רבי וויל דוקא	〃
121	די זיי״נ׳ס פֿון „שקערורות"	81
122	„רזין" און „רזין דרזין"	〃
123	„נצח שבטפשות"	82
124	די שמחה פֿון רבקה׳ן	〃

אינהאלט

זייט

125 דער עזות פנים . . . 83
126 דאָס לאַכען פון יהושע "בהמה" . . . "
127 די השגחה פון אַ בטלן . . . 84
128 אַ גוטע ראיה . . . "
129 נישט קיין פשוט'ער כלב . . . "
130 נישט פראָסטי געשריבען... . . . 85
131 זכות אבות . . . 86
132 אַן אומגליק . . . 87
133 אַ גוטער גנב . . . "
134 א דבר נפלא . . . 88
135 דער פסק פונ'ם רבי'ן . . . "
136 א פאַלשער חשד . . . 89
137 אַ דעפעשע מיט א גרייז . . . "
138 דאָס איז טאַקי די קונץ . . . 90
139 דער "נכתב בצדו" . . . "
140 זיין משפט איז גערעכט . . . 91
141 נישט געהאַט קיין ברירה . . . 92
142 ודאי עשה תשובה . . . "
143 "אוי" און "אַה"... . . . "
144 אַ רעכט אויף "קראָסאָ" . . . 93
145 דער רב און דער אינדיק . . . "
146 דער רב און דער אפיקורוס... . . . 94
147 "וואָס בין איך?..." . . . 95
148 "חדושים" . . . 96
149 אַ פלייסיגער סופר . . . "
150 דער עונש . . . "
151 אַ שווערע שאלה . . . 97
152 אַלדינג יאָ, נאָר דאָס נישט . . . "
153 ער וויל נישט זיין קיין עדות . . . 101
154 אַן אומגעלומפערטער יוד . . . "
155 אויסגענאַרט קראָסאָ . . . 102
156 וואָס ס'קומט ארויס פון כעס . . . "
157 אָ־האָ . . . "
158 גלאַט פשוט אַזוי! . . . 103

זייט

159 א סוחר'ישער גאַנג . . . 103
160 דער רצון און דאָס יכולת . . . 104
161 אַ נאַרישע בהמה . . . "
163 געכאַפט א מציאה . . . 105
164 ער ווייס, אָבער דער כלב? . . . "
165 טאָמער טאַקי! . . . 106
166 אַליין הייסט קאַלט! . . . 107
167 ער באַדאַרף נישט פרעמדע הילף . . . "
168 א פלא . . . 108
169 ס'וועט זיך נישט האַלטען . . . "
170 לא "פדלתי" . . . 109
171 אַ וכוח וועגען קאָפערניק I . . . 110
172 אַ וכוח וועגען קאָפערניק II . . . 111
173 אַ וכוח וועגען קאָפערניק III . . . "
173 אַ רעטעניש . . . 112
175 פאַרוואָס ער האָט זיך באַהאַלטען . . . "
176 אַ פראָסטי פשוט'ער פאַרך . . . 113
177 "ווער גייט מיך?..." . . . "
178 דאָס לשון קוילעט זיי . . . "
179 אַ שעהן לאַנד, נאָר... . . . 114
180 ער האָט נישט קיין מיניסטערקאָפ . . . "
181 גלאַט פשוט משוגע! . . . 115
182 "ולטעמך" . . . "
183 "וואָס געהט עס דיך אָן?" . . . 116
184 דורכגעשמועסט... . . . "
185 אַ שטעל . . . 117
186 דער הפך פונ'ם אמת . . . "
187 איבריגע ווערטער . . . 118
188 "וואָסזשע האָסט דו פאַרלוירען?" . . . "
189 די איינציגע כוונה . . . 119
190 נאָט אייך אַ גרייצער . . . "

אינהאלט

זייט

191 פונקט קאפויר 119
192 געפונען אַ תירוץ 120
193 א זרש און א טיטום 121
194 דער חלום און זיין פתרון I . ״
195 דער חלום און זיין פתרון II . 122
196 דער כעס פונ׳ם דיין 123
197 אַ קלייניגקייט . . . . ״
198 דער שכר און דער עונש . . 124
199 אַן עם הארצ׳ישער שניידער . ״
200 אַלדינג האָט א שעור . . . ״
201 אַ מליצה ישרה 125
202 אַן אָפיציר מיט א גרינגען קאָפּ ״
203 „אז מען שמועסט עהנדליך...״ 126
204 א מנחה׳לע און א מעריב׳ל . ״
205 „גאַלילייִ״ 127
206 די טרייסט פון גאָט . . . . ״
207 ער האָט ליעב כבוד... . . . 129
208 צוויי בעלי מדרש 130
209 דער שכר פון א מצוה . . . 131

זייט

210 צוויי שותפים 132
211 א רפואה בדוקה 133
212 אַ מאָדנע מענש 134
213 די המצאה פונ׳ם גיהנם-שמש 135
214 דעם גנב׳ס חריפות 136
214 גבריאל און כתריאל 138
216 דער גרויסער „ויתרוצצו״ . . 141
217 די שמושים פון א פאטשיילע 142
218 די מסורה פון די בערד . . . ״
219 דרייערליי ליגנער 143
229 דרייערליי קוקער 144
221 דרייערליי „הגדה-זאָגער״ . . ״
222 „איך ווינש זיי אַלע
אריכות ימים...״ 145
222 דעם רבינ׳ס לילקע . . . . . ״
224 יוסיל פארך 146
225 א קאָפּערניק׳ישע ראיה . . . 148
226 דער פיטשעלאיובער מלמד . 149
227 ווערטלעך פון שלום קאַפּויער 150

הקדמה

דאָס בוך „חכמה און חריפות“, וואָס איך גיב דאָ איבער דעם יודישען לעזער, איז אַ זאַמלונג פון פאַרשידענע מינים „אַנעקדאָטען“ — איך זאָג „אַנעקדאָטען“, מחמת סע פעהלט מיר אַ פאַסיגערער „שם הכולל“ — ווי די איז, אויף וויפיעל איך וויים, און אַזאַ פאַרשידענאַרטיגקייט ביז איצט פון קיינעם נישט אַרויסגעגעבען געוואָרען. אָבער אַלע זאַכען, וועלכע זענען אַריינגעקומען אין דעם דאָזיגען ספר, האָבען פאָרט איין „צד שוה“: זיי זענען אין פולען זין יודיש, דאָס הייסט זיי טראָגען אויף זיך דעם חותם פונ׳ם יודישען שכל און פון דער יודישער פסיכיק; נישט־יודישע אָדער כלומר׳שט־יודישע „וויצען“ וועט מען אינ׳ם בוך נישט געפינען.

דער בקי׳אישער לעזער וועט באַלד דערקענען, אַז דאָס רוב פון די אַנעקדאָטען אינ׳ם דאָזיגען ספר זענען לגמרי ניי; דאָס הייסט, אונמיטעלבאַר גענומען פונ׳ם לעבען (אינגאַנצען אָדער כאָטש צום טייל); אַ גרויס חלק דערפון איז — אויך דאָס וועט דער מבין תיכף דערקענען — נישט בלויז ניי, נאָר אויך פון אַ נייעם מין. פון דעם דאָזיגען זשאַנער קענען עטליכע זאַכען כאַראַקטעריזירט ווערען אַלס ליטעראַרישע הומאָרעסקען מיט אַן אַנעקדאָטישען „שפּיץ“; פאַר אַנדערע ווידער קאָן איך — דאָס מוז איך מודה זיין — קיין פאַסיגען נאָמען נישט געפינען.

בנוגע דער שפּראַך פונ׳ם בוך, האָב איך בכיוון איהר נישט געוואָלט געבען אַ ליטעראַרישע צורה; איך האָב עס געהאַלטען פאַר ריכטיגער, צו שרייבען, צוגעפּאַסט צום תוכן פונ׳ם ספר, אַ פשוט׳ען, פאָלקסטימליכען יודיש, אַזוי ווי איך האָב איהם געהערט אין מיין יוגענד אומעטום, בפרט אינ׳ם חדר און אינ׳ם בית המדרש. אין שייכות דערמיט וויל איך ספּעציעל אָנווייזען אויף אַ וואָרט, וואָס ס׳קומט אָפטמאָל פאָר אין דעם דאָזיגען ספר און וואָס ס׳וועט דעם גרעסטען טייל פון די לעזער מסתמא

הקדמה

ניש׳ט באַקאַנט זיין. איך מיין דאָס וואָרט „באָוועןʺ (פּויליש: bowiem= דייטש nämlich), וועלכעס איך האָב אין דער יודישער ליטעראַטור — אויך אין דער גאַליציישער — אין ערגיץ נישט געפינען; אין דער סביבה, וואו איך בין אויפגעוואַקסען (אין די מערב-גאַליצישע שטעדטלעך טאַרנאָ-בזשעג — באַראַנאָוו), איז אָבער דער דאָזיגער אויסדרוק פון יעדעם באַניצט געוואָרען, נישט בלויז פון פּראָסטע יודען, נאָר אפילו פון רבי׳ס און רבנים.—

איבער אַלע אַנדערע אייגענשאַפטען פונ׳ם בוך צו רעדען, האַלט איך פאַר איבריג; דעריבער זאָל דער לעזער אַליין משפט׳ן.

ווין, ג׳ אלול תרפ״ז.

דער מחבר

תורות

טייטשען
דרשות
פשט'לעך

I. פון רבי'ס.

II. פון נישט־רבי'ס.

III. פון עמי הארצים.

תורות און טייטשען פון רבי'ס און רבנים

1

בגתן און בגתנא

פון דעם באַריהמטען רבי'ן ר' חיים'ל סאַנדזער, דעם באַוואוסטען בעל מחלוקת פונ'ם סאַדאַגורער צדיק, דערצעהלט מען די דאָזיגע תורה:

קשיא: פאַרוואָס הייסט דערזעלבער „שומר הסף" אין דער מגילה צוערשט (פרשה ב') „בגתן" און דערנאָך (פרשה ו') „בגתנא"?

תרוץ: בגתן האָט אודאי דערווייל (צווישען דער צווייטער און דער זעקסטער פרשה) חתונה געהאַט מיט אַ סאַדאַגורער קינד און איז ממילא געוואָרען אַ בגתנא (= בגת-נו, ווי ישראל-נו, שלמה-נו וכדומה).

2

צפור — אַ גוטער פויגעל

ר' מאיר'ל פרעמישלאַנער האָט איינמאָל געזעהן אַן אויסגעפוצטען יונגען מאַן מיט געקרייזעלטע פאה'לעך, האָט ער איהם געלאָזט רופען און איהם געזאָגט דעם דאָזיגען טייטש: ויראו, און מאיר האָט געזעהן, בלק, ס'איז געקומען איינער מיט לאָקען (בא—לק), בן, האָט ער פאַרשטאַנען, צפור, אַז דאָס איז אַ גוטער פויגעל.

3

עושה מחצה — דער באַשעפער העלפט

נאָך אַ טייטש פון ר' מאיר'ל פרעמישלאַנער:

„די גמרא זאָגט „תפלה עושה מחצה", איז דער פשט: תפלה, אַז מען בעט, עושה, דער באַשעפער, מחצה, העלפט. דאָס הייסט: אַז מען בעט, העלפט דער באַשעפער."

4
מצוינים—ציוניסטען

דער דזיקובער צדיק, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער מתנגד אויפ׳ן ציוניזמוס, האָט אײנמאָל געטײַטשט: ויהי שם לגוי גדול, זײַ זענען דאָרט געווען גרויסע גויים, מלמד, איז געדרונגען, שהיו בני ישראל מצוינים שם, אַז יודישע קינדער זענען שוין דאָרט געווען ציוניסטען.

5
אַ חכם קאָן נישט קיין דקדוק

חיים ישעיה ריגליצער, אַ יוד אַ בן תורה, אָבער אַביסעל געכאַפּט אין דקדוק, האָט איינמאָל געבעטען דעם אַלטען ב—ר רב, ער זאָל איהם געבען אַ תרוץ מספיק אויף די באַקאַנטע וועלטס־קשיא: וואָס איז דער חילוק צווישען דעם חכם פון דער הגדה, וואָס זאָגט „אתכם" און דעם רשע, וואָס זאָגט „לכם"? פאַרוואָס דריגג איך מיר בײַם חכם נישט, אַז ער האָט זיך מוציא געווען פונ׳ם כלל (אתכם ולא אותו) און ביים רשע יאָ (לכם ולא לו)?

דער רב, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט אַן אויג אויף דעם בעל דקדוק, האָט מיניה וביה געפונען אַ תרוץ:

„ס׳איז אַ פּשוט׳ע זאַך! בשלמא בײַם חכם איז ניחא, ווייל אַ חכם קאָן נישט קײַן דקדוק און ווייס נישט דעם חילוק צווישען „אתכם" און „אותנו", אָבער דו רשע, דו האָסט דאָך יאָ אַרײַנגעקוקט אין „בן זאב" און דו פאַרשטעהסט דאָך יאָ מבחין צו זיין צווישען „לכם" און „לנו", פאַרוואָס׳זשע זאָגסט דו „לכם"? אלא מײַנסט דו דאָך נאָר להכעיס, און דערפאַר טאַקי — הקהה את שניו!"

6
געכאַפּט אין דקדוק

בײַ שלוש סעודות פון שבת „בהעלותך" זיצט דער שיפּנאָוויצער רבי און זאָגט תורה:

„בהעלותך את הנרות, איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס שטעהט עפּעס „בהעלותך" מיט אַ גרויסער ה״ת? נאָר איז דער תרוץ: דאָ האָט די תורה מרמז געווען די ח׳ ימי חנוכה א. אַז. וו.

ווי באַלד דער רבי האָט געענדיגט, איז צו איהם צוגעגאַנגען דער „מחזיקי־הדת“־לעזער זיידיל ווײַדמאַן און געזאָגט מיט גרויס דרך ארץ:

„דער רבי מעג מיר טויזענד מאָל מוחל זײַן, אָבער אין דער תורה פונ'ם רבי'ן זענען פאַרהאַן צווי קלײַנע טעותים: ראשית לײַגט זיך „בהעלותך“ אויס מיט אַ כ"ף און נישט מיט אַ חי"ת, און שנית איז דאָס אות נישט קײַן „רבתי“ (גרויס), נאָר אַן אות ווי אַלע אותיות.“

דערהערט די דאָזיגע דבורים, גיט דער רבי אַ שפּרינג אויף פונ'ם שטוהל און טוט אַ געשריי צום עולם:

„וואַרפט'ס איהם אַרויס, דעם שייגאַץ! ער איז געכאַפּט אין דקדוק!“

7
אַ מכה, וואָס שטעהט נישט אין דער תורה

דעם באַרנובער רב האָט מען אײַנמאָל נאָכדערצעהלט אַ תורה פונ'ם ד–ר רבי'ן, אַ יוד מיט אַ פלאַטשיק מוח'ל, וואָס איהר הויפּט־רעיון איז געווען, אַז דער שם (פון די מ"ב שמות) „מכ"ה“ באַטרעפט מיט די דרײַ אותיות צוזאַמען „חכם“.

„אַ חידוש פון אַ זאַך“! האָט דער באַרנובער געזאָגט. „ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס דאָס איז אַ מכ"ה אשר לא כתובה בספר התורה (אַ מכה וואָס שטעהט נישט אין דער תורה). דער שם הײַסט באָווען נישט „מכ"ה“, נאָר — „מב"ה“.

8
עמו — זײַן מאַמע

פונ'ם „קאָלאָמייער בחור“ (אַ רבי, וואָס מען האָט איהם אַזוי גערופען), דערצעהלט מען נאָך די דאָזיגע תורה:

„כי תקנה עבד עברי, איז דער פשט: כי תקנה, ווען דו ווילסט קונה שלימות זײַן, עבד, זאָלסט דו זײַן אַ קנעכט, עברי, צום צדיק, וואָס איז דער אמת'ער עברי... אם בעל אשה הוא, ווען ער איז אָבער אַ מאַן פון אַ ווײַב, דאָס הייסט, ווען דאָס ווײַב זײַנס וויל איהם זאָגען דעות און איהם אַראָפּפיהרען מדרך החסידות, ויצאה, זאָל זי אַרויסגעהן, דאָס הײַסט, זאָל ער זי אַוועקשיקען צו אַלדי רוחות. וואָרין — זאָגט דער פסוק ווייטער — אשתו עמו איז דען זײַן ווײַב זײַן מאַמע, אַז ער זאָל איהר מוזען געהאָרכען? בתמיה!“

9

דורשיו — א פאלש דור

דעם פסוק „זה דור דורשיו מבקשי פניך יעקב סלה" האָט דער אויבען דערמאָנטער רבי אַזוי געטייטשט:

זה דור, דאָס דאָזיגע דור, דורשיו, איז אַ פאַלש דור (דור שוא), מבקשי פניך, אפילו ווען זיי זוכען שוין דיין פנים, דאָס הייסט, ווען זיי זענען כלומר'שט יאָ פרום, יעקב סלה, לאָקערן זיי אויך אויף דעם רייניש (יעקב פון „עקב" = לאָקערן, סלה ווי סלע).

10

אפילות — אַ שוואַרצען סוף

נאָך אַ תורה פונ'ם קאָלאָמייער בחור:

דער פסוק זאָגט: והפשתה והשעורה נכתה, כי השעורה אביב והפשתה גבעל. והחטה והכסמת לא נכו כי אפילות הנה. איז דער פשט: והפשתה, און דער פשוט'ער יוד, דאָס מיינט מען דעם פרומען, וואָס פאַרשטעהט נישט קיין חכמות, והשעורה, דאָס מיינט מען דעם צדיק, וואָס גאָט איז מיט איהם מדקדק כחוט השערה (ווי די גמרא זאָגט), נכתה, זענען נעביך געשלאָגען מיט צרות און יסורים אויף דער וועלט, כי השעורה, וואָרין דער צדיק, וואָס הייסט שעורה, אביב, דיענט זיין פאָטער אינ'ם הימעל (אביו), והפשתה, און דער פשוט'ער יוד, גבעל, איז מגביל די תאוה, והחטה און דער זינדיגער (חוטא), והכסמת, און דער באַפלעקטער (פון כתם—פלעק), דאָס מיינט מען דעם רשע, לא נכו, זענען נישט געשלאָגען מיט צרות און יסורים אויף דער וועלט. אָבער — זאָגט דער פסוק ווייטער — כי אפילות הנה, זיי וועלען דאָך האָבען אַ שוואַרצען סוף.

11

לסיחון — ווען דו ווילסט רעדען

דער ב—ר צדיק האָט אַמאָל געזאָגט: „לסיחון מלך האמורי ולעוג מלך הבשן כי לעולם חסדו", איז דער פשט: לסיחון ווען דו ווילסט רעדען (פון „שיח"=רעדען) מלך, אויף אַ רבי'ן (וואָס איז בבחינת „מלך"), האמורי, זאָג בעסער אַ קאַפּיטעל תהלים. ולעוג מלך, ווען דו ווילסט חוזק מאַכען פון

אַ רבי'ן (פון „לעוג״-שפּעטען), הבשן, זאָלסט דו דיך שעמען (פון „בּוש״-זיך שעמען), כּי, וואָרין וואָס דער רבי איז, איז ער, אָבער לעולם חסדו, אַ חסיד, דאָס הייסט אַ פרומער יוד איז ער לעולם זיכער.

12

דרך ארץ, פלשתים!

פון אַ רבי'ן, וואָס האָט געהייסען ר' נחום און וועלכער האָט געהאַט אַ סך שונאים אין זיין שטאָדט, דערצעהלט מען נאָך דעם דאָזיגען אויפטו:

„ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא״, איז דער פשט: ולא נחם אלהים, ס'איז אמת, נחום איז נישט גאָט, פון דעסטוועגען — דרך ארץ פלשתים, ציטערט און האָט פאַר איהם דרך ארץ, שקצים! כּי קרוב הוא, וואָרין וואָס דער רבי איז, איז ער, אָבער אַ קרוב, דאָס הייסט אַ מיוחס און אַ בנן של קדושים איז ער לכל הדעות.

13

דאָס „זהב״ וועט נתעלה ווערען

אַ תורה פון אַן אומבּאַקאַנטען רבי'ן

קשיא: ס'איז אַ ידוע, אַז די מדרגה פונ'ם סגול איז העכער ווי די מדרגה פונ'ם קמץ (וואָרין „סגול״ איז בּבחינת „סגולה״ און „קמץ״ בּבחינת „קמצנות״), היינטשי ווי קומט דאָס, אַז דער נקוד פון „כסף״ זאָל זיין צוויי סגולים און פון „זהב״ נאָר צוויי קמצים, אַ מעהר גאָלד איז דאָך אַן איידלערע זאַך פון זילבּער?

תרוץ: דער דאָזיגער נקוד איז נאָר נוהג בּעולם הזה; אָבער ווען משיח וועט קומען, וועט זיין — תורי זהב נעשה לך עם נקודות הכסף, דאָס הייסט, דעמאָלט וועט דאָס „זהב״ נתעלה ווערען און האָבּען די נקודות פון „כסף״.

14

אַן אות אָדער אַ מופת

פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַן אמת'ער רבי בּאַדאַרף נישט קענען לערנען?

פון דאַנען: דער פסוק זאָגט: ונתן לך אות או מופת. איז דאָך די

קשיא: וואָס זאָל מיר דער „או״? עס האָט דאָך געקאָנט שטעהן אות ומופת? נאָר איז דער תרוץ: אַז מען קאָן אַן אות, קאָן מען נישט קיין מופת, קאָן מען אָבער אַ מופת, קאָן מען נישט קיין אות.

15
די גמרא האט נישט איהם געמיינט

צום לעמבערגער רב ר׳ יעקב אָרנשטיין („ישועות יעקב״) איז איינמאָל געקומען אַ יונגערמאַן אַרויסנעהמען אַ היתר הוראה. ווי דער שטייגער איז, האָט דער רב דעם בחור גוט גענומען אין דער אַרבייט אַריין און איהם געפּרובט אין אַלע וויכטיגע ענינים, וואָס אַ מורה הוראה באַדאַרף וויסען.

נאָך דער פּריפונג האָט דער „קאַנדידאַט״ געפרעגט דעם רב, אויב ער איז געפעלען און קאָן האָפען אויף אַ הורמנא.

„איך קאָן אייך נאָר אַזויפיעל זאָגען״, האָט ר׳ יעקב געגעבען אַ תשובה, „אַז ווען דער „פני יהושע״ איז געקומען נעהמען אַ הורמנא, האָט ער בלי שום ספק מעהר נושא חן געווען ביי זיין פאַרהערער ווי איהר ביי מיר.״

„דאָס איז אודאי אמת״, האָט דער בחור געטענה׳ט, „אָבער ווי די גמרא זאָגט: יפתח בדורו כשמואל בדורו (דער קליינער שופט יפתח איז אין זיין דור ווי דער גרויסער שופט שמואל אין זיין דור).״

„לאָזט די גמרא צורוה, יונגער מאַן״, האָט דער רב געענטפערט, „זי האָט אייך זיכער נישט געמיינט. וואָרין — „וכי יפתח איש בור״, איז דער פשט: איז דען יפתח אַ גראָבער יונג (אַ בור)?״

16
יום כ—פורים

דער לעמבערגער ראַבינער דאָקטאָר לעווענשטיין פלעגט זאָגען: דער ריכטיגער פשט פון „יום כפורים״ איז: יום כ—פורים, דאָס הייסט, אַ טאָג ווי פורים. פונקט אַזוי ווי פורים איז מען זיך נוהג צו פאַרשטעלען, אַזוי אויך יום כפור. דער חילוק איז נאָר, אַז פורים פאַרשטעלען זיך יודען פאַר גויים, און יום כפור — גויים פאַר יודען.

נישט־רבי'שע תורות
(דרשות און פשט'לעך)

17

א שעהנער רמז

קשיא: וואו איז פאַרהאַן אַ רמז אויפ'ן „מורה עברי" אין תנ"ך?

תרוץ: אין דעם פסוק: ויתהלכו מגוי אל גוי, און זיי זענען געגאַנגען פון איין גוי צום אַנדערן.

18

יש מתחזן ואין קול

דער מורה פ. אין ווין, וואָס האָט געהאַט אַ חזנ'ישע תאוה צום עמוד, ובפרט אין די ימים נוראים, האָט איינמאָל ראש השנה נאָכ'ן דאַווענען געפרעגט דעם סופר וו. וואָס ער זאָגט עפּעס צו זיין „מוסף".

„וואָס זאָל איך זאָגען?", האָט דער שרייבער געענטפערט. „דער פסוק זאָגט: יש מתעשר ואין כל (ס'איז פאַרהאַן איינער וואָס מאַכט זיך רייך און האָט גאָר נישט), און איך זאָג: יש מתחזן ואין קול (פאַרהאַן איינער וואָס מאַכט זיך פאַר אַ חזן און האָט נישט קיין קול)"

19

גביר און חזיר

צו ר' נתן נטע חיריקאָוויטש אַ יוד אַ גביר און בעל דקדוק דערצו, איז איינמאָל געקומען אַ מורה עברי און געבעטען אַ גמילות חסד.

ר' נתן נטע פאַרענטפערט זיך: ער האָט נישט. ער זאָל אַזוי זיין געזונד!

לימים טרעפט דער גביר דעם מורה אויף דער גאַס און וויל זיך מיט איהם אַריינלאָזען אין אַ שמועס מכח דגש חזק און דגש קל.

דער מורה בלייבט שטום ווי אַ פיש.

„פאַרוואָס זענט איהר היינט אַזוי קאַרג אויף אַ וואָרט?" חדושט זיך ר' נתן נטע, „איז אפשר דער ענין פאַר אייך נישט גענוג אינטערעסאַנט?"

„כמעט ווי געטראָפען!" ענטפערט דער מורה גיך. „אינ'ם גאַנצען דקדוק אינטערעסירט מיך נאָר די דאָזיגע איינע זאַך: אַז „גביר" האָט דעם אייגענעם משקל וואָס „חזיר."

20

די צוויי קללות

אַ העבּרעאישער לעהרער אין ווין בּאַריהמט זיך פאַר זיינס אַ חבר, אַז ער בּאַדאַרף נישט מעהר גערן אין די הייזער. ער האָט שוין ברוך השם דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז די תלמידים מוזען קומען צו איהם.

דער אַנדערער מורה ווערט ווינציג וואָס נתפעל און זאָגט רוהיג:

„ווען איך וואָלט מיך דוקא געוואָלט איינשפּאַרען, וואָלט איך דאָס אויך געקאָנט אויספיהרען. נאָר דער חילוק איז, דאַכט זיך מיר, נישט אַזוי גרויס. והראיה: בּיידע מנהגים (דאָס לערנען אין דערהיים און אין די הייזער) שטעהן אַלס קללות אין איין תוכחה."

„דהיינו?"

„דיין מנהג איז מרומז אין דעם פּסוק: ישא ד' עליך גוי מרחוק, גאָט וועט דיר צוטראָגען אַ גוי פון וייט (פון אַ וייטען בּעצירק), און מיינער ווידער אין די ווערטער: יולך ד' אותך אל גוי אשר לא ידעת אתה ואבותיך, דער אויבּערשטער וועט דיך פיהרען צו אַ גוי, וואָס אפילו דיין בּאָבּע האָט זיך פון איהם נישט געחלומ'ט."

21

אַ נייער דרוש

ס'איז בּאַקאַנט דער דרוש פון די גמרא אויף דעם פּסוק „כפלח הרמון רקתך": אפילו הריקנין שבך מלאים מצוות כרמון. (אפילו די ליידיגע צווישען יודען זענען פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים). מילא דאָס איז אודאי אַ שענער טייטש. אָבּער נאָך שענער איז דער דרוש, וואָס מען האָט אַנימעלט געפונען אין אַ פּריש אַנטדעקטען מדרש: כפלח הרמון רקתך, אל תקרי רקתך אלא דקתך, אפילו המדקדקים שבך מלאים שגיאות כרמון (אפילו די מדקדקים צווישען יודען זענען פול מיט גרייזען ווי אַ מילגרוים).

22

א גוטער טייטש

צו אַ העברעאישען סעמינאַר-לעהרער אין ווין איז איינמאָל געקומען אַ „נבחנת" מיט אַ בקשה, ער זאָל אַזוי גוט זיין און זיך בשעת פּריפונג מיט איהר נוהג זיין לפנים משורת הדין. דערויף האָט דער לעהרער געענטפערט: דאָס טאָר איך נישט, וואָרין סע שטעהט בפירוש אַ פּסוק: אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי לך. ווען דו קאָנסט נישט, דו שעהנע צווישען די ווייבער — מאַרש אַרויס!

23

אביהו האָט זיך געשטאַרקט

פון וואַנען איז געדרונגען, אַז ווען מען וויל חתונה האָבען, מוז מען זיך צוערשט גוט אונטערגאַרטלען?

פון דאַנען: עס שטעהט געשריבען: ויתחזק אביהו וישא לו נשים, און אביהו האָט זיך געשטאַרקט און זיך גענומען ווייבער.

24

אוים הוא לעולם

דער באַריהמטער געלעהרטער מאָריץ גאָלדציעהער איז אַ לאַנגע צייט געווען סעקרעטער פון די בודאַפּעסטער קהלה. אין זיינע עלטערע יאָהרען איז איהם אָבער די דאָזיגע שטעלונג מיאוס געוואָרען און ער האָט זי אויפגעגעבען. דערפון האָבען אָבער יענע יודען, וואָס באַדאַרפען קהל'ס לאַסקע נישט געוואָלט וויסען און האָבען נישט אויפגעהערט צו קומען צו גאָלדציעהער'ן מיט בקשות, ווי זיי פלעגען טון ביז אַצינד.

ויהי היום און דער געלעהרטער געהט אַרויס פון זיין הויז און זעהט, ווי אַ גאַנצע מחנה מענשען שטעהט און וואַרט. נישט לאַנג קלערענדיג, האָט זיך גאָלדציעהער געקעהרט צום עולם און געשריגען מיט אַ קול:

„רבותי! איהר מיינט אַוודאי אַז איך בין נאָך אין קהל, אָבער איהר זאָלט וויסען, אַז ביני ובין בני ישראל אוים (אות) הוא לעולם."

25

כאַטש עפּעס

עס שטעהט אין דער מגילה: והמלך והמן ישבו לשתות. איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס עפּעס גראָד מיטען דרינען אַ כוסה? נאָר איז דער תירוץ אַזוי: אחשורוש און המן האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט זיך דער יודישער גאָט אַריינמישען אין דער זאַך און זייער עצה וועט פאַר־שטערט ווערען, האָבען זיי זיך אַזוי געקלערט: ממה נפשך! קומט דער גרויסער שעהנער פאָגראָם — מה טוב! אלא חלילה נישט — לאָמיר כאָטש האָבען געכאַפּט אַ טרונק בראָנפען!

26

פרעה'ס תלמיד

ר' אברהם נח פון זינקאָוויץ, אַ יוד אַן עושר, אָבער אַ גרויסער קמצן, זיצט ביים סדר מיט זיין גאַנצער משפחה. דער „קשיות־פרעגער", אַ יונגעל פון צעהן יאָהר, האָט נאָר וואָס געענדיגט דעם „מה נשתנה" און דער בעל הבית האָט גראָד געוואָלט געבען אַ תשובה. אָבער דער „שואל" האָט דעם „משיב" געגעבען אַ צייכען, אַז ער איז נאָך נישט פאַרטיג.

„וואָס ווילסט דו נאָך?" פרעגט ר' אברהם נח.

„וואַרט אַ ביסעל, טאַטע!" ענטפערט דאָס יונגעל. „איך האָב דיך נאָך אַ פינפטע קשיא צו פרעגען: מה נשתנה, פאַרוואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר, אַז סע קומט אַריין צו דיר אַן אָרימאַן, גיבסט דו איהם מכות פאַרבראָקט מיט קדחת, הלילה הזה, די דאָזיגע נאַכט פון פּסח, ווערסט דו פלוצים אַ מילדער מחותן און שרייסט: כל דכפין ייתי ויכול, ווער ס'האָט נישט וואָס צו קייען, זאָל קומען צו ר' אברהם נח'ן?"

„אַ האַרבע קשיא!" זאָגט ר' אברהם נח רוהיג. „אָבער דער בעל הגדה האָט מיט זיין „עבדים היינו" אויך די דאָזיגע קשיא פאַרענטפערט."

„ווי אַזוי?"

„עבדים היינו לפרעה במצרים, מאַכט רש"י: מיר האָבען געלערנט ביי פרעה'ן אין חדר. „מה פרעה גוזר ואינו מקיים" (ווי עס שטעהט אינ'ם מדרש), פונקט אַזוי ווי פרעה האָט אַ מילד מויל און אַ קאַרגע האַנד, אף אנחנו גוזרים ואיננו מקיימים, אַזוי אויך מיר, אַז עס האַלט ביי מבטיח זיין, זאָגען מיר „באָם", ווען עס קומט אָבער צום געבען, טענה'ן מיר: האָט נישט פאַראיבעל!"

27

געלד פאוואלי!

צו דעם דערמאַנטען ר' אברהם נח קומט אַ שעהנער יוד נאָך אַ נדבה. דער נגיד, בטבע אַ פריינדליכער מענש, נעמט דעם יוד שעהן אויף און איז איהם מכבד מיט אַ דריימאָליגען „שלום עליכם". דערנאָך לעגט ער די הענד אין די קעשענעס אַריין און — בלייבט שטעהן.

„און וואו איז די נדבה?" פרעגט דער אָרימאַן.

„נדבות גיב איך נישט!" ענטפערט ר' אברהם נח.

„איהר זענט הפנים מילד נאָר מיט „שלום עליכם'ס"!"

„יאָ! און דאָס נישט בחנם! קוקט אַריין אינ'ם סידור ביים זמר „שלום עליכם", וועט איהר דאָרט געפונען די ראשי תיבות „ג"פ". דאָס מאַכט: ג' פעמים, אָבער אויך — געלד פאַוואָלי!"

28

האט נישט פאראיבעל

צו דעם גביר ר' מנשה חיים פון מיעלטשאוו איז איינמאָל געקומען אַן אָרימאַן אַ בן תורה נאָך אַ נדבה. ר' מנשה חיים אַ באַקאַנטער קמצן, האָט דעם יוד מכבד געווען מיט אַ הויכען, פרייליכען „האָט—נישט—פאַר־איבעל!" דער עני איז אָבער נישט געווען פון די שעמעוודיגע און האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ וכוח מיט דעם נגיד:

„היתכן? דער פסוק זאָגט: נתן תתן לו (דו זאָלסט איהם געבען), און איהר...

„איהר האָט פאַרגעסען אין איילעניש", איבערהאַקט דער קמצן דעם אָרימאַן אין דער מיט, „די צווייטע העלפט פונ'ם פסוק: ולא ירע לבבך, מאַכט רש"י: עס זאָל נישט פאַרדריסען דיין האַרץ. דאָס הייסט אויף פראָסטי יודיש: עס זאָל דיך נישט אַרטען, אָדער — האָט נישט פאַר־איבעל! דער פשט פונ'ם פסוק איז לויט דעם: דו זאָלסט איהם געבען אַ — „האָט—נישט—פאַראיבעל."

„ווען דער דאָזיגער פשט איז ריכטיג", פרעגט דער יוד אַ קשיא, „וואָסזשע זאָל מיר דאָס וא"ו (פון „ולא")?

„דאָס וא"ו איז טאַקי קשה", ענטפערט ר' מנשה חיים, „אָבער ווי קומט דאָס צו דעם? ווייל ס'איז דאָ אין דער תורה אַ „יתיר-וא"ו" (אַן איבריג ו'), זאָל איך ווערען אַ חסר-כסף? בתמיה!"

29

א קאַרגער צעהרט אַרגער

פון וואַנען איז געדרונגען, אַז „אַ קאַרגער צעהרט אַרגער"?

פון דאַנען:

עס שטעהט אין דער הגדה: רבי יהודה היה נותן בהם סמנים: דצ"ך עד"ש באח"ב. איז דאָך די קשיא: צי וואָס באַדאַרף מען סמנים צו די מכות? נאָר איז דער תרוץ אַזוי: ס'איז אַ ידוע, אַז בּיי יעדער מכה מוז מען אָבּגיסען אַ טראָפּען וויין. ר' יהודה איז אָבּער געווען אַ קאַרגער און ס'איז איהם אַ שאָד געווען דער וויין, האָט ער געמאַכט אַ סימן פון דריי ווערטער, האָפּענדיג, אַז ער וועט זיך אַזוי אַרום איינבּרעננגען זיבּען טראָפּען וויין (דריי פאַר צעהן).

וואָס טוט אָבּער גאָט? גיט ער אַריין די „חכמים" אַ מחשבה, זיי זאָלען מתקן זיין, אַז מען זאָל אָבּגיסען אי בּיי די עשר מכות אי בּיי די דריי סמנים. און אַזוי האָט ר' יהודה, ווי אַלע אַנדערע, געמוזט אָבּגיסען דריי מאָל מעהר ווי פריהער.

30

א סגולה בדוקה

עס שטעהט אינ'ם חומש: כי תשא את ראש בני ישראל, ווען דו וועסט צעהלען די יודען, ונתנו איש כפר נפשו, זאָל אַ יעדער געבּען אַ מטבע (אַ מחצית השקל), ולא יהיה בהם נגף, וועט נישט זיין צווישען זיי קיין מגפה. איז דאָך די קשיא: ווי קומט דאָס צו דעם? אַז זיי וועלען געבּען אַ מטבע, וועט נישט זיין קיין נגף? בתמיה! נאָר דער פשט דערפון איז אַזוי: משה רבנו האָט געקענט זיינע לייט און פאַרשטאַנען, אַז ווען זיי וועלען הערען די ווערטער: „נשיאת ראש", „פקודים", „פאָלקסצעהלונג", וועט תיכף ווערען אַ רעש, אַ מהומה, אַ לויפעריי, אַ יאָגעריי און — וואָס דער עיקר איז — אַ שטופּעריי און אַ שטויסעריי. האָט ער פראָסטי פּשוט מורא געהאַט, עס זאָל חלילה נישט קומען צו הריגות און קעפּפּליהעריי. וואָס האָט ער געטון? האָט ער זיך געדייסען געבּען אַ מחצית השקל, טראַכטענדיג בּיי זיך, אַז ווען יודען וועלען דערהערען: „געלד", ר' ישראל באַצאָהל", וועלען זיי נישט לויפען און נישט יאָגען, ועל כולם, נישט שטופּען זיך און נישט שטויסען. און דאָס טאַקי מיינט דער פסוק: ונתנו איש כפר נפשו ולא יהיה בהם נגף. מאַכט רש"י: זאָלען זיי נאָר געבּען מזומנים, וועט ממילא נישט זיין קיין הריגות און קיין מגפה.

31

צוויי דרשות

מיר איבערגעבן דאָ דעם תכן פון צוויי דרשות, וואָס אַ מגיד האָט געהאַלטן אין דער מיעלטשאָווער שול:

I

אַנימעלט בין איך געקומען אויפ׳ן בית עולם, האָב איך ׳דאָרט געזעהן ליגען אַ בר־מינן ביי אַן אָפען קבר. האָב איך געפרעגט: וואָס איז דאָס? האָט מען מיר געזאָגט: ס׳איז אַ יודענע, וואָס האָט געטראָגען די אייגענע האָר. וואָרין אַ יודענע, וואָס טראָגט די אייגענע האָר, וויל זי אפילו די ערד נישט צונעהמען. בין איך געקומען דעם אַנדערן טאָג, האָב איך געמיינט, אַז די כלבים וועלען זי אַרומשלעפען — ניין! זי איז געלעגען גאַנץ. וואָרין אַ יודענע, וואָס טראָגט די אייגענע האָר, ווילען זי אפילו די כלבים נישט אַרומשלעפען. דערפאַר, נשים, טוט תשובה און טראָגט נישט די אייגענע האָר, וועט אייך די ערד צונעהמען און די כלבים וועלען אייך אַרומשלעפען.

II

רבותי! ס׳איז אַ משל קעגען אַ פערד. ס׳איז פאַרהאַן אַ פערד, וואָס אַזוי ווי עס דערפיהלט נאָר אויף זיך דעם רייטער, געהט עס שוין אַליין. דאָס איז, רבותי, אַ גוט פערד. נאָך איז דאָ אַ פערד, וואָס מען מוז עס אַ ביסעל אונטערשמייסען, און ערשט דערנאָך געהט עס. דאָס איז, רבותי, כ׳מעשה פון אַ פערד. ס׳איז אָבער פאַרהאַן, רבותי, אַ פערד, וואָס דער רייטער שמייסט עס און יאָגט עס און שלאָגט עס און דאָס וויל נישט געהן. דאָס איז, רבותי, גאָר נישט קיין פערד.

דאָס פערד, רבותי, איז קיין פערד נישט און דער רייטער איז קיין רייטער נישט, דאָס מיינט מען טאַקי נאָר די כנסת ישראל. ס׳איז פאַרהאַן אַ יוד׳ל, וואָס באַדאַרף נישט קיין מעורר, באַדאַרף נישט דעם קול פונ׳ם שופר, נאָר ער טוט אַליין תשובה. דאָס איז, רבותי, אַ גוט פערד. ווידער איז דאָ אַ יוד׳ל, וואָס מוז ערשט הערען די תקיעות, די שברים׳ס, דעם רעש און די יללות פון די ימים נוראים, און דערנאָך טוט ער תשובה. דאָס איז, רבותי, כ׳מעשה פון אַ פערד. ס׳איז אָבער פאַרהאַן אַ יוד׳ל, וואָס ס׳פועל׳ט ביי איהם נישט קיין שופר, נישט קיין ראש השנה, נישט קיין יום כפור. ער בלייבט אַ מורד — דאָס איז, רבותי, גאָר נישט קיין פערד.

32

צווי וויכטיגע ענינים

ווען די קייזערין עליזאַבעט פון עסטערייך איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אינ׳ם יאָהר 1898, האָט דער פּיטשעלאיובער רב, וואָס האָט באַקומען אַ באַפעהל „פון אויבען“, די דער׳הרג׳טע מספיד צו זיין, שבת נאָכ׳ן מאָרד געהאַלטען אין דער פּיטשעלאיובער שול דעם דאָזיגען הספד:

רבותי! איהר האָט מסתמא שוין געהערט, וואָס איז געשעהן: אונזערע גרויסע קייזערין, דאָס רעכטע ווייב פון אונזער גרויסען קייזער איז נהרג געוואָרען, אין שווייצאַריען אָדער אין בולגאַריען, איך האָב שוין פאַרגעסען. דער רוצח ימח שמו וזכרו איז, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אַן איטאַ־ליענישער שייגעץ מיט עפּעס אַן אויסטערלישען נאָמען. מילא ס׳איז אַודאי אַ טרויריגע זאַך און איך האָב דערפון גרויס עגמת נפש. נאָר צוריקגע־שמועסט, וואָס קענען מיר דאָ אין פּיטשעלאיוב טון, און בפרט היינט, אינ׳ם הייליגען שבת קודש, וואָס די גמרא זאָגט: שבת היא מלזעוק, ס׳איז שבת און מ׳טאָר נישט שרייען. נאָר מחמת איך וויל ענק, רבותי, נישט פּטר׳ן מיט גאָר נישט און וויל מען שמועסט גראָד פון צווי וויכטיגע ענינים, פון רציחה און פון שבת, וויל איך ענק זאָגען, וואָס איך האָב אַנימעלט אויפגעטון אין דעם ענין פון „ההורג פרעוש בשבת“ (אַז איינער הרג׳עט אַ פלוי אין שבת). די גמרא זאָגט א. אַז. וו.

33

א פלוגתא

ביי איוב שטעהט: ותאמר לו אשתו, און זיין ווייב האָט צו איהם געזאָגט: ברך אלהים ומות, לעסטער גאָט און דו וועסט שטערבען. ויאמר אליה, און ער האָט צו איהר געזאָגט: כדבר אחת הנבלות תדברי, דו רעדסט ווי אַ מרשעת. איז דאָך די קשיא: וואָס איז אייגענטליך דער חילוק צווישען איוב און זיין ווייב? פאַרוואָס זאָגט ער אַזוי און זי אַזוי? נאָר קאָן מען זאָגען אַזאַ תירוץ: אין דער גמרא איז פאַרהאַן אַ פלוגתא: איין מאן־דאמר זאָגט, אַז „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה“, דאָס הייסט, אַז איוב האָט קיינמאָל נישט געלעבט, ער איז נאָר אַן אויסגע־טראַכטער „העלד“ פון אַ דראַמאַ, און דער אַנדערער זאָגט, „איוב היה ונברא“, איוב האָט יאָ געלעבט און די מעשה פון איהם איז אַן אמת׳ע מעשה. היינטשי איצט פאַרשטעהט מען דעם אויביגען ויכוח: איוב׳ס ווייב

האָט געהאַלטען ווי דער תנא, אַז איוב לא היה ולא נברא און דערפאַר טאַקי האָט זי געזאָגט: ברך אלהים ומות, ווי איינער רעדט: סיי ווי סיי לעבסט דו דאָך נישט, וואָסזשע אַרט דיך, אַז דו שטאַרבסט. ער אָבער, איוב אַליין, האָט געהאַלטען ווי דער תנא, אַז איוב היה ונברא, און מחמת דעם האָט ער גע׳טענה׳ט: כדבר אחת הנבלות תדברי, דאָס הייסט: אַז איך לעב, פאַרוואָס זאָל איך נעבּיך שטאַרבען?

34
א פשוט׳ער תרוץ

צוויי לומדים זענען געזעסען בּיי נאַכט אינ׳ם בית המדרש און האָבען מיט זיך געהאַט אַ קישען און אַ גמרא. פּלוצים זענען אַריינגעקומען צוויי קאָזאַקען, האָבען גענומען אַ נעם־צו דאָס קישען און די גמרא און זענען אַוועקגעגאַנגען. קוים וואָס די גזלנים האָבען צוגעמאַכט די טיר, זאָגט איין לומד מיט אַ גמרא־נגון צום אַנדערן: זאָג מיר, כ׳בעט דיך זעהר, ווי האַלטען די דאָזיגע קאָזאַקען? האַלטען זיי ווי דער מאן דאמר, אַז „לא איברי ליליא אלא לשינתא“ (די נאַכט איז נאָר געמאַכט צום שלאָפען), הײנטזשע פאַר־וואָס האָבען זיי בּיי אונז גע׳גזל׳ט דאָס קישען? האַלטען זיי אָבער ווי דער מאן דאמר „לא איברי ליליא אלא לגירסא“ (די נאַכט איז נאָר געמאַכט צום לערנען), פאַרוואָסזשע האָבען זיי בּיי אונז צוגענומען די גמרא?

„דו בּיזט אַ גרויסער טפּש“, ענטפערט דער אַנדערער מיט דעם אייגענעם נגון, „און די זאַך איז קלאָר ווי דער טאָג. איין קאָזאַק האַלט ווי דער תנא, אַז לא איברי ליליא אלא לשינתא, און דער אַנדערער ווי דער תנא, אַז לא איברי ליליא אלא לגירסא, און דערפאַר טאַקי האָבען זיי גענומען בּיידע זאַכען.“

35
בּבּל

אין דער גמרא איז פאַרהאַן אַ פלוגתא: איין מאן דאמר זאָגט, אַז אברהם האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס האָט געהייסען „בכל“ (ער דרינגט זיך דאָס פון׳ם פסוק: „וד׳ ברך את אברהם בכל“), און דער אַנדערער זאָגט, אברהם האָט קיין טאָכטער נישט געהאַט און „בכל“ הייסט פשוט „אַלדינג“. איז דאָך די קשיא: לויט דעם תנא, אַז אברהם האָט געהאַט אַ טאָכטער, הײנטזשע וואָס האָט אברהם בּאַדאַרפט שיקען (אליעזר׳ן) זוכען

אַ כלה פאַר יצחק'ן, ער האָט איהם דאָך געקאָנט חתונה מאַכען מיט זיין שוועסטער „בכל"? (פאַר מתן תורה האָט מען געמעגט נעהמען אַ שוועסטער).

זענען דאָ אויף דעם דריי תירוצים:

ערשטענס: יצחק אַליין האָט געהאַלטען ווי דער תנא, אַז „בכל" הייסט „אַלדינג" און נישט אַ טאָכטער מיט דעם דאָזיגען נאָמען.

צווייטענס: יצחק גופא האָט לעולם געהאַלטען ווי דער מאן דאמר, אַז „בכל" מיינט מען אַ טאָכטער, נאָר ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזען אין אַ מחלוקת. ער האָט געוואָלט נעהמען אַ ווייב, וואָס לעבט לכל הדעות, און נישט אַזעלכע, וואָס לויט איין שיטה איז זי בכלל נישטאָ אויף דער וועלט.

דריטענס: פראָסטי פשוט: יצחק האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט אַ ווייב על פי פשט און נישט על פי דרוש.

36

דער אביי ורבא'ניק אלס בעל עגלה

ר' שכנא, אַ יוד וואָס האָט געלערנט אביי ורבא, פיהרט אַריבער אויף זיין אַלט וועגאַלע עטליכע יודען פון דזיקוב קיין ראָזוואַדוב. פלוצים לאָזט אַ ראָד אַרויס אַ שווערען קרעכץ און — צעשיט זיך.

„וואָס וועט איהר אַצינד מאַכען, ר' שכנא?" פרעגען די פּאַשאַזשערע.

„גאָר נישט. מיר וועלען ווייטער פאָהרען", זאָגט ר' שכנא רוהיג.

„מיט וואָס?"

„מיט אַ קל וחומר. מה-דאָך אַ פיליציפעד, וואָס האָט נאָר צוויי רעדער און פאָהרט, דאָס דאָזיגע וועגאַלע, וואָס האָט דריי, וועט דאָך אודאי פאהרען."

ער פרובט פאָהרען ווייטער, אָבער אַזוי ווי דער וואָגען האָט זיך נאָר אַ ריהר געטון, ווערט צעבראָכען אַ צווייט ראָד.

„מיט וואָס וועט איהר אַצינד פאָהרען?" וויל דער עולם וויסען.

„מיט אַ מה מצינו פון אַ פיליציפעד. פונקט אַזוי ווי אַ פיליציפעד האָט נאָר צוויי רעדער און פאָהרט, אַזוי וועט אונזער וועגאַלע אויך פאָהרען."

דער בעל עגלה פאָהרט עטליכע שריט ווייטער און — טראַסק! אַ דריט ראָד געהט אַ גאַנג.

„מיט וואָס קלערט איהר אַצינד צו פאָהרען?" פרעגען די יודען.

„מיט אַ קל וחומר פון אַ שליטען. מה-דאָך אַ שליטען, וואָס האָט גאָר קיין רעדער נישט און פאָהרט, אונזער פיהרעל, וואָס האָט איין ראָד, וועט דאָך אַודאי פאָהרען."

ר׳ שכנא גיט אַ געשריי „וויאָ!" דאָס פערדיל שלעפּט מיט כל הכּחות, אָבער תּיכף בּיים ערשטען ציה הערט זיך דאָס לעצטע ראָד אויף צו דרעהען.

„און אַצינד?" פאָרשט דער עולם.

„אַצינד וועלען מיר קומען קיין ראָזוואַדוב מיט אַ מה מצינו פון אַ שליטען. פּונקט אַזוי ווי אַ שליטען האָט גאָר קיין רעדער נישט און פאָהרט, אַזוי וועט דאָס וועגעלע אויך פאָהרען."

37

דאָס פּשט׳ל פון׳ם ספּאָדעק

ר׳ זרח פּשט׳ל-זאָגער זיצט אין בית המדרש בּיי אַ גמרא. און מחמת ס׳איז איהם זעהר הייס, טוט ער זיך אויס דעם ספּאָדעק און לערנט אינ׳ם בּלויסען קאַפּעל. נאָך עטליכע מינוט קוקט ער זיך אום און זעהט — והספּאָדעק איננו! דער ספּאָדעק איז פּלוצים נעלם געוואָרען.

ער פאַרטראַכט זיך אויף אַ וויל, דערנאָך הויבּט ער אָן צו זינגען מיט אַ גמרא-נגון:

ווער האָט געקאָנט נעהמען דעם ספּאָדעק? האָט איהם גענומען איינער, וואָס האָט נישט קיין ספּאָדעק, איז דאָך די קשיא: וואו האָט ער זיין ספּאָדעק? האָט איהם אָבער גענומען איינער, וואָס האָט יאָ אַ ספּאָדעק, איז דאָך די קשיא: וואָס טויג איהם מיין ספּאָדעק? ער האָט דאָך זיין ספּאָדעק!

ווידער פאַרטיעפט זיך ר׳ זרח׳ל אין מחשבות און הויבּט אָן אויפס-ניי צו זינגען:

לעולם האָט גענומען דעם ספּאָדעק איינער, וואָס האָט נישט קיין ספּאָדעק. איי איז דאָך די קשיא: וואו האָט ער זיין ספּאָדעק? איז דער תּירוץ: וואו האָב איך מיין ספּאָדעק?

און נאָך אַ תּירוץ איז: לעולם האָט גענומען דעם ספּאָדעק איינער, וואָס האָט יאָ אַ ספּאָדעק. איי איז דאָך די קשיא: וואָס טויג איהם מיין ספּאָדעק? ער האָט דאָך זיין ספּאָדעק. איז דער תּירוץ: פּראָסטי פּשוט! ע ר ו ו י ל ה א ָ ב ּ ע ן צ ו ו י י ס פ ּ א ָ ד ע ק ע ס.

38

דאָס פּשט׳ל פון׳ם קלאָץ

ראובן האָט געזאָגט צו שמעון׳ען: געה, צערהאַק דעם קלאָץ אויף דריי! און איז אַוועקגעפאָהרען. האָט שמעון נישט פאַרשטאַנען, וואָס

ראובן האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „דריי“, צי דריי קלעפּ אין פיער חלקים, צי צוויי קלעפּ אין דריי חלקים. איז ער געגאַנגען זיך באַראָטען מיט לוי'ן. לוי, אַ יוד אַ חריף, האָט אַביסעל נאָכגעקלערט און אַזוי געזאָגט:

ס'איז אַ סברא, אַז ראובן האָט געמיינט דריי קלעפּ אין פיער חלקים. וואָרין ווי דען וועסטו זאָגען? אַז ער האָט געמיינט צוויי קלעפּ אין דריי חלקים, האָט ער דאָך געקעהרט זאָגען: צוויי. אַיי איז דאָך די קשיא: ווען ער זאָל זאָגען „צוויי“, וועל איך גלויבען: איין קלאַפּ אין צוויי חלקים. ניין, דאָס קען איך נישט גלויבען. וואָרין אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט ער נישט בעסער געזאָגט: איינס. וואָלט איך דאָך זיכער געוואוסט, אַז ער מיינט, איין קלאַפּ אין צוויי חלקים (וואָרין ווייניגער איז דאָך נישט געמאָלט). אלא שמע מינה, היינטזשע איז געדרונגען, אַז ער האָט נאָר געקאָנט מיינען: דריי קלעפּ אין פיער חלקים.

39
ער רוימט איין א סוד

קשיא: פאַרוואָס האָט אַ כלב די טבע, אָנצוכאַפּען אַ חזיר דוקא ביים אויער?

תירוץ: די גמרא זאָגט „לית עתירא מחזירא ולית עניא מכלבא“, דאָס הייסט, ס'איז נישטאָ קיין גרעסערער עושר פונ'ם חזיר, וואָס געפינט אומעטום זיין פרנסה, און נישט קיין גרעסערער אָרימאַן פונ'ם כלב, וואָס מוז זיך גוט מוטשען און לאַנג אַרומזוכען, ביז ער געפינט אַ ביין. און טאַקי מחמת דעם כאַפּט דער כלב דאָס חזיר ביים אויער. ער רוימט אידם באָוועך איין אַ סוד: דו ברודער, ביזט דאָך יאָ אַן עושר, פאַרוואָסזשע ביזטו אַ חזיר?

40
פאר וואס ס'קומט איהם ששי

דער שיפּנאָוויצער רב האָט געהאַט צוויי טעכטער, כלה־מיידלעך, מיט זעהר אַ שעהן פּנים און זעהר אַ מיאוס'ען שם. פאַרשטעהט זיך, אַז די מתנגדים פונ'ם רב (יעדער רב האָט מתנגדים) האָבען דאָס געשמאַק באַנוצט און דערפון געמאַכט „גוטע מטעמים“. ס'איז געקומען אַזוי וויט, אַז איינמאָל, שבת פאַר'ן דאַווענען, האָבען אַפּאָר בעלי־בתים אינ'ם בית־המדרש באַשלאָסען, נישט צוצולאָזען, אַז מען זאָל דעם רב געבען „ששי“.

אַ יוד, האָבען זיי געשריגען, וואָס האָט מגדל געווען אַזעלכע גידולים, באַדאַרף נישט קיין „ששי". האָט זיך אָבער אַריינגעמישט ר' נפתלי חיים שפּילקע און געשריגען נאָך העכער: איך וועל אייך באַווייזען, אַז סע קומט איהם יאָ „ששי".

„ווי אַזוי?" האָט דער עולם געפרעגט.

„פון דער תורה", האָט ר' נפתלי חיים געענטפערט. „עס שטעהט ביי די מלכי מדין: את אוי ואת רקם ואת צור. מאַכט רש"י: צור החשוב שבכולם היה, צור איז געווען דער חשוב'סטער צווישען זיי, ומפני מה מנאו שלישי, און פאַרוואָס האָט מען איהם גערעכענט אַלס דריטער, מפני שהפקיר את בתו לזנות, ווייל ער האָט מפקיר געווען זיין טאָכטער (כזבי) צו זנות. — אַצינד פאַרשטעהט איהר מיך שוין? אַז צור האָט מפקיר געווען איין טאָכטער, קומט איהם „שלישי", אונזער רב האָט מפקיר געווען צוויי, קומט איהם „ששי".

41

א בפירוש'ער היתר

קשיא: ס'איז אַ ידוע, אַז די שמחה פון'ם פּאָרפאָלק, וואָס גט' זיך, איז ס'רוב נישט קלענער ווי די פון חתן־כלה. היינטזשע פאַר וואָס טאָר מען אין דער ספירה־צייט נישט חתונה האָבען, אָבער גט'ן זיך מעג מען יאָ?

תירוץ: ווייל דאָס זיך־גט'ן האָט דער בעל הסדור בפירוש מתיר געווען, ווען ער שרייבט (אין דער תפלה וואָס מען זאָגט נאָך ספירה־צעהלען): „כדי לטהרנו מקליפותינו", כדי אונז צו רייניגען פון אונזערע קליפות.

עטליכע טייטשען, סברות און מיינונגען פון עמי־הארצים

42

פאר וואס ער האט געלאכט

אַ יוד דערצעהלט אינ'ם פיטשעלאָוובער בית המדרש אַ טשיקאַווי זאַך. ער האָט דערהאַלטען אַ קאַרטעל פון אַ דאָרפס־יוד, אין וועלכען עס קומט פאָר דאָס וואָרט „כלב“ מיט כ״ף למ״ד פ״א (כלף). דער גאַנצער עולם לאַכט. אָבער מעהר פון אַלעמען לאַכט יוסיל „וואוויטעק“, אַ יוד, וואָס האָט זיך שוין קונה שם געווען אין דער גאַנצער סביבה פאַר אַ געזונטען עם הארץ.

איינער פונ'ם עולם איז געווען אַ בעלן צו וויסען, וואָס יוסיל וואוי־טעקס געלעכטער באַטייט און האָט איהם וועגען דעם געפרעגט.

„וואָס זאָל איך נישט לאַכען?“ ענטפערט יוסיל. „אַ מענש זאָל נישט וויסען, אַז „כלב“ לייגט זיך אויס מיט אַ קו״ף און נישט מיט אַ כ״ף.“

43

דער אמת'ער „חסד“

דריי דאָרפס־יודען שפאַרען זיך. דער איינער זאָגט: דאָס וואָרט „חסד“ לייגט זיך אויס: חי״ת, סמ״ך, טי״ת. דער אַנדערער: חי״ת, ת״ו, דל״ת. דער דריטער: כ״ף, סמ״ך, דל״ת. און מחמת קיינער וויל נישט נאָכגעבען, באַשליסט מען, צו פרעגען אַ שטאָדט־יוד, וואָס געפינט זיך גראָד אינ'ם דאָרף.

דער שטאָדט־יוד הערט אויס דעם ויכוח, גיט אַ שמייכעל, טוט זיך אַ גלעט ביי דער באָרד און זאָגט פּאַוואָלי: איהר זענט אַלע דריי וואוויט־קעס. וואָרין דער אמת'ער „חסד“, דער שטאָדט־„חסד“, לייגט זיך זייט משה רבנו'ס צייטען נישט אַנדערש אויס ווי: כ״ף, ת״ו, טי״ת.

44

א לומדיש'ער כאָפּ

צוויי יודען האָבען אַ וכוח וועגען די ראשי תיבות „ק"ק". איינער זאָגט, דאָס מאַכט „קשה קצת", און דער אַנדערער — „קצת קשה". פּלוצים גיט דער ערשטער אַ קלאַפּ אין טיש און שרייט:

לויט דעם וואָס איהר זאָגט, אַז דאָס מאַכט „קצת קשה", וואָלט דאָך דאָס צווייטע קו"ף געמוזט שטעהן צוערשט!

45

נישט געמאלט

אַ קלויז־עם־הארץ דערצעהלט זיינס אַ חבר אַ מעשה, וואָס דער רמב"ם האָט געהאַט מיט'ן אר"י הקדוש וועגען קבלה.

„נישט קיין נאַרישער כאָפּ!" מאַכט דער אַנדערער חוזק. „דער רמב"ם איז געווען פון די חכמי צרפת און דער אר"י האָט געוואוינט אין אורליינ"ש, וואָס איז ערגיץ העט אין מדינת־הים. היינטשטע ווי אַרום איז איינער געקו־מען צום אַנדערן? אודאי מיט דער באַהן!".

46

די פּשרה

צוויי יודען שפּאַרען זיך. איינער זאָגט, פּורים זאָגט מען גאַנץ הלל, און דער אַנדערער: נאָר האַלב. אַ דריטער הערט צו דעם וכוח, מישט זיך אַריין און מאַכט אַ פּשרה: ווען פּורים געפאַלט אין ראש חודש, זאָגט מען גאַנץ הלל, געפאַלט פּורים אָבער אין אַ פּראָסטען טאָג, זאָגט מען האַלב הלל.

47

צוויי רמזים

צוויי עמי־הארצים זיצען אין זינקאָוויצער בית המדרש און שמועסען פון די „אבות־הקדושים".

„אפילו די נעמען פון די דאָזיגע צדיקים", זאָגט איינער, „זענען אויך נאָר נישט פּשוט. אָט למשל איז מיר אַנימעלט איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז אין די ראשי תיבות פון „יעקב" איז מרומז אַ וויכטיג ענין: ישימך אלהים כאפרים וכמנשה."

„אַזעלכע רמזים", זאָגט דער אַנדערער, „קאָן מען געפינען אין דער הייליגער תורה אומעטום, אויך אין די נעמען פון רשעים. למשל אין „בלק", דאָרט וואו דאָס בי"ת איז אָהן אַ פּינטאַלי.

„דהיינו?"

„בלק" מאַכט: „ואהבת לרעך כמוך."

48

סמו"ט און אטל"ס

אַ יוד זעהט אויף אַ „מזרח" די ראשי תיבות „סמו"ט" [1] און „אטל"ס" [2] און פרעגט אַן אַנדערן דעם פירוש דערפון.

„דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג", ענטפערט דער אַנדערער. „סמו"ט" מאַכט: שנים מקרא ואחד תרגום און „אטל"ס" — אל תשליכנו לעת זקנה."

49

ליכט אדער לעכט

צוויי יודען, איינער אַ גאַליצישער און דער אַנדערער אַ ליטוואַק, זענען זיך מתוכח: דער גאַליצישער זאָגט, אַז „הנרות" איז טייטש: די לעכט, און דער ליטוואַק — „די ליכט". פלוצים גיט דער גאַליצישער אַ שריי אויס:

„איך האָב אַ ראיה פון דער תורה."

„וואָסער ראיה?"

„בהעלותך את הנרות" — טייטשט די וועלט: ווען דו וועסט אָנצינדען די לעכט."

„און איך האָב אויך אַ ראיה", זאָגט דער ליטוואַק.

„פון וואַנען?"

„פון דעם אייגענען פסוק: „יאירו שבעת הנרות" — טייטשט די וועלט: זאָלען לייכטען די זיבען ליכט."

50

די וייב אדער דאס ווייב

אַן עהנליכע מעשה ווי אויבען, נאָר מיט אַן אַנדערן נוסח.

אַ גאַליצישער און אַ ליטוואַק שפּאַרען זיך. דער גאַליצישער זאָגט:

---

1) סור מרע ועשה טוב

2) אך טוב לישראל סלה

„האשה" הייסט: „דאָס ווייב", און דער ליטוואַק — „די ווייב". פּלוצים גיט דער גאַליצישער אַ קלאַפּ אין טיש אַרײַן און שרייט:

„ווי קאָנסט דו זאָגען „די ווייב", אַ מעהר ס'שטעהט דאָך בפירוש אין משפטים: האשה וילדיה, דאָס ווייב און איהרע קינדער?"

„צו וואָס באַדאַרף איך", שרייט דער ליטוואַק צוריק, „פאַרקריכען קיין „משפטים", ווען עס שטעהט שוין אין „בראשית": ותאמר, זי האָט געזאָגט, האשה, די ווייב?"

51

אשכנז'יש און ספרד'יש

דער מלמד ר' אפרים מנשה'ס פון מיעלטשאָוו טרעפט דעם מורה עברי „בן-צפור", אַ יונגען מאַן, וואָס האָט אַריבערגעבראַכט די „הברה ספרדית" פון לעמבערג קיין מיעלטשאָוו, און לאָזט זיך מיט איהם אַריין אין אַ שמועס וועגען דעם ענין „אשכנז'יש און ספרד'יש".

„זאָגט נאָר, כ'בעט אייך זעהר", פאָרשט דער מלמד, „ווי הייסט אין אייער הברה „בלק"?"

„באַלאַק", גיט דער מורה אַ תשובה.

„משוגע מטורף כי לעולם חסדו! — ווייטער! און — "הָרַחֲמָה"?

„האַראַחאַמאַ."

„אַזוי!" מאַכט ר' אפרים חוזק, „האַ-ראַ-חאַ-מאַ"! באמת טייער! נאָר איין זאַך פאַרשטעה איך נישט. ווען איך זאָל זאָגען, אַז דאָס קמץ איז אַן „אַ", פאַרוואָסזשע זאָגט די גאַנצע וועלט: „קאָ-מעץ" און נישט — „קאַ-מעץ"?"

„די גאַנצע וועלט אייערע איז אשכנז'יש, ענטפערט דער לעהרער. „אויף ספרד'יש הייסט די תנועה נישט „קאָ-מעץ", נאָר „קאַ-מעץ".

„האַ? וואָס?", גיט דער מלמד אַ שריי ארויס. „קאַ-מעץ"? „באַלאַק" און „האַ-ראַ-חאַ-מאַ" זענען אייך נאָך וועניג, געהט איהר שוין גאָר מאַכען אַ תל אויס די תנועות גופא? טפוי זאָלט איהר ווערען!"

דאָס אויסגערעדט, גיט ר' אפרים אַ שפּיי אויס און געהט אַוועק אָהן אַ זיי געזונד.

52

הממליך — מען זאַלצט

ישראל'קע „פּויער" פון פיטשעלאיוב האָט איינמאָל געטייטשט:

הממליך מלכים ולו המלוכה, איז דער פשט: מען זאַלצט און מען זאַלצט און ס'איז נישט געזאַלצען.

53

פינף וויכטיגע זאכען

מען האָט איינמאָל געפרעגט דעם דערמאָנטען ישראל'קע, וואָס ער ווייסט עפּעס פון אברהם אבינו.

„דאָס חומש", האָט ער געענטפערט, „דערצעהלט פון איהם אַ גוזמא מעשיות. אָבער איך האָב שוין אַלדינג פאַרגעסען. נאָר פינף זאַכען געדענק איך נאָך ווי היינט: אַז ער איז געווען נחור'ס איינִיקעל, קטורה'ס מאַן, יקשן'ס פאָטער, דדן'ס זיידע [1]) און יעלם'ס אַן עלטער זיידע." [2])

54

נישט משוגע, נאר הונגעריג

אין פיטשעלאיובער בית המדרש איז איינמאָל תשעה באב ביים דאַוונען געשעהן אַ וואונדערליכע זאַך: ישראל'קע „פּויער" האָט פּלוצים אַראָפּגעכאַפּט די תפילין פון דער האַנד און זיי געגעבען אַ טליק אַנידער אויף דער ערד.

דאָס גאַנצע בית המדרש איז זיך צונויפגעלאָפען:

„זענט איהר משוגע צי חסר דעה?" האָט דער עולם געשריגען.

„חלילה!" האָט ישראל'קע באַרוהיגט די שרייער. „איך בין נישט משוגע, נאָר — זעהר הונגעריג און איך האָב מיר געוואָלט איינברענגען דעם רעשט תענית."

„הא? וואָס?" חדוש'ען זיך די יודען. „אַז מען וואַרפט אַראָפּ תפילין, מעג מען תשעה באב עסען?"

„אַודאי!" האָט ישראל'קע געענטפערט. „איך האָב אין דערהיים אַ קליין שלחן ערוך'ל אויף עברי טייטש און דאָרט שטעהט בפירוש, אַז ווען מען לאָזט אַראָפּ די תפילין של יד, באַדאַרף מען נישט פאַסטען."

55

די ראשי תיבות פון „סכות"

מען האָט געפרעגט ישראל'קע פּויער אינ'ם פּיטשעלאַיובער בית המדרש,

1) דדן דער זוהן פון יקשן בן אברהם (בראשית קאפ. כ"ה).
2) יעלם עשו'ס זוהן (בראשית ל"ו).

וואו ס׳געפינט זיך אַ רמז צו די שבעת ימי המשתה אין דער תורה.

„איצט וויים איך נישט", האָט ישראל׳קע געענטפערט. „אָבער ווען איהר וועט מיר געבען דריי מעת לעת צייט צום נאָכקלערען, וועל איך אייך באַשטימט זאָגען אַן ענטפער".

נאָך דריי טעג קומט ישראל׳קע אין בית המדרש אַריין מלא גדולה און ברענגט אַ תשובה:

„ס׳איז געדרונגען פון סכות. פונקט אַזוי ווי סכות איז זיבען טאָג, אַזוי אויך די ימי המשתה."

„ווי קומט עפעס אַ חתונה צו סכות?" האָט דער עולם געפאָרשט.

„אין די ראשי תיבות פון „סכות" איז מרומז די שמחה פון חתן־כלה."

„ווי אַזוי?"

„סכות" מאַכט: קול ששון וקול שמחה.

56

בועז נישט און רש"י יא

אינ׳ם פיטשעלאַיובער בית המדרש פרעגט איין בחור דעם אַנדערן אַ קשיא:

אויף דעם פסוק (אין רות) „ויאמר בעז"... „למי הנערה הזאת" זאָגט רש"י: „וכי דרכו של בועז לשאול בנשים", איז דען דער שטייגער פון בועז צו פרעגען אויף ווייבער? איז דאָך די קשיא: אַמעהר רש"י גופא שרייבט אין פרשת וישלח: „ודינה היכן היתה", און וואו איז דינה געווען? פאַרוואָס האָט רש"י יאָ געמעגט פרעגען און בועז נישט?

דער אַנדערער בחור האָט געוואָלט עפעס ענטפערן, אָבער ישראל׳קע „פויער", וואָס איז גראָד געזעסען דאַבײַ, איז געגעבען אַ פאָהר אַריין אין דער מיט:

„אודאי אַזוי! בועז האָט נישט געמעגט און רש"י יאָ!"

„פאַרוואָס עפעס?"

„ווייל בועז איז געווען אַ זכר און רש"י — אַ נקבה."

57

דער טעות פונ׳ם בעל הגדה

אינ׳ם שיפּנאָוויצער שטיבעל אין מיעלטשאוו ווייזט איין חסיד דעם אַנדערן אַ גרייז, וואָס ער האָט געפונען אין אַ ספר. עס שטעהט דאָרט:

„רש״י הקדוש״ (און נישט „הקדושה״), כאָטש יעדעס פּיצאַלי קינד ווייסט, אַז רש״י איז אַ לשון נקבה (די רש״י).

דער אַנדערער ווערט נישט שטאַרק נתפּעל און זאָגט:

„ראשית איז גאָר געמאָלט, אַז נישט דער מחבר איז שולדיג אין דער זאַך, נאָר דער מדפּיס. און שנית: איידער איהר וואונדערט אייך דאָ אויף דעם טעות פון עפּעס אַ מחבר׳ל, וואונדערט אייך ליבער אויפ׳ן טעות פונ׳ם בעל הגדה.״

„וואָסער טעות?״

„עס שטעהט אינ׳ם מה נשתנה: „הלילה הזה״ (נישט „הזאת״), כאָטש די גאַנצע וועלט זאָגט: „די נאַכט.״

58

דם, צפרדע, בנים...

דער אַרענדאַר משה הערש פון נאָוואָ-פּיטשעלאַיובא זיצט ביים סדר און שרייט אויף אַ קול:

„דם, צפרדע, בנים...״

פּלוצים איבערשלאָגט איהם זיין איידעם ישכר בער די רייד:

„שוועהר, דאָס מאַכט נישט „בנים״, נאָר — „כנים.״

„דול נישט דעם ספּאָדעק!״ זאָגט דער אַרענדאַר מיט כעס. „בנים איז אויך אַ מכה!״

59

בנפשו — זיין ווייב

אין דער ווייבערישער שול אין מיעלטשאָוו שטעהן ראש השנה ביי מוסף ווייבער, שאָקלען זיך פּאַוואָלי און זאָגען נאָך, ס׳רוב געוועהנליך נישט ריכטיג, דער „פּירזאָגערין״ דעם עברי-טייטש פון „ונתנה תוקף״. מען קומט צו „בנפשו יביא לחמו״ און די פּירזאָגערין פּאַרטייטשט: בנפשו, מיט זיין לייב, יביא לחמו, ברענגט ער זיין ברויט. דער „טייטש״ ווערט מגולגל פון מויל צו מויל, פון באַנק צו באַנק, ווערט וואָס אַמאָל מעהר צעקאַליטשעט, ביז ער באַקומט אויף דער לעצטער באַנק די דאָזיגע צורה: בנפשו, זיין ווייב, יביא לחמו, ברענגט איהם דעם טויט.

60

אלץ איהם

ר' שלום מאיר װארטשלינגער פון פיטשעלאיוב זיצט בײם סדר און זינגט, זעהר גיך װי געװײנטליך, מיט'ן באַקאַנטען נגון דעם פּיוט „אדיר הוא". פּלוצים איבערשלאָגט איהם דאָס יונגעל זײנס, אַ בחור'ל פון צװעלף יאָהר, די רייד:

„טאַטע, דו „רייבסט" דאָ עפּעס אַ מאָדנע זאַך, װאָס יעדעס צװײטע װאָרט דערפון איז „הוא"; אדיר הוא, בחור הוא, דגול הוא — װאָס באַטײט דאָס אַלדינג?"

„פרעג נישט קיין קשיות!" ענטפערט ר' שלום מאיר, װאָס איז נישט קיין גרױסער מר בר רב אשי. „דאָס מײנט מען אַלץ איהם, אַלץ איהם, טאַקי דעם רבונו של עולם מײן איך."

61

ארױסגעגנב'עט פון'ם סדור

אין קיזאװיץ האָט זיך געטראָפען אַ מיאוס'ע מעשה:

דער רב ר' איטשאַלע האָט שבת הגדול געהאַלטען אַ דרשה, װאָס מען האָט זי דערנאָך געפונען מלה במלה אינ'ם „דורש לציון". װי געװײנט־ליך האָט דאָס שטעדטעל אָנגעהױבען רודערן אױף אַלע כלים און דעם רב גוט גענומען אין דער אַרבײט אַרײן. אױך דער ראש הקהל האָט מסתמא נישט געשװיגען. אדרבה, ער האָט תיכף צוזאַמענגערופען די פרנסים און דעם גאַנצען „פני" צו אַן אסיפה מיט'ן סדר־היום: „װאָס טוט מען?".

געקומען צו דער אסיפה, האָט איטליכער געזאָגט זײן מײנונג. דער אײנער האָט געטענה'ט: דאָס איז קיין רב נישט, דער אַנדערער: דאָס איז אַ רב, דאָס? דער אײנער: מ'טאָר נישט שװײגען, דער אַנדערער: מען מוז עפּעס זעהען צו טון און אַז. װ.

נאָר אײנער פון די פרנסים, ר' יאָקילע מרגליות, בטבע אַ רײדעװדיגער מענש, איז געזעסען שטום װי אַ פיש.

דעם ראש הקהל האָט דאָס זעהר שטאַרק געװאונדערט און ער האָט געװאָלט װיסען דעם טעם דערפון.

„זאָגט נאָר, פאַני מרגליות", האָט ער געפּאָרשט, „װאָס זיצט איהר עפּעס הײנט די גאַנצע צײט און שװײגט?"

„װאָס זאָל איך שרײען?", האָט ר' יאָקילע געענטפערט, „בײ מיר

איז די גאַנצע זאַך נישט אַזוי שרעקליך. וואָס דוד המלך האָט געמעגט טון, מעג אונזער רב אַודאי."

„וואָס האָט דוד המלך געטון?"

„נעביך גאָרנישט!" מאַכט ר' יאָקילע חוזק. „ער האָט נאָר אַרויס־גע'גנב'עט די שעהנסטע תפלות פונ'ם סדור און זיי אַריינגעשטעלט אין זיין תהלים'ל, ווי למשל די הללויה'ס."

62
די נארישע קשיא

אַ דאָרפס־מלמד פאַרטייטשט זיין תלמיד די משנה: שור שנגח את הפרה, אַן אָקס וואָס האָט געשטויסען אַ קוה... פלוצים גיט דאָס יונגעל אַ פאָהר אַריין אין דער מיט:

רבי, איך וואָלט געוועזן אַ בעלן צו וויסען, וואָסער קוה דאָס איז געווען. אַ רויטע, אַ שוואַרצע, אָדער אַ קראַסע."

דער מלמד האָט געוואָלט געבען אַ תשובה. אָבער איידער ער האָט נאָך געקאָנט זאָגען אַ וואָרט, גיט אַ קום אַריין פון דער אַנדערער שטוב דער אַרענדאַר חיים תּגא „חם", דעם יונגעלס פאָטער, גיט דעם בחור אַ גע־זונטען פלאַסק אין פנים און שרייט מיט'ן העכסטען קול:

„נאַדיר אַ תרוץ אויף דיין נאַרישער קשיא, דו עשו דו! איך האָב דיר שוין טויזענדמאָל געזאָגט, אין דער היים און אויף יאַרידים, אַז ביי אַ קוה איז די פאַרב בלאָטע. דער עיקר איז נאָר: די יאָהרען, די געזונטהייט און די מילך וואָס זי גיט!"

63
דער רב און דער דארפסיונג

אַ טאָג פאַר ערב יום כפור קומט אַ משרת פון אַן אַרענדאַר צום זינקאָוויצער רב, גיט איהם איבער פון זיין בעל הבית דריי גילדען „כפרה־געלד"[1] מיט די דאָזיגע ווערטער:

„רבי, מיין בעל הבית לאָזט אייך זאָגען, ער שיקט אייך איין גילדען, כדי איהר זאָלט זיין זיין כפרה. ער שיקט אייך נאָך אַ גילדען, איהר זאָלט זיין זיין ווייב'ס כפרה, און נאָך אַ גילדען, איהר זאָלט זיין זיין זוהנ'ס כפרה."

---

[1] אזוי האט מען גערופען דאס געלד, וואס די בעלי בתים פלעגען פארצייטענס גע־בען דעם רב פאר יום כפור.

מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען האָט דער רב צוגענומען דאָס געלד און — געשוויגען, קלערענדיג בּיי זיך, אַז דאָס איז דאָס בּעסטע פּאָרטעל, דעם יונגאַטש בּאַלד פּטור צו ווערען.

אָבער דער משרת האָט זיך נישט גערירט פון׳ם אָרט.

„וואָס ווילסטו נאָך?" פרעגט דער רב.

„רבי", גיט דער בחור אַ לאָז אַרויס אַ קול, „דער בעל הבית האָט אייך זעהר געלאָזט בּעטען, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און זיין אויך מיין כפרה."

„האָסט דו געלד?"

„ניין."

„וואָס? אָהן געלד?" בּייזערט זיך דער רב. „מילא פאַר געלד מוז איך, אָבער בחנם — זיי דו מיין כפרה!"

64

ילחם — ער וועט געבען ברויט

פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דער אויבּערשטער וויל נישט, אַז דער מענש זאָל זיך פאַרלאָזען אויף נסים?

עס איז געדרונגען — אַזוי האָט אַמאָל אַן עם־הארץ געזאָגט — פון׳ם פסוק „ד׳ ילחם לכם ואתם תחרישון". איז דער פּשט: ד׳ ילחם לכם, גאָט וועט אייך געבען ברויט (פון לחם—ברויט), ואתם תחרישון, אָבער איהר מוזט צוערשט אַקערן (פון חרוש—אַקערן).

65

די הנאה פון׳ם גוסס

ליגענדיג אין דער גסיסה, רופט דער אַרענדאַר ראובן געציל זיין זוהן הערש׳קע צו צום בעט, טוט אַ שמייכעל און זאָגט:

„הערש׳קע, איך האָב אַ הנאה."

„פון וואָס, טאַטע?" פרעגט דער זוהן.

„פון דער דאָזיגער זאַך", ענטפערט דער גוסס: „זינט איך בּין גע־קומען צום שכל, איז מיר תמיד קשה געווען אַ קשיא: פאַרוואָס זומער, ווען די טעג זענען לאַנג, זאָגט מען (אין׳ם פּרק) „היום קצר" (והמלאכה מרובה), דער טאָג איז קורץ, און ווינטער, ווען די טעג זענען קורץ, זאָגט מען (אין „ברכי נפשי"), ווי אויף להכעיס, „זה הים גדול", דער טאָג

איז גרויס? איך האָב די דאָזיגע קשיא שוין געפרעגט כמה וכמה רבנים און תלמידי חכמים, אָבער קיינער האָט מיר נישט געקאָנט געבען דעם ריכ־טיגען תירוץ. איצט אָבער, האָף איך, וועל איך באַלד קומען אויף דעם עולם האמת און וועל קענען פרעגען דעם „סדור" אַליין..."

66

ביז דער רבנו תם וועט קומען...

דער אַרענדאַר משה הערש קומט אין פּיטשעלאַיובער בית המדרש אַריין, זעהט אַ פּאָר תפילין ליגען אויפ׳ן טיש און וויל זיי נעהמען לייגען. דאָס זעהט דער שמש, גיט אַ קום־צו און זאָגט:

„רבי קרוב, דאָס זענען רבנו תם׳ס תפילין."

„האָט נישט קיין מורא!" ענטפערט משה הערש. „איך וועל געבען געשווינד אַ דאַווען, און ווען דער רבנו תם וועט קומען, וועל איך שוין לאַנג זיין פאַרטיג."

אפּיקורסים

מעשיות, סברות און אויפֿטו׳ס

67

דאס לויב פונ׳ם בת קול

פון אַ באַוואוסטען גאַליצישען אפיקורס דערצעהלט מען דעם דאָזיגען אויפטו:

די גמרא זאָגט: בשעה שתקן שלמה עירובין, יצאה בת קול ואמרה: חכם בני ושמח לבי. ווען שלמה המלך האָט מתקן געווען דעם עירוב, איז אַרויסגעגאַנגען אַ בת קול און האָט געזאָגט: זיי קלוג, מיין זוהן, און דערפריי מיין האַרץ. איז דאָך די קשיא: וואָסער חכמה שטעקט אינ׳ם עירוב? נאָר איז דער תירוץ דערפון אַזוי: עס שטעהט אין פסוק: אל תשאו משא ביום השבת, איהר זאָלט נישט טראָגען קיין לאַסט אים שבת. וואָלט דאָך געווען די סברא, אַז נאָר אַן אמת׳ע משא (למשל אַ זאַק מעהל, אַ קלאָץ וכדומה), ווייל ס׳איז אַ מלאכה, אָבער אַ לייכטע זאַך (למשל אַ נאָדעל, אַ מעסער׳ל, אַ נאָז-טיכעל) זאָל מען יאָ מעגען. זענען אָבער געקומען יודען און געטייטשט: משא—אַלדינג וואָס מען טראָגט, אפילו אַ נאָדעל אויך. דעם קעניג שלמה איז דער דאָזיגער געקוועטשטער טייטש נישט געפעלען. ער האָט אָבער געקענט די יודלעך און פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז לייכטער מלחמה צו האַלטען מיט צעהן מלכים ווי מיט איין טייטש, וואָס יודען טייטשען. האָט ער נאָכגעקלערט נאָך אַזאַ מין פאָרטעל, וואָס ער זאָל קענען דערמיט וואַשען דעם פעלץ פון די יודען און איהם נישט נאַס מאַכען, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: דער טייטש זאָל בלייבען טייטש און יודען זאָלען פאָרט מעגען טראָגען אים שבת. און ער האָט געפונען דעם עירוב. ווי איינער רעדט: זה לעומת זה. אַז דו זאָגסט, אַז אַ נאָדעל איז אַ משא, זאָג איך, אַז אַן עירוב איז אַ מחיצה. און טאַקי די דאָזיגע חכמה האָט דאָס בת-קול געלויבט.

68

געה זיי א חכם

פון ראובן אשר ברוידעס דערצעהלט מען נאָך די דאָזיגע תורה: דער פסוק זאָגט: ותדבר מרים ואהרן במשה על אדות האשה הכושית

אשר לקח, כי אשה כושית לקח, מרים און אהרן האָבּען גערעדט אויף משה וועגען דער כושית, וואָס ער האָט גענומען פאַר אַ ווייב, וואָרין ער האָט גענומען אַ כושית. איז דאָך די קשיא: וואָס טויג מיר דער צווייטער טייל פונ'ם פסוק (וואָרין ער האָט וכו׳)? נאָר איז דער תירוץ אַזוי: משה רבנו האָט געזעהען ברוח הקודש, אַז ס'וועט איינמאָל קומען אויף דער וועלט אַ מין זאַך, וואָס וועט הייסען „דרוש" און וועט מאַכען אַ תל פון די פסוקים. האָט ער מורא געהאַט, אַז ווען אַ יוד'ל וועט אין דער דאָזיגער „דרוש-פעריאָד" לייענען: על אדות האשה הכושית אשר לקח, וועט ער זאָגען: וואָס? משה רבנו האָט חתונה געהאַט מיט אַ כושית? מיינע שונאים זאָלען אַזוי לעבען! נאָר דער פשט דערפון איז אַזוי און אַזוי. און טאַקי מחמת דעם האָט ער געזאָגט נאָכאַמאָל: כי אשה כושית לקח. ווי איינער רעדט: דו'ל נישט דעם ספּאָדעק און פאַרדרעה נישט דעם פסוק! אַזוי איז עס און נישט אַנדערש! וואָס איז אָבער געווען דער סוף? קומט צו געהן עפּעס אַ פירוש און זאָגט: טאַקי ווייל ס'שטעהט צוויי מאָל, איז געדרונגען, אַז דער מדרש האָט רעכט מיט זיין דרוש, אַז דאָס איז בכלל נישט געווען קיין כושית, נאָר אַ יודינע מיט אַ שוואַרץ פנים (ווי אַ כושית). וואָרין צוויי מאָל יאָ, איז איינמאָל ניין (אין רבוי אחרי רבוי אלא למעט). אַצינד געה זיי אַ חכם קעגען יודען!

69

ווען אַן אפיקורוס טוט תשובה...

אַ באַקאַנטען גאַליציישען אפיקורוס האָט זיך אַמאָל געטראָפען אַ נישט אַנגענעהמע זאַך: ער איז שווער קראַנק געוועזען, אַזוי אַז די דאָקטוירים האָבען איהם שוין מיאש געווען און — האָט תשובה געטון. אויף להכעיס די רופאים איז אָבער דער חולה צוריק געזונד געוואָרען.

ווי דער שטייגער איז, האָט די „שטאָדט" גענומען דעם בחור אין דער אַרבייט אַריין.

„הע?", האָט דער עולם חוזק געמאַכט. „אַזאַ וועלטס-אפיקורוס ווי דו, דערשרעקט זיך פאַר'ן מלאך המות און איז חוזר בתשובה?"

„תשובה?" האָט דער אפיקורוס געענטפערט. „לא מניה ולא מקצתיה! איך האָב נאָר געוואָלט באַווייזען, אַז דאָס וואָס די גמרא זאָגט, רשעים אפילו בפתחה של גיהנם אינם חוזרין (רשעים טוען נישט קיין תשובה אפילו ווען זיי שטעהען שוין ביי דער טיר פונ'ם גיהנם), — אַז אויך דאָס איז אַ גרויסער ליגען.

70

די פיער טעמים

דער אַלטער זינקאָוויצער האָט געפרעגט אַ באַקאַנטען אפיקורוס, פאַרוואָס ער פאַסט נישט צום גדליה?

„צוליעב פיער טעמים", איז געווען די תשובה:

ערשטענס: ווען גדליה וואָלט נישט ביים ערשטען חורבן דער'הרג'עט געוואָרען, וואָלט ער סיי ווי סיי נישט מעהר געלעבט. צווייטענס: ווען מען וואָלט מיך דער'הרג'עט, וואָלט גדליה אויך נישט געפאַסט. דריטענס: פשוט, ווייל איך בין הונגעריג. פיערטענס: וואָס איז עפּעס צום גדליה מעהר מיוחס ווי יום כפור? יום כפור פאַסט איך דען יאָ?

71

דריי וואס האבען פארגעסען

הען ר. א. ברוידעס איך נאָך געווען אַ בחור, פלעגט ער יעדען שבת נאָכמיטאָג מיט נאָך צוויי בחורים, אפיקורסים ווי ער, זיך פאַרמאַכען אין אַ שטיבעל, כדי דאָרט אומגעשטערט מקיים צו זיין די „מצוה" פון „תבערו אש בכל מושבותיכם". איינמאָל, ווי זיי האָבען גראָד געהאַלטען אין דער מיט עבודה, געהט פאַרביי אַ יודיל, גיט אַ קוק דורכ'ן פענסטער, זעהט וואָס ס'טוט זיך און הויבט מסתמא אָן צו שרייען „געוואַלט"! ווי געוויינטליך, קומט דאָס גאַנצע „שטעדטיל" צו לויפען און הערט, וואָס דער יוד האָט געזעהן. נישט לאַנג קלערענדיג, רייסט דער עולם אויף די טיר. נאָך אַ קורצער באַראַטונג באַשליסט מען, די בחורים איינציגווייז צו נעהמען אין דער אַרבייט אַריין.

מען נעמט צוערשט איין חוטא און הויבט איהם אָן צו מקל'ען כמו שכתוב. דערשפירט קלעפּ, האָט דער בחור אַרויסגעלאָזט אַ געוואַלט:

„לאָזט מיך געמאַך!" האָט ער געשריגען. „איך בין אומשולדיג אין דער זאַך, איך האָב פאַרגעסען."

„וואָס האָסטו פאַרגעסען?" פרעגט מען איהם.

„איך האָב פאַרגעסען, אַז ס'איז היינט שבת."

„טאָמער טאַקי", רופט זיך איינער אָן. די יודען ווערען ווייך. מען לאָזט איהם צורוה און מען נעמט זיך צום אַנדערן בחור. אָבער אויך ער האָט דעם אייגענעם תירוץ: ער האָט פאַרגעסען.

„וואָס האָסט דו פאַרגעסען?" וויל דער עולם וויסען.

„איך האָב פאַרגעסען, אַז מען טאָר שבת נישט רייכערען."

די יודען באַקומען רחמנות. מען שיקט אויך דעם צו „אלדי רוחות“ און הויבט זיך אָן מתעסק צו זיין מיט דעם „ראש המדברים“, מיט ברוידעס׳ן.

„און דו, טייערער תכשיט?“ מאַכט די חברה חוזק. „האָסט אפשר אויך פאַרגעסען?“

„אודאי האָב איך פאַרגעסען.“

„וואָס?“

„איך האָב פאַרגעסען — אראָפּצולאָזען די פּאָרהענגלעך.“

72

א שאַרפער ענטפער

דער לעמבערגער ראש הקהל שמעלקא האַראָוויץ, א באַריהמטער גביר און באַזיצער פון גאַרזשעלניעס (בראָנפען־ברענערייען), באַגעגענט ברוי־דעס׳ן אויף דער גאַס און זעהט אַז ער איז אַביסעל „בגילופין“. ווי גע־וויינטליך, לאָזט ער זיך אַריין מיט דעם קלוגען אפיקורוס אין אַ שמועס:

„איין זאַך פאַרשטעה איך נישט, פּאַני ברוידעס. וואָס וועט איהר טון אויף דעם עולם האמת אָהן דעם ביטערען טראָפּען?“

„איהר האָט אַ גרויסען טעות, ר׳ שמעלקא“, ענטפערט מניה וביה דער געפרעגטער. „לויט מיין מיינונג וועט מען אויך אויף יענער וועלט באַקומען אַ גלעזיל משקה. וואָרין אַ הוה אמינא — איהר וועט דאָרט נישט ברענען?“

73

האַלב גע׳פּועלט און האַלב נישט

דער מיעלעטשאָווער שוחט ר׳ שבתי, אַ געבוירענער ליטוואַק, האָט געהאַט אַ מאָדנע מנהג: ער פלעגט יעדען שבת נאָכמיטאָג זיך מתבודד זיין אין אַ שטובעל אויף אַ האַלבע שעה און בשעת מעשה — אויס־רייכערן אַ פּייקע טיטון. פאַרשטעהט זיך, ביי פאַרהאָנגענע פענסטער און אַ צוגעריגעלטער טיר.

איינמאָל שבת, ווי ר׳ שבתי זיצט אַזוי פאַרטיפט אין מחשבות און לאָזט רויכעס, גיט אַ קום אַריין — דער מתבודד האָט דאָסמאָל די טיר שלעכט צוגעריגעלט — דער מיעלעטשאָווער חזן ר׳ יום טוב ליפּא, אויך אַ ליטוואַק, און זעהט וואָס ס׳טוט זיך. ער קלערט נישט לאַנג און הויבט אָן צו געוואַלדעווען מיט׳ן העכסטען קול: געוואַלט! שייגעץ! מחלל ש...

דאָס וואָרט „שבת" האָט ער נישט געקאָנט ענדיגען, מחמת דער חוטא איז דערווייל גיך געגעבען אַ לויף צו און האָט איהם צוגעהאַלטען דאָס מויל מיט דער האַנד.

„קודם שווייגט!" האָט דער שוחט געפרובט באַרוהיגען דעם צעהיצטען שרייער, „דערנאָך וועט איהר שוין אַלדינג הערען."

„וואָס ווילסטו נאָך האָבען צו זאָגען, משומד איינער?" האָט ר' יום טוב ליפא, נאָכדעם ווי ער האָט אַוועקגעריסען דעם שוחט'ס האַנד פון'ם מויל, ווידער אָנגעהויבען צו שרייען, אָבער שוין מיט אַ שטילער קול ווי פריהער.

„איך האָב אַזוי פיעל צו זאָגען, אַז איהר זענט — בלי שום ספק — געוועכט. איך בין טאַקי אַזוינער און אַזעלכער. אָבער פאַרגעסט נישט, אַז איך האָב קליינע קינדערלעך, כשר'ע אומשולדיגע נשמות, און ווען איהר וועט חלילה מגלה סוד זיין, וועלען זיי, די אָרימע שעפעלעך, אויסגעהן פאַר הונגער."

„וואָס דו טענה'סט דאָ מכח די קינדער", האָט דער חזן געענטפערט שוין כמעט מיט זיין געוויינטליכער שטימע, „האָסט דו אפשר רעכט. אָבער זאָגען זאָג איך דיר, אַז דו ביזט אַ רשע מרושע, אַ פושע באלקי ישראל."

„איך זעה, אַז איך האָב געפועל'ט און איך זאָג אייך דערפאַר אַ שעהנעם דאַנק. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלדינג. איך האָב נאָך אַ בקשה צו אייך."

„וואָסער בקשה?"

„איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און — געבען אַ ציה פון'ם פייקאַלע. איהר זענט קיין עין הרע אַ ייד אַ חכם און וועט פאַרשטעהן, אַז דער שרעקליכער געדאַנק, איהר קאָנט נאָך חלילה וחס אַמאָל האָבען אַ שוואַכע מינוט — דער יצר הרע פון פרומקייט איז זעהר גרויס — און געהן דערצעהלען, וואָס איהר האָט געזעהן, איז עלול מיך אַוועקצוברענגען יונגערהייט פון דער וועלט. און וואָס וועלען דעמאָלט מיינע אָרימע ווערימלעך נעביך טון? אַזוי אָבער, אַז איהר וועט זיין אַ שותף — פאַרשטעהט איהר מיך?"

דער חזן פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווייל. פלוצים גיט ער אַ לאָז אַרויס אַ קול:

„אָפּגעדאַרט זאָל דיר ווערען די צונג, דו ירבעם בן נבט! זי קאָן מאַכען פון טויט לעבעדיג און פון אַ צדיק — אַ רשע. נאָר פון-

דעסטוועגען, ווען דו מיינסט, אַז דו האָסט מיך שוין איינגאַנצען מנצח געווען, ביזט דו דיך שטאַרק טועה. דיין נצחון איז נאָר אַ האַלבער.״

„וואָס הייסט דאָס?״

„דאָס הייסט, אַז אַ ציה וויל איך טאַקי געבען, אָבער נישט פון דיין פייקאַלע, נאָר — פון מיין אייגענעם, וואָס איך טראָג תמיד ביי מיר אין קעשענע, ס י י א י ן ד ע ר װ א ָ כ ע ן ס י י ש ב ת.״

74

שוין אוים מיוחס

יאָקילע אפיקורוס פון מיעלטשאוו באַריהמט זיך פאַר זיין חבר יעקילע מיט זיינע אפיקורסישע מעשים. צווישען אַנדערע חדושים דערצעהלט ער, אַז ער האָט זינט כמה שנים אַ מנהג, לכבוד תשעה באב זיך צו קויפען אַ פעטען אינדעק און אַ פלאַש „טאָקייער״ און צו פראַווען אַ טיש כמה שכתוב.

יעקילע צעלאַכט זיך און זאָגט:

„אָ דיר אַ שווארץ יאָהר, יאָקילע! דו מאַכסט דיר נאָך אוים תשעה באב אַ יום טוב? ביי מיר איז דאָס דאָזיגע תענית׳ל שוין לאַנג אוים מיוחס און איך עס אין איהם שוין פשוט — קאַשע מיט מילך.״

75

א נאריש געשעפט

משה יוסיל „כופר״ פון זינקאָוויץ איז געווען אַן אמת׳דיגער אפיקורוס. ער האָט בטבע פיינט געהאַט אַ מצוה און ליעב געהאַט אַן עבירה. נאָר איין זאַך פלעגט ער אָפּהיטען ווי די מהדרין מן המהדרין: ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט עסען קיין ווערמיגע מאכלים (פלוימען, אַרבעס וכדומה).

דער עולם האָט געוואָלט וויסען דעם טעם פון דעם דאָזיגען מנהג און איהם וועגען דעם געפרעגט.

„דער טעם דערפון״, האָט משה יוסיל געענטפערט, „איז פשוט בתכלית הפשטות. די גמרא זאָגט „האוכל פוטיתא לוקה שש״, אַז מען עסט אַ ווערמיל, איז מען עובר אויף זעקס לאוין. היינטזשע פרעג איך אייך אַליין, פון איין זייט אַ הוצאה פון זעקס לאוין, פון דער אַנדערער זייט

אַ הכנסה פון אַ ווערמיגער פּלוים — ווער וועט געהן מאַכען אַזאַ נאַריש געשעפט, בשעת מען קאָן מיט דער אייגענער הוצאה פאַרברענגען אַ גאַנצען מעת לעת און נאָך אַן הנאה האָבען דערצו?"

76

דער אפיקורוס און דער בעל עבירה

מאָטקע שניידער פון פּיטשעלאַיוב האָט געהערט זאָגען, אַז אין שיפּ-נאָוויץ איז דאָ אַ יוד, וואָס הייסט משה דוד און האָט דעם צונאָמען „אפיקורוס". איז איהם דאָס וואָרט „אפיקורוס" אַריין אין קאָפּ אַריין און ער האָט פּלוצים חשק באַקומען צו דעם דאָזיגען „טיטעל". וואָס האָט ער געטון? האָט ער באַשלאָסען צו ווערען אַ להכעיס'ניק און צו טון אַלע עבירות, וואָס אַ פּיטשעלאַיובער מענש האָט די מעגליכקייט צו טון.

אומר — ועושה.

די פּעולה דערפון איז געווען, אַז פּיטשעלאַיוב האָט דעם בחור געגומען אין דער אַרבייט אַריין און, ווי דער שטייגער איז, איהם געגעבען פאַרשידענע נייע נעמען, ווי למשל: „ליידאַק", „יונגאַטש", „נאַרישע בהמה", „פאַרך" וכדומה.

נאָר איין נאָמען האָט מאָטקע קיינמאָל נישט די זכיה געהאַט צו הערען: „אפּיקורוס".

דעם שניידער האָט דאָס מסתמא גוט געפּערעט און ער האָט באַ-שלאָסען, צו פאָהרען קיין שיפּנאָוויץ, כדי דאָרט צו לערנען „הלכות אפיקורסות".

געקומען קיין שיפּנאָוויץ, האָט מאָטקע צוערשט נאָכגעפאָרשט בּיי די שיפּנאָוויצער יודען וועגען דעם התנהגות פון משה דוד „אפּיקורוס".

„ווי ער איז זיך נוהג?" איז געוועהנליך געווען די תשובה. „ווי אַלע יודען: על פּי שלחן ערוך."

„אויב אַזוי, פאַרוואָסזשע רופט מען איהם „אפּיקורוס"? האָט מאָטקע געוואָלט וויסען.

„פאַר שבת!" האָט ער באַקומען אַן ענטפער. „אַז מען זאָגט „אפּיקורוס" — גלויב!"

דאָס האָט דער פּיטשעלאַיובער עבירות-טוער בשום אופן נישט גע-קאָנט משיג זיין. האָט ער זיך נישט געפּוילט און איז געגאַנגען פרעגען דעם בעל דבר אַליין.

משה דוד, אַ יוד מיט אַ ספּאָדעק און צוויי לאַנגע פּאות, האָט דעם

שניידער שעהן אויפגענומען און איהם געפרעגט, ווער ער איז און וואָס ער וויל.

„איך בין“, האָט מאָטקע געענטפערט, „מאָטקע שניידער פון פּיטשע־לאַיוב, אַ יוד וואָס איז באַקאַנט אין זיין שטאָדט פאַר אַ בעלן אויף כל־ערליי עבירות, און געקומען בין איך, אייך פרעגען אַ האַרבע קשיא: ווי אַזוי און פאַרוואָס האָט איהר, וואָס איהר פיהרט אייך אויף, ווי מען שמועסט, ווי דער כשר'סטער יוד, זוכה געווען צום נאָמען „אפּיקורוס“, בשעת איך, וואָס איך טו אַלדינג, וואָס מען טאָר נישט...“

„ווער האָט אייך עפּעס איינגערעדט אַ „שמע קולנו“, אַז מען טאָר נישט?“ האָט דער אפּיקורוס איבערגעהאַקט דעם שניידער אין דער מיט.

„אַז מען מעג ווידער יאָ, פאַרוואָסזשע טוט איהר'ס נישט?“

„דאָס איז דאָך טאַקי די מעשה“, האָט משה דוד געגעבען אַ תשובה. „ווען מען וואָלט דאָס, „וואָס מען טאָר נישט“, באמת נישט געטאָרט, וואָלט איך עס אודאי געטון, אַצינד אָבער, אַז מען מעג יאָ, — וואָס אַרט מיך דאָס, אַז איך טו עס נישט?“

מלמדים

מעשיות און טייטשען

77

ער איז נישט קיין פראנצויז...

ר' ניסן „רבי" לערנט מיט די תלמידים די משנה אין פסחים ל"ט. ער פּאַרטייטשט: בחזרת ובתמכא, מיט חריין און מיט תמכא... איינער פון די תלמידים, אַ שמיאַלע יונגעל, פּוילט זיך נישט און פרעגט:

„רבי, וואָס הייסט דאָס „תמכא"?"

„האַלט דיך אַביסעל איין ביז צו רש"י!" זאָגט דער רבי געלאַסען.

געקומען צו רש"י, זעהט דאָס יונגעל בלויז די צוויי ווערטער: „בגמרא מפרש" (די גמרא וועט שוין זאָגען דעם פירוש).

„און ווי אַזוי איז דער פירוש פון דער גמרא?" פרעגט דער מקשן נאָך אַמאָל.

„וואָס איז? דער טייך ברענט?" בייזערט זיך דער רבי. „וועסט קומען צו דער גמרא, וועסטו אַלדינג ויסען."

אָבער אויך פון דער גמרא איז דער תלמיד נישט קלוגער געוואָרען. די גמרא זאָגט באָוועג נאָר: „מאי תמכא — תמכתא" און נישט מעהר.

„וואָס איז טייטש תמכתא?" פרעגט ווידער דאָס יונגעל.

„כאַפּ נישט די צימעס פאַר דער „מוציא"!" ענטפערט דער מלמד. „ס'איז דאָ ברוך השם אַ רש"י, וואָס האָט שוין געזאָרגט פאַר אַזעלכע בחורים'לעך ווי דו."

אָבער רש"י מאַכט נאָר: „תמכתא — מרובי"א בלע"ז".

„וואָס הייסט דאָס „מרובי"א?" וויל דער תלמיד וויסען.

„דאָס איז אַ פראַנצויזיש וואָרט."

„און וואָס באַטייט דאָס דאָזיגע פראַנצויזישע וואָרט?"

„האַ?" שרייט ר' ניסן מיט כעס. „איך זאָל דיר פאַרטייטשען פראַנצויזישע ווערטער? ביזטו משוגע צי מטורף? בין איך אַ פראַנצויז צי וואָס?"

78

א משוגע'נער פיש

אַ רבי פאַרטייטשט זיין תלמיד דעם פסוק את הנשר ואת הפרס: את הנשר, דעם אָדלער, ואת הפרס, און דעם פרס.

„וואָס איז דאָס פרס פאַר אַ מין בריה?" פרעגט דאָס יונגעל.
„דאָס איז עפּעס אַזאַ מין משוגע'נער פיש."
„ווי קומט אַ משוגע'נער פיש צווישען די עופות טמאים?" חדוש'ט זיך דער תלמיד.
„וואָס?" בייזערט זיך דער רבי אויפ'ן קול. „אויף אַ משוגע'נעם פרעגסטו קשיות? דו טפש איינער!"

79

טייטש און שמועס

דער מלמד ר' חיים יהושע קנעלער פון פּיטשעלאיוב האָט געהאַט אַ מיאוס'ע טבע. ער פלעגט זיך אויסטענה'ן מיט דער רביצין און טיילמאָל אויך זיך קריגען מיט איהר אין מיטען לערנען. דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אַז די תלמידים, ובפרט די שמאַטע-קעפּלעך צווישען זיי, האָבען נישט זעלטען אויסגעמישט דעם טייטש מיט דעם שמועס און געמאַכט דאַרויס אַ קאַשע מיט מאַשלינקע.

אָט זענען עטליכע פּראָבעס פון די דאָזיגע טייטשען:

העבט תעביטנו, דו זאָלסט איהם לייהען (טייטש), די מחסורו, אַ גרויסען הויקער (שמועס). כל העדה, די גאַנצע עדה (טייטש), כלם קדושים, זענען ווערט אַ שוסקע פּולווער (שמועס). ושמח את אשתו, ער זאָל אָנ-מקל'ען זיין ווייב (שמועס), אשר לקח, וואָס ער האָט גענומען (טייטש). ואהבת לרעך, זאָלסט ליעב האָבען דיין פריינד, (טייטש), כמוך, ניין מאָל מיט אַביסעל (שמועס). וכי ישאלך בנך, ווען דיין זוהן וועט דיך פרעגען (טייטש), ואמרת אליו, זאָלסט דו איהם זאָגען (טייטש), בחוזק יד, האַלט דעם פּיסק! (שמועס).

80

דער טייטש פון „אם"

ר' שלמה נחום „דרדקי" פון מיעלטשאוו לערנט חומש מיט זיין תלמיד זלמן „גוי" און פרעגט איהם, וואָס איז טייטש „אם". דער „גוי" ווייסט נישט; ער האָט שוין פאַרגעסען.

דער רבי וויל איהם אונטערהעלפען זיך דערמאַנען און זאָגט: אם, אַ מי... (אַ מוטער).

„אם — אַ מיהל", ענדיגט זלמן דאָס אָנגעהויבענע וואָרט.

„נישט אַ מיהל", זאָגט דער מלמד מיט אַ נגון, „נאָר אם אַ מי...

„אם, אַ מילגרוים“, זאָגט דער תלמיד אויס.

„נישט אַ מוהל און נישט אַ מילגרוים“, זינגט ר' שלמה נחום, „נייערט אם איז אַזאַ מין זאַך, וואָס מיין ווייב איז און מיין אויסגעגעבענע טאָכטער האָדיל אויך. זאָגזשע יונגאַלע אַצינד מיט חשק, אם אַ מי...“

„איצט ווייס איך שוין“, זינגט זלמן מיט דעמזעלבען נגון: „א ם, אַ מ ש ל ח ת“.

81
דער טייטש פון „מחלה“

אַן אַנדערטמאָל האָט דער דערמאנטער ר' שלמה נחום געפרעגט דעמזעלבען תלמיד, וואָס „מחלה“ איז טייטש.

דאָס יונגעל שווייגט. ער האָט, ווי כמעט תמיד, פאַרגעסען.

דער רבי וויל איהם אונטערהעלפען און זינגט מיט אַ חומש־נגון: „מחלה — אַ קרע... (אַ קרענק)“.

„אַ קרעפּעל“, זאָגט דאָס יונגעל אויף אַ קול.

„נישט אַ קרעפּעל“, זינגט ר' שלמה נחום ווייטער, „נאָר מחלה אַ קרע...“

„אַ קרעטשמע“ ענדיגט דער תלמיד.

„נישט קיין קרעפּעל און נישט קיין קרעטשמע“, לאָזט זיך דער מלמד הערען, „נייערט מחלה איז אַזאַ מין זאַך, וואָס מען וויל זי נישט האָבען און ווען מען האָט זי, וויל מען זי גיך פּטור ווערען“. זאָגזשע יונגאַלע מיט כח, וואָס איז מחלה?“

זלמן „גוי“ האָט אָבער דערווייל שוין פאַרגעסען דאָס „קרע“ און זאָגט געשווינד:

„מחלה — אַ רבי.“

82
גוט געזונגען

דערזעלבער ר' שלמה נחום האָט איינמאָל גע'חזר'ט מיט דעמזעלבען תלמיד זלמן „גוי“ פּרשת נח און איז געקומען צום פּסוק: צא מן התבה אתה ואשתך ובניך ונשי בניך אתך. דער מלמד פאַרטייטשט: צא, גייה אַרויס, מן התבה, פונ'ם קאַ... ער וויל דאָס יונגעל זאָל ענדיגען: קאַסטען.

דער שמאַטע־קאָפּ זאָגט, ווי זיין שטייגער איז, פּאַלש אויס: קאַרטשמע, קאַפּעליוש וכדומה.

ר׳ שלמה נחום ווערט בייז און שרייט: „געה אין דער ערד אַריין!“

דערויף זינגט דער תלמיד מיט אַ קול: א ת ה, ד ו, ו א ש ת ך, א ו ן ד יי ן ווייב, ו ב נ י ך, א ו ן ד יי נ ע זיה ן, ו נ ש י ב נ י ך, א ו ן ד י ווייבער פ ו ן ד יי נ ע ז י ה ן, א ת ך מ י ט ד י ר.

83

רמון — א פייג

אַ דאָרפס־מלמד פרעגט זיין תלמיד, אַ חמ׳סקע לעפּ און אַ מורא־דיגער עקשן דערצו, וואָס „רמון“ איז טייטש.

„רמון, אַ פייג“, גיט דאָס יונגעל אַ תשובה.

„נישט קיין פייג, נאָר אַ מילגרוים“, זינגט דער רבי.

„נישט אַ מילגרוים, נאָר אַ פייג“, זינגט דער עקשן מיט דעם אייגענעם נגון. „איהר, רבי, האָט מיר אַנימעלט אַליין אַזוי געטייטשט.“

„נישט קיין פייג נאָר אַ מילגרוים“, שרייט דער רבי.

דער קרומער עגבער בלייבט ביי זיינעם: רמון, אַ פייג.

דער רבי קלערט נאָך עטליכע מינוט. ער זוכט אין די געדאַנקען עפּעס אַ פּאַסענדיג עונש פאַר דעם שרעקליכען עקשנות. פּלוצים כאַפּט ער דאָס יונגעל, גיט איהם גיך אַ טראָג אַרויס פון דער שטוב און שטעלט איהם אַריין ביז צו די קניעס אין אַ טייך, וואָס איז געווען נאָהענט ביים הויז.

און ציטערנדיג פאַר כעס שרייט ער:

„וואָס באַטייט „רמון“?“

„רמון — אַ פייג“, שרייט דער בחור צוריק.

דער מלמד ווערט מלא רציחה, שטופּט דאָס יונגעל ביז צום האַלז אין וואַסער אַריין און פרעגט נאָך אַמאָל:

„וואָס איז טייטש רמון?“

„רמון — אַ פייג“, ענטפערט דער עקשן.

דער רבי שטופּט דעם תלמיד ווייטער, אַזוי אַז דאָס מויל איז שוין געווען אונטער׳ן וואַסער.

נישט וואַרטענדיג אויף דער פראַגע פונ׳ם מלמד, גיט דאָס יונגעל אַ שטרעק אַרויס די האַנד פונ׳ם וואַסער און מאַכט אַ פייג מיט דריי פינגער, ווי איינער רעדט: ווער צעטראַסקעט, דוקא נאָר אַ פייג!

84

וקברתני — איך וועל אייך באַגראָבען

לערנענדיג מיט זיין תלמיד לייבקע פרשת „ויחי", קומט דער דאָרפס־מלמד ירוחם שיינדיל'ס, אַן אַלטער בחור פון פיטשעלאַיוב, צו דעם וואָרט „וקברתני". ער זאָגט דעם געוועהנליכען טייטש („און דו וועסט מיך באַגראָבען") און הייסט דעם תלמיד נאָכזאָגען.

„וקברתני, און איך וועל אייך באַגראָבען", זינגט דאָס יונגעל.

„נישט „און איך וועל אייך באַגראָבען", נאָר „און דו וועסט מיך באַגראָבען", בעסערט דער בחור אויס.

„וקברתני, און איך וועל אייך באַגראָבען", חזר'ט לייבקע איבער דעם פאַלשען טייטש.

דער מלמד קומט אין כעס און שרייט:

„חמ'סקע לעפּ! וויפיעל מאָל מוז איך מיט דיר גאָרען: וקברתני, און דו וועסט מיך באַגראָבען."

אָבער דער תלמיד ווערט פונ'ם רבינ'ס צאָרן נישט נתפעל און זאָגט רוהיג:

„איך פאַרשטעה אייך נישט, רבי. לא די וואָס איך איהרץ אייך, כאָטש איהר זענט אַ בחור, שרייט איהר נאָך?"

ר' טודרוס מלמד און ראובֿ'לע „מקשן"

מיר איבערגעבען דאָ זיבען תירוצים, מיט וועלכע דער מלמד ר' טודרוס פון שיפּנאָוויץ האָט פאַרענטפערט זיבען האַרבע קשיות פון זיין תלמיד ראובֿ'לע „מקשן" (אַזוי האָט מען איהם גערופען אינ'ם חדר צוליעב זיין טבע, דעם רבי'ן צו דערקוטשען מיט פראַגען):

85

וילך — ער איז גע—גאַנ—גען

ר' טודרוס מלמד לערנט מיט די תלמידים דעם ערשטען פסוק אין פרשת „ויצא": „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה". ער וויל פאַרטייטשען, אָבער ראובֿ'לע מקשן איז, ווי זיין שטייגער איז געווען, פלוצים געגעבען אַ פאָהר אַריין אין דער מיט:

„איין זאַך פאַרשטעה איך נישט, רבי. פון באר שבע קיין חרן איז דאָך בלי שום ספק אַ מהלך רב. און חוץ מזה איז דאָך אַ ידוע, אַז

אין ארץ ישראל הערשען פון תמיד אָן שרעקליכע היצען, אַזוי אַז מיר קענען רעכנען, אַז יעקב'ס נסיעה האָט געדויערט, לאָמיר נישט זאָגען קיין סך, אַנדערטהאַלבען חדשים. היינטזשע ווי אַזוי קומט דאָס, אַז דער פסוק זאָל באַשרייבען אַזאַ לאַנגע און שווערע נסיעה אַזוי קורץ, בסך הכל מיט זעקס ווערטער: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה?"

„ביזט אַ טפש!" פאַרענטפערט ר' טודרוס מיניה וביה די קשיא. „דער פשט איז נישט, ווי דו מיינסט: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה, און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע און איז געגאַנגען קיין חרן. דאָס הייסט: ער איז געגעבען אַ געהאַרויס, אַ גיעה און אַ קום, נאָר דער פשט איז אַזוי: ויצא יעקב מבאר שבע, און" (ער הויבט פלוצים אָן פאַוואָלי צו רעדען) „יע—קב איז אַ—רויס—גע—גאַנ—גען פון באר ש—בע, ו—י—לך, און איז גע—גאַנ—גען און גע—גאַנ—גען און גע—גאַנ—גען, חרנה, ביז ער איז געקומען קיין חרן."

86

באַהעפט צו גאָט

דער דערמאָנטער ר' טודרוס לערנט מיט די תלמידים די רש"י (אין „חיי שרה") אויף דעם פסוק „ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו": „לפי שהוא דבוק נקוד זקן" (ווייל ס'איז אַ נסמך שטעהט זְקַן און נישט זָקֵן). ער פאַרשטעהט, פאַרשטעהט זיך, נישט דעם פשט (אַ מלמד קאָן נישט קיין דקדוק) און טייטשט: לפי שהוא דבוק, ווייל אליעזר איז געווען באַהעפט צו גאָט (פונ'ם לשון „ואתם הדבקים"), דאָס הייסט: ווייל אליעזר איז געווען אַ צדיק, נקוד זקן, שטעהט אַ פינטאַלע אינ'ם זיי"ן פון „זקן".

דערווייל האָט אָבער דער תלמיד ראוב'לע „מקשן" געגעבען אַ קוק אַריין אינ'ם חומש און געזעהען, אַז אינ'ם זיי"ן פון „זקן" איז קיין פינטאַלע נישטאָ. ער פוילט זיך מסתמא נישט און פרעגט:

„רבי, וואו האָט איהר אַ פינטאַלע אינ'ם זיי"ן?"

„אַז ס'איז נישטאָ אינ'ם זיי"ן, איז דאָ אינ'ם קו"ף", ענטפערט ר' טודרוס געלאַסען.

„אויך אינ'ם קו"ף זעה איך קיין פינטאַלע נישט."

„האַק נישט אין של-ראש אַריין מיט דיינע נאַרישע קשיות!" פאַר-לירט דער מלמד פלוצים דאָס סבלנות. „אין רש"י'ס צייטען איז זיכער געווען אַ פינטאַלע אָט-אָ-דאָ אין „זקן". און אַז דו וועסט מיך דערבייזערן,— אפשר גאָר צוויי פינטאַלעך: איינס אינ'ם זיי"ן און איינס אינ'ם קו"ף."

87

„במצרים" שטעהט בחנם

ראובֿ'לע מקשן איז אַמאָל געקומען צו ר' טודרוס'ן אין חדר אַריין און איהם געבראַכט אַ שפּוגעל־נייע קשיא:

„עס שטעהט אין דער תורה: „זכרנו את הדגה אשר נאכל". איז דאָך די קשיא: דער פּסוק מיינט דאָך דאָ זיכער אַזעלכע פיש, וואָס יודען האָבען שוין געגעסען („מיר געדענקען די פיש, וואָס מיר האָבען געגעסען")! היינטזשע פאַרוואָס שטעהט עפּעס „נאכל — מיר וועלען עסען, און נישט „אכלנו" — מיר האָבען געגעסען?"

„ווער נייט מיך", געפינט ר' טודרוס תיכף אַ תירוץ, „אַז איך זאָל זאָגען, דער פּסוק שמועסט פון אַזעלכע פיש, וואָס די „בני ישראל" האָבען שוין געגעסען, אַ מעהר זאָג איך ליבער, אַז ער שמועסט פון יענע פיש, וואָס פרומע יודען וועלען עסען לעתיד לבוא, איך מיין — פון'ם לויתן."

„אויב אַזוי", ווענדט ראובֿ'לע אָן, „וואָסזשע טו איך מיט די ווערטער „במצרים חנם", וואָס שטעהען נאָך „אשר נאכל" און וועלכע באַווייזען, אַז דער פּסוק מיינט נאָר יענע פיש, וואָס יודען האָבען געגעסען אין מצרים?"

„אדרבה", גיט ר' טודרוס אַ תשובה, „טאַקי פון דאַנען גופא איז געדרונגען, אַז איך האָב רעכט."

„ווי אַזוי?"

„במצרים חנם" — איז דער פּשט: „במצרים" שטעהט בחנם. דאָס הייסט: דאָס וואָרט „מצרים" איז איבריג און דו קאָנסט דיר דערפון גאָר נישט דרינגען."

„ווען ס'איז יאָ אַזוי, איז דאָך די קשיא: לאָז נישט שטעהן נישט „במצרים" און נישט „חנם?"

„נאַרישער מקשן!" דערבייזערט זיך פלוצים דער רבי. „דו ווילסט מחסר זיין פון דער הייליגער תורה צוויי גאַנצע ווערטער? ווייסט דו דען נישט, אַז אַ ספר תורה, וואָס פעהלט דערפון בלויז איין אות, איז שוין פּסול?"

88

דוקא נאָר „אוחזין"

לערנענדיג ביי ר' טודרוס'ן אינ'ם חדר די משנה „שנים אוחזין בטלית", פרעגט ראובֿ'לע מקשן אַ קשיא: פאַרוואָס שטעהט עפּעס גראָד דאָס לשון „אוחזין" און נישט „מוחזקין"?"

ר׳ טודרוס קלערט א ביסעל נאך און זאגט:
„הפנים אז דאס האט טאקי רש״י געמיינט, ווען זי שרייבט: „שנים אוחזין, דוקא אוחזין״, ווי איינער רעדט: ווייל דו ווילסט, עס זאל שטעהן „מוחזקין״, שטעהט דוקא נאר „אוחזין״.

89

ס׳וואלט נישט געהאט קיין טעם

„רבי, פארוואס הייסט א גט — „גט״? — אזוי האט ראוב׳לע מקשן אמאל געפרעגט זיין רבי׳ן ר׳ טודרוס.
„ווייל א גט״, האט דער רבי געגעבען א תשובה, „האט צוועלף שורות און „גט״ באטרעפט צוועלף.״
„אויב אזוי״, פרעגט דער מקשן ווייטער, „פארוואסזשע הייסט א גט נישט בעסער — „בי״, א ווארט, וואס איז א סך שענער ווי „גט״ און באטרעפט אויך צוועלף?״
ר׳ טודרוס האט זיך פלוצים צעלאכט.
„טייער ווי די וועלט!״ מאכט ער חוזק. „מאל דיר נאר אויס, וואסער זיסען טעם ס׳וואלט געהאט, ווען מען זאל זאגען: „דער און דער האט זיך גע׳בי׳יעט מיטן ווייב!״

90

א נאריש לשון

ר׳ טודרוס לערנט מיט די תלמידים די סדרה „שלח לך״ און קומט צום פסוק „ויעפילו לעלות״ (און זיי האבען זיך געשטארקט ארויפצוגעהן). ער ווייסט נישט דעם ריכטיגען פשט און טייטשט: ויעפילו, און זיי זענען געפאלען (פון „נפל״—פאלען), לעלות, ארויפצוגעהן.
ווי געוויינטליך, לאזט זיך ראוב׳לע „מקשן״ נישט אפנארען.
„רבי״, גיט ער פלוצים א זאג, „וואס איז דאס פאר א מין לשון: „זיי זענען געפאלען ארויפצוגעהן״? ממה נפשך, זענען זיי געפאלען, זענען זיי דאך נישט ארויפגעגאנגען, זענען זיי...״
„די דאזיגע קשיא גופא״, איבערהאקט דער רבי דעם תלמיד די רייד, „איז אויך רש״י קשה געווען. און דערפאר טאקי שרייבט זי: „ויעפילו, לשון חוזק״. דאס הייסט אויף פראסטי יודיש: ס׳איז א נאריש (א חוזק־וואטע) לשון.״

91

אַ יוד אַ למדן גיט זיך אַן עצה

ראובֿ'לע מקשן פֿרעגט ר' טודרוס'ן אַן אסתפּקתּא:

„אַז עמיצער היט אָפּ שבת, איז ער איהם מחלל אָדער נישט?"

„ביזט דו שכור צי וואָס?" וואונדערט זיך דער מלמד. „אַז מען היט אָפּ שבת, איז מען איהם, פֿאַרשטעהט זיך, מקדש און נישט מחלל."

„אויב אַזוי", טוט דער מקשן אַ לאָז אַרויס אַ קול פֿון נצחון, „פֿאַר־וואָסזשע שטעהט אין זמירות: „כל שומר שבת כדת מחללו"*), אַז איינער היט אָפּ שבת, איז ער איהם מחלל?"

ר' טודרוס גיט אַ פֿאַרקנייטש דעם שטערן און געפֿינט תיכף דעם תירוץ:

„דער פּשט איז בלי שום ספק אַזוי: כל שומר שבת כדת, ווער ס'היט אָפּ שבת ווי דער דין איז, דאָס הייסט, ווער ס'טוט שבת אַלדינג, וואָס שטעהט אינ'ם שלחן ערוך „הלכות שבת" און נישט מעהר, מחללו, דער איז איהם מחלל. וואָרין אַן אמת'ער יוד איז מחויב צו מאַכען אַ סייג לסייג און צו טון תמיד מעהר ווי ס'שטעהט געשריבען."

92

ווען ער האָט אַזוי צו שאַפֿען

דער גמרא־מלמד ר' בנימין צימבלער פֿון זינקאָוויץ באַשמועסט מיט די תלמידים דעם ענין „גיהנם". ער דערצעהלט צווישען אַנדערע זאַכען, אַז ער האָט געלייענט אין אַ ספר'ל, אַז ווען עמיצער עסט חזיר, באַקומט ער דערפֿאַר אַן עונש פֿון צוויי הונדערט פֿינף־און־צוואָנציג יאָהר גיהנם כמנין חזי"ר.

דערהערט די דאָזיגע דבורים, הויבען זיך די תלמידים אָן שטאַרק צו חדוש'ען. דער איינער זאָגט: רחמנא ליצלן! דער אַנדערער: חאָ, חאָ, חאָ! דער דריטער: טססס! אַ. אַז. וו.

ר' בנימין פֿאַרטראַכט זיך אויף אַ ווייל. דערנאָך לאָזט ער זיך אַזוי הערען:

„אַז עך חדוש'ט ענק יאָ אַזוי, וויל איך ענק זאָגען דעם געדאַנק, וואָס איז מיר איינגעפֿאַלען, בשעת איך האָב דאָס דאָזיגע געלייענט: ס'איז

---

*) "מחללו" איז טייטש: פֿון מחלל זיין, דאס הייסט: אז ער היט אב שבת און איז איהם נישט מחלל.

גאָר נאַריש! אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. דער סמ״ך מ״ם אַליין זאָל זיך לאָזען מנצח זיין פון די מדת הרחמים! וואָרין אַזוי פיעל קאָן איך ענק זאָגען: ווען איך האָב אַזוי צו שאַפען אין שאול תחתית און נישט דער ימח שמו׳ניק, להבדיל בין הטהור והטמא, קוק איך נישט אויף גימטריאות און גיב אַזאַ בחור׳ל אַ יאָג אַריין תרפ״ט מיליאָנען יובלות גיהנם ווי אַ גאָר נישט.״

93

די העכסטע מדרגה

אַ טאָג נאָך חנוכה זיצט ר׳ משה מרדכי מלמד פון זינקאָוויץ מיט די תלמידים אין חדר. מען שמועסט פון די גרויסע צדיקים און פון די פאַרשיעדענע מדרגות, וואָס זיי האָבען דערגרייכט.

„נאָך גרעסער פון די תנאים״, ענדיגט דער רבי דעם ענין, „זענען געווען די נביאים, אָבער דער גרעסטער פון אַלע צדיקים איז געווען משה רבנו, וואָס האָט גערעדט מיט דער שכינה פנים אל פנים. דאָס איז טאַקי שוין דאָס העכסטע, וואָס אַ בשר ודם קאָן דערגרייכען.״

בשעת מעשה האָט אָבער איינער פון די תלמידים, שלמה זלאטע ביילעס, אַ פייערדיגער קאָרטענשפילער, אַ יונגעל וואָס האָט גאַנץ חנוכה עוסק געווען יומם ולילה אין „הלכות אָקע״, געכאַפט אַ דרימעל אויף אַ מינוט. צו זיין באַהיבעל האָט ר׳ משה מרדכי גראָד אַהינגעקוקט און געזעהן דעם בחור מיט די צוגעמאַכטע אויגען און ער האָט געוואָלט וויסען, צי דער תלמיד שלאָפט טאַקי באמת.

„זאָג נאָר, שלמה׳לע, וואָס איז דאָס העכסטע, וואָס אַ בשר ודם קאָן דערגרייכען?״

דאָס יונגעל גיט אַ מאַך אויף די אויגען, טוט אַ טרעסע מיט׳ן קאָפ און שרייט מיט אַ קול: פּיער טייז!

94

וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען

ביי ר׳ משה שמעיה גרימצאָרן אינים חדר האָט געהערשט אַ חוק ולא יעבור, אַז די תלמידים טאָרען נישט איבערהאַקען דעם רבי׳ן אין מיטען לערנען אָדער שמועסען. נאָר בשעת הדחק, אַז אַ תלמיד האָט

עפּעם נויטיג געהאַט צו זאָגן, האָט ער געמעגט געבּן אַ ווינק מיט דער האַנד און דער רבי האָט אויף דעם געענטפערט אָדער מיט „נו“ (—רעד!) אָדער מיט „אָך“ (—האַלט דיך איין!).

ויהי היום און ר׳ משה שמעיה האָט דערצעהלט די תלמידים אַ מעשה נורא:

„איינמאָל איז אַ יוד געגאַנגען אין וואַלד, האָט ער זיך פאַרבּלאָנדזשעט, האָט ער געבּלאָנדזשעט און געבּלאָנד...“

דאָ איז איינער פון די תלמידים, חיים אלי „לעקיש“, אַריינגעפאַלען אין דער מיט מיט אַ ווינק. אָבער דער רבי האָט תיכף אַ זאָג געטון „אָך!“ און ממשיך געווען די מעשה:

„דערווייל האָט די נאַכט אָנגעהויבּן צוצופאַלען. ס׳איז געוואָרען וואָס אַמאָל טונקלער און טונקלער. (חיים אלי האָט נאָכאַמאָל געגעבּן אַ ווינק, אָבער דער מלמד האָט איהם נישט געהאָרכט און ווייטער דערצעהלט) „פּלוצים האָט דער יוד געהערט אַ פּחדים׳דיג קול פון אַ סטאַדע וועלף. האָט ער אָנגעהויבּן צו שרייען: שמע ישראל! געוואַלט! און געוואַלט! (ווידער פּרובּט חיים אלי רעדען, אָבער בחנם.) האָט גאָט געהאָלפען און ס׳איז געשעהן אַ נס א. אַז. וו.“

געענדיגט די מעשה, איז דער רבי געווען טשיקאַווי צו וויסען דעם פּירוש פון די דריי ווינק.

„וואָס האָסטו דו עפּעס געוואָלט זאָגען גוטס, חיים אלי?“ פרעגט ער.

„אַ שאַד וואָס דער רבי האָט מיך נישט געלאָזט רעדען“, ענטפערט דאָס יונגעל. „איך האָבּ געוואָלט זאָגען: ר ח מ נ א ל י צ ל ן!“

95
דעם תלמיד׳ס געלעכטער

אינ׳ם חדר פון ר׳ חיים פנחס „חכם“ אין פּיטשעלאיוב האָט אַמאָל אַ תלמיד עפּעס „חוטא בעגל“ געווען. ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט איהם דער מלמד דערפאַר געשטעלט אויף אַ האַלבּער שעה אין אַ ווינקעל.

נאָך דער האַלבּער שעה האָט איהם דער רבי, ווי געוויינטליך, צוריק־גערופען צום טיש.

דאָס יונגעל מאַכט זיך נישט וויסענדיג און בּלייבּט שטעהן.

„ביזט דו טויבּ צי וואָס?“ שריט דער רבי.

דער תלמיד שטעהט ווי אַ סלופּ.

ר׳ חיים פנחס פוילט זיך מסתמא נישט, געהט צו צום תלמיד מיט כעס, גיט איהם א כאפ אן ביים קאלנער און וויל איהם פיהרען צום טיש. דער בחור ווערט זיך מיט כל הכחות, אבער דער מלמד שטופט איהם פון הינטען מיטביידע הענד און ברענגט איהם וואס אמאל ווייטער. פלוצים לאזט דער תלמיד ארויס א גרויס געלעכטער.

„וואס לאכסט דו עפעס, ממזר־יונגאטש?" בייזערט זיך דער רבי. „דער נאר שטופט דיך?"

„וואס דען?" זאגט דאס יונגעל און קאטשעט זיך פאר לאכען. „איך געה אליין?"

96

אן עהרליכער אבגעבער

אינ׳ם חדר פון ר׳ זלקא מלמד אין מיעלטשאוו זיצט דער תלמיד אייזיק׳ל „שייגעץ" און איז מעביר די סדרה. דער רבי, וואס איז אויך א שטיקעל קורא, הערט אויסענווענינ צו און בעסערט אויס די גרייזען. חוץ דעם רבי׳ן און דעם תלמיד זיצט נאך ביים טיש דעם רבינ׳ס אן יונגעל און קוקט אריין אין א ספר. פלוצים פארקוקט זיך דער תלמיד אויף דער וואנד און בלייבט שטעהן. דער רבי, וואס האט באותו רגע נישט באטראכט דעם תלמיד, מיינט, אז דאס יונגעל קאן נישט דעם טראפ און זינגט ווי געוויינטליך: נו, ווייטער שלש־א־א־לת, ויא־א־א־מר. אייזיק׳ל הערט אבער נישט. דא הויבט דער רבי מסתמא אויף די אויגען און זעהט ווי דער תכשיט קוקט קיין האציפלאץ. ער איבערלייגט זיך נישט לאנג און גיט דעם בחור א רוק אריין דריי תקיעות גדולות.

„אט האסטו", זאגט ער רוהיג, „ידידי ר׳ אייזיק׳ל, דריי „גלעט"! וויל דו ביזט גראד שטעהן געבליבען ביי א שלשלת, וואס געהט דריי מאל."

דער תלמיד כאפט זיך אויף פון די היזהנערפלעט און קוקט ווידער אריין אינ׳ם חומש. אבער אזוי ווי ער האט נאר דערזעהן דעם „ויאמר" (וואו ער איז געבליבען שטעהן), גיט ער א שטרעק אויס די האנד און איז מכבד דעם רבינ׳ס יונגעל מיט א געזונטען פליאסק אין פנים אריין.

„נאדיר", זאגט ער, „איינס צוריק און גיב דעם טאטען! קוק אריין, וועסטו זעהן, אז דער טראפ פון „ויאמר" איז נישט קיין שלשלת, נאר א פזר, וואס געהט נאר צוויי מאל."

97
דער מלמד און די לאָטעריע I

דעם מלמד ר׳ יודיל פון מיעלטשאוו איז אַמאָל געשעהן אַ וואונ־דערליכע זאַך: דער ויידע זיינער, ר׳ צמח, איז איהם געקומען צו־חלום און איהם בפירוש געזאָגט, אַז ער זאָל שטעלען אויף דער לאָטעריע די דריי צאָהלען פון די אותיות צמ״ח, וועט ער געווינען אַ טערנע.

אין דער פריה האָט ר׳ יודיל דערצעהלט דעם חלום זיין ווייב חיה שרה און איהר געזאָגט, אַז ער האָט בדעה צו שטעלען אַ גאַנצען גולדען.

די רביצין איז געוואָרען מלא שמחה און, ווי דער שטייגער איז, האָט זי נישט־געפרעגטערהייט אָנגעהויבען צו געבען פאַרשידענע עצות.

„קודם כל״, האָט זי געטענה׳ט, „מוז מען צעלאָזען דאָס חדר״.

„איך האָרך דיך ווי דעם קאָטער!״ האָט ר׳ יודיל געענטפערט. „דאָס חדר בלייבט חדר! נאָר איין זאַך וועל איך יאָ טון און טאַקי שוין אַצינד, פאַר דער ציהונג: פון היינט אָן איז שמעלקאַ׳לי חיים דעם נגיד׳ס בּיי מיר אויס מיוחס, און ווען ער וועט מיך דערצירנען, וועל איך נישט מעהר זאָגען, ווי ביז אַהער, שטילערהייט: „שמעלקאַ׳לי, אדרבה, זאָג דו אַליין!״, נאָר איך וועל שרייען מיט דעם גאַנצען כח: „שמעל—קאַ! דו ביזט אַ ח—מור!״ וואָרין אַז דער אויבערשטער האָט מיר יאָ געהאָלפען, וויל איך ווייזען חיים „חזיר״, אַז איך האָב איהם טיעף טייער אין דער אדמה.״

געקומען צום לערנען, איז חיה שרה געווען טשיקאַווי צו וויסען, וואָס ס׳וועט זיין און האָט זיך אַנידערגעזעצט האָרכען. אָבער זי האָט נאָר געהערט דאָסזעלבע וואָס תמיד: די ווייכע, תחנונים׳דיגע ווערטער: „שמעלקאַ׳לי, אדרבה א. אַז. וו.״

נאָך דעם לערנען האָט די רביצין אָנגעהויבען חוזק מאַכען פונ׳ם רבי׳ן:

„נו, דו האָסט דאָך עפּעס געזאָגט, אַז דו האָסט חיים „חזיר״ אין דער ערד, היינטזשע...״

„דו הערסט דאָך״, האָט זיך ר׳ יודיל פאַרענטפערט. „אַן עושר האָט אַ טריפה מזל. בשעת׳ן לערנען האָב איך מיך דערמאַנט, אַז דער זיידע ר׳ צמח איז געווען, ער זאָל׳ם מיר מוחל זיין, אַ שטיקעל שקרן. דו קאָנסט מיר אָבער גלויבען, אַז ווען דאָס וואָלט געווען דער אַנדערער זיידע, ר׳ עלי דעם חזן׳ס, אַן אָפּגעהיטענער יוד און אַ דובר אמת, וואָלט איך היינט געווען געלאָזט הערען אַ „שמעל—קאַ״ און אַ „ח—מור״, אַז די ווענד וואָל־טען געציטערט.״

98

דער מלמד און די לאָטעריע II

ר׳ אנשיל מלמד פון זינקאָוויץ האָט געהאַט דרײַ שלעכטע תלמידים אין זײַן חדר: מאָטיל קלמן דעם נגיד׳ס, קאָפּיל אביש דעם גבאי׳ס און אפרים יוסיל חוה, דער אלמנה׳ס. און מחמת ר׳ אנשיל איז בטבע נישט געווען קײן דעמאָקראַט, פּלעגט ער יעדעם אײנציגען פון די דאָזיגע דרײַ אָבמעסטען מיט אַ באַזונדער מעסטעל. דאָס האָט מען געקאָנט אָמבעסטען זעהען יעדען דאָנערשטאָג ביים איבערחזר׳ן פון חומש־רש״י און די גמרא. דעם דאָזיגען טאָג האָבען אַלע דרײַ געוויינטליך „געלײזט״, אָבער נישט גלײַך: מאָטיל דעם נגיד׳ס פלעגט אַרײַנכאַפּען אײן פּאַטש, קאָפּיל דעם גבאי׳ס צוויי פּעטש און אפרים יוסיל דער אלמנה׳ס דרײַ פּעטש.

ויהי היום, אײנמאָל דאָנערשטאָג איז אָבער געשעהן אַן אומגערעכטע זאַך: קאָפּיל דעם גבאי׳ס, וואָס האָט געזאָגט דעם שעור צוערשט, האָט באַקומען צוויי פּעטש ווי תמיד, מאָטיל דעם נגיד׳ס, וואָס האָט געזאָגט זײַן חלק דערנאָך — גאָר נישט און אפרים יוסיל דער אלמנה׳ס — זיבען פּעטש.

נאָך דעם לערנען איז די רביצין געווען טשיקאַווי צו וויסען דעם טעם פונ׳ם דאָזיגען שנוי און האָט דעם רבי׳ן וועגען דעם געפרעגט.

„ווען איך טו עפּעס״, האָט דער מלמד געגעבען אַ תשובה, „איז עס אודאי נישט בחנם. הער אַ מעשה: די דאָזיגע נאַכט האָט זיך צו מיר באַוויזען מײַן זיידע ר׳ יונה, זכרונו לברכה. דאָס פּנים זײַנס האָט געשײַנט ווי די זון און אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ שוואַרצע טאָוועל וואָס אויף איהר איז געווען אויפגעשריבען מיט פלאַמענדיגע אותיות די ראשי תיבות „מי״א״. נאָך בשעת׳ן חלום האָב איך נאָכגעקלערט און גע־פונען דעם פירוש דערפון: מי״א — מאשפות ירים אביון. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע וויל מיר זאָגען, איך זאָל שטעלען אויף דער לאָטעריע די דרײַ צאָהלען פון די דאָזיגע ראשי תיבות, וועל איך געווינען אַ טערנע.

אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָב איך איבערגעקלערט די גאַנצע זאַך און באַשלאָסען, בלא נדר ובלא מסקנא צו שטעלען נישט ווײניגער ווי אַ גאַנץ רײַניש׳ל אויף דער לאָטעריע. און נאָך האָב איך באַשלאָסען, הײַנט, לכבוד דעם גרויסען טאָג, אָבצולערנען די דרײַ „גוים״ למען ידעו און איטליכעם צו געבען אַ הוספה כאָטש פון אײן פּאַטש.״

„און פאַרוואָס האָסטו דו געטון עפּעס אַנדערש?“ גיט די רביצין אַ פאַל אַריין אין דער מיט.

„לאָז רעדען! איך וויל דיר אַלדינג מסביר זיין. קאַפּיל דעם גבאי'ס, וואָס איז געווען דער ערשטער, האָט זיך פאַרהאַפּערט בײַ די ווערטער „אוקי ממונא בחזקת מריה“, איך שטעל דאָס געלד אין דער חזקה פון זיין הער. איז מיר בזה הרגע איינגעפאַלען אַ געדאַנק: אויב אַזוי, האָב איך בײַ מיר געטראַכט, איז גאָר געמאַלט, אַז איך פריי מיך בחנם. וואָרין — ווער האָט איצט דאָס געלד? קיר"ה. וועט קיר"ה מסתמא בלייבען אין זיין חזקה. און ווער האָט דאָס מלומדות? איך. וועל איך אודאי אויך בלייבען בײַ מיין חזקה און זיין מלמד ווי בּיז אַהער. און טאַקי דערפאַר האָט דער תכשיט געלייזט דאָס וואָס תמיד: צוויי פעטש. — דער צווייטער איז געווען מאַטיל דעם נגיד'ס, וואָס האָט איבערגע'חזר'ט די רש"י און איז געבליבען שטעהן בײַ „יש דורשין אותו לגנאי“, אַ טייל דרש'ענען דאָס צו שאַנד. דאָ איז מיר איינגעפאַלען אַ נייער געדאַנק: ווען דאָס צער פונ'ם טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, קאָן מען אפשר — חס ושלום! — די ראשי תיבות „מי"א“ אויך דרש'ענען „לגנאי“: מי"א — מ ל מ ד י ם י מ ו ת ו א ב י ו נ י ם. דאָס קלערענדיג, בּין איך געוואָרען אַזוי קליין בײַ מיר, אַזוי דערנידריגט, אַז איך האָב נישט מעהר געהאַט דעם כח, אויפ־צוהויבען די האַנד און צו געבען דעם בחור זיין טייל: איין פאַטש.— דער לעצטער איז געווען אפרים יוסיל דער אלמנה'ס, וואָס האָט געלערנט גמרא און זיך פאַרפּלאָנטערט בײַ די ווערטער: „מאי קא משמע לן“, וואָס לאָזט ער מיך הערען? אויך דאָ איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק: אויב אַזוי, איז דאָך ווידער גוט. וואָרין — כדי מיך צו לאָזען הערען, אַז מלמדים שטאַרבען אָרימע לייט, וואָלט זיך דער זיידע זכרונו לברכה נישט באַדאַרפט מטריח זיין פונ'ם עולם האמת. פשיטא! דאָס איז דאָך אַ גע־וויסע זאַך! און פאַר גרויס שמחה איבער דעם דאָזיגען רעיון, האָב איך דעם „וואויטעק“ געגעבען אַ לייג־אַריין זיבען געזונטע פעטש.“

„פאַרוואָס גראָד זיבען?“ וויל די רביצין וויסען.

„בשעת מעשה“, ענטפערט ר' אנשיל, „האָב איך געפּאַטשט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. אָהן אַ כונה און אָהן אַ טעם. אַצינד זעה איך אָבער, אַז דער חשבון איז צדק.“

„ווי אַזוי?“

„פּראָסטי פשוט! דריי פעטש, ווי געוויינטליך, זיין חלק. איינער אַ הוספה, איז שוין פיער. די הוספה, וואָס קאַפּיל דעם גבאי'ס האָט נ י ש ט

באַקומען, איז פינף. און צוויי, וואָס מאָטיל דעם נגיד'ס האָט נישט באַקומען (דער חוב און די הוספה), דאָס איז בסך הכל זיבען."

99
דער מלמד אַלס גזלן I

דעם מלמד ר' יהושע העשיל פון פיטשעלאיוב איז אַמאָל נמאס געוואָרען זיין אומנות. האָט ער באַשלאָסען, אַוועקצולייגען דעם טייטעל און צו ווערען — אַ וואַלד־גזלן. וואָס האָט ער געטון? האָט ער גענומען אַ מעסער פון דער קיך, איז געגאַנגען אין וואַלד אַריין און האָט געלאָקערט אויף מענשען. פּלוצים דערזעהט ער אַן אַלטען באַקאַנטען, דעם האָלץ־סוחר ר' קלמן לאָשעק. נישט אַ סך קלערענדיג, גיט ער אַ לויף צו צום יוד, הויבט גיך אויף דאָס מעסער און — לאָזט עס נאָך גיכער אַראָפּ אויף דער ערד.

דערנאָך גיט ער דעם יוד אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע און זאָגט:

„דו האָסט אַ טריפה מזל, קלמן. איך האָב מיך דערמאַנט, אַז דאָס מעסער איז — מילכיג."

100
דער מלמד אַלס גזלן II

נאָכדעם ווי דער דערמאָנטער ר' יהושע העשיל האָט זיך גענומען אַן אַנדער (פליישיג) מעסער, איז ער צוריקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין און ווייטער געלאָקערט. ווידער איז גראָד פאַרביי געגאַנגען אַ באַקאַנטער. ווי פריהער, האָט זיך דער גזלן אַ וואָרף געטון אויפ'ן יוד און געציקט דאָס מעסער.

„גיב אַהער, מנשה יונה" — אַזוי האָט דער יוד געהייסען — „בזה הרגע הונדערט כתרים!" שרייט ער מלא רציחה, „אַ נישט... זעה נאָר, וואָס איך האָב אין דער האַנד!"...

מנשה יונה האָט צוערשט פאַר פּחד פאַרלוירען דעם כח הדבור. דערנאָך, ווי ער האָט געזעהן, אַז דער גזלן איז נישט קיין אַנדערער ווי ר' יהושע העשיל מלמד, איז ער שמיאַלער געוואָרען און האָט זיך גע־שטעלט דינגען:

„הונדערט כתרים?" האָט ער גע'טענה'ט. „האָסט דו כאָטש באַרע־כענט, רוצח, וואָס דו זאָגסט? בין איך ראָטשילד צי וואָס? לאָז נאָך!"

„גיב אַהער צעהן! זאָלסט קענען מיין גוט האַרץ!"

„כ'לעבען דו ביזט אַ לועג לרש! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אויך איין קרוין איז פאַר מיין טייסטער מעהר ווי גענוג."

„אָבער אַ קרוין וועסטו כאָטש יאָ געבען, פאַרך איינער?"

„און אַז נישט וועסטו גערן עובר זיין אויף לא תרצח? פאַר איין קרוין? און וואו איז דאָס פינטאַלע יוד?"

„ווייסט דו וואָס, מנשה יונה", שרייט דער מלמד מיט כעס, „גיב אַהער תיכף ומיד אַ גוטען שמעק טאַבאַק און גיה צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!"

101
דער מורה און דער תלמיד

דער „מורה" בן־דוד זיצט ביי אַ שטונדע מיט זיין פופצעהניעהריגען תלמיד אברהם יוסף. אויפ'ן טיש ליגט אַן אָפען ספר, וואָס פון איהם ליינט דער תלמיד הויך. דער לעהרער הערט צו מיט כונה, העלפט אונטער און בעסערט אוים די „שגיאות". פלוצים הערט דער מורה פונ'ם תלמיד דאָס זעלטענע וואָרט „בתק" (שטעכען). ער פרייט זיך מיט דער מציאה (ער פלעגט תמיד האָבען אַן הנאה, ווען ער האָט בשעת'ן „אונטעריכטען" דערטאַפט אַ זעלטען וואָרט, וואָס ער האָט געוואוסט דעם פירוש דערפון) און וואַרט, אַז דער תלמיד זאָל איהם פרעגען דעם טייטש. אָבער בחנם! אברהם יוסף, בטבע אַ פאָפער, האָט זיך געוואָלט געבען אַ גנב'ע אַריבער איבער דעם מאָדנעם וואָרט. דעם מורה האָט די מעשה גוט פאַרדראָסען און האָט אָנגעהויבען דעם בחור צו ליינען די תוכחה:

„אברהם יוסף, זאָג מיר, איך בעט דיך זעהר, וואָס האָסט דו דערפון, אַז דו כאַפסט דיר אַראָפ דאָס היטעל פונ'ם קאָפ? אָט האָסטו למשל איצט געליינט אַ וואָרט, וואָס איך וויים זיכער, אַז ס'איז דיר נישט באַקאַנט. אָבער איידער צו פרעגען, ביזט דו ליבער גיך ווייטער „געפאָהרען".

„וואָסער וואָרט?"

„בתק"; ווייסטו וואָס דאָס איז טייטש?"

„ניין!"

„פאַרוואָס האָסטו נישט געפרעגט?"

דער תלמיד שוויגט.

„זאָג מיר“, פאָרשט דער לעהרער ווייטער, „האַלסט דו מיך באמת פאַר אַזאַ תם, וואָס ווייסט נישט, וועלכעס וואָרט דער תלמיד ווייסט יאָ און וועלכעס נישט?“

„פאַר אַ זאַ תם נישט“, ענטפערט דאָס יונגעל רוהיג, „כאָטש דער ,אדוני המורה“ איז אַסך וועניגער כיטרע ווי ער גלויבט.“

„האַ? וואָס באַטייט דאָס?“

„דאָס באַטייט, אַז איהר ווייסט נישט, מיט וועמען איהר לערנט.“

„מיט וועמען לערן איך דען?“

„מיט אַ מענש, וואָס איז פינפמאָל אַזוי כיטרע ווי איהר.“

„ווי אַזוי?“

„איך וויל פּרובען אייך מסביר צו זיין דעם ענין, כאָטש איך ווייס נישט, צי איהר וועט דאָס ריכטיג פאַרשטעהן. נאָך פאַר צוויי יאָהר האָב איך געמאַכט אַ חשבון און געפונען, אַז וועגען דעם יחס צווישען אונז ביידע ווייסט דער אדוני המורה נאָר איין זאַך, כאָטש ער וואָלט באַדאַרפט על פי דין מעהר וויסען, בשעת איך ווייס אַלדינג, וואָס איך באַדאַרף וויסען, בסך הכל פינף זאַכען.“

„וואָס ווייס איך?“

„איהר ווייסט די ווערטער, וואָס איך ווייס יאָ און וואָס איך ווייס נישט.“

„און דו?“

„איך ווייס, ערשטענס: אַז איהר ווייסט די ווערטער, וואָס איך ווייס יאָ און וואָס איך ווייס נישט; צווייטענס: אַז עס זענען פאַרהאַנען ווערטער, וואָס איהר האָט אַן הנאה, ווען מען פרעגט אייך דעם פירוש פון זיי, ווי למשל „פכה“, „זנק“, „בתק“; דריטענס: אַז עס זענען דאָ ווערטער, וואָס ס'איז אייך קיין חלוק נישט, אויב מען פרעגט אייך יאָ, וואָס זיי באַטייטען, אָדער נישט, דאָס זענען די פשוט'ע ווערטער, וואָס קומען אָפטמאָל פאָר; פערטענס: אַז עס זענען דאָ ווערטער, וואָס איהר האָט אַן הנאה, ווען דער תלמיד פרעגט אייך נ י ש ט, וואָס זיי זענען טייטש, ווי למשל: „מרבכת“, „קאת“, „שלך“, „דבאך“, מחמת די דאָזיגע ווערטער זענען אייך אַליין נישט קלאָר ווי דער טאָג; פינפטענס: אַז עס האָט זיך אייך ביז אַצינד נישט גע'חלומ'ט, אַז אַ בחור'ל ווי איך, וואָס איז אפילו נישט קיין בעלן צו וויסען, וואָס „בתק“ איז טייטש, זאָל דאָס אַלדינג וויסען אַזוי אַקוראַט.“

102
די דריי „אנכי'ס"

דריי טענות טענה'ט אַ מלמד און אַלע דריי לאָזען זיך אויס מיט דעם וואָרט „אנכי":

תחלת זמן, ווען ער גערט אַרום זוכען תלמידים, זאָגט ער: „הבה לי בנים ואם אין מת אנכי", גיב מיר קינדער, און ווען נישט, בין איך טויט.

אין דער מיט זמן, ווען די טאַטעס זשאַלעווען זיך פאַר איהם, אַז די קינדער זענען „וואויטקעס", טענה'ט ער: „התחת אלהים אנכי", בין איך דען אויף דעם אָרט פון גאָט?

ווען דער זמן ענדיגט זיך און די בעלי בתים ווילען נישט באַצאָהלען דאָס מלומדות-געלד, שרייט ער: „אם כן למה זה אנכי", אַז דאָס צער פונ'ם טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, צו-וואָס לעב איך אויף דער וועלט?

103
ממה נפשך

קשיא: פאַרוואָס נעמט מען אויף אַ מלמד נאָר אויף זעקס חדשים און נישט אויף אַ גאַנץ יאָהר?

תרוץ: ממה נפשך: איז דער מלמד אַ מענש מיט יושר, וואָס טוט זיין מלאכה ווי ס'געהער צו זיין, מוז ער דאָך בדרך הטבע באַקומען אַ לונגען-פעהלער און שטאַרבען לכל היותר אין זעקס חדשים. בלייבט ער אָבער לעבען נאָך דעם „זמן", זעהט מען דאָך באַשיינפערליך, אַז ער איז אַ פּאָפּער און מען מוז זוכען אַן אַנדערן אויף זיין אָרט.

104
דער מורה און דער מלמד

דער מורה „אבינעם" פון מיעלטשאוו האָט אַמאָל געפרעגט ר' שמשון מלמד, פון וואַנען ס'איז געדרונגען, אַז דער אויבערשטער איז מקדים די רפואה פאַר דער מכה.

„דאָס איז געדרונגען", האָט ר' שמשון תוך כדי דבור געענטפערט, „פון דער עובדא, אַז אין לשון הקודש — אַ שפּראַך וואָס גאָט אַליין האָט זי באַשאַפען — איז פאַרהאַן חוץ דעם וואָרט „למד"—לערנען (מיט אַנ-

דערע) נאָך אַ וואָרט מיט דעמזועלבען פירוש: „הורות“. וואָרין — מאָל דיר נאָר אויס, ווי גרויס דאָס אומגליק וואָלט געווען, ווען דער מורה, עברי, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען אויף דער וועלט, וואָלט געווען געזוכט אַ פּאַסענדיגען נאָמען פאַר זיך און נישט געפונען חלילה קיין אַנדערן ווי — „מ ל מ ד“.

105

אַ האָלצהאַקער און אַ מלמד

וואָס איז דער חילוק צווישען אַ האָלצהאַקער און אַ מלמד?

אַ האָלצהאַקער, ווען ס'קומט צו אַ גוי, ווערט איהם די מלאכה לייכטער. אַנדערש ביים מלמד: מיט יעדען נייען גוי, וואָס קומט צו, ווערט די מלאכה שווערער.

רבי'ס

רבנים און חסידים

106

אַ שאָד!

צום אַלטען „קיזלאָוויצער“ איז אַמאָל געקומען אַ יוד מיט אַ היקע־וואַטע יונגעל און האָט געבעטען, דער רבי זאָל פון איהם אָפּטון דעם מום.

דער רבי פאַרטראַכט זיך אַביסעל, דערנאָך רופט ער צו דאָס יונגעל און פרעגט:

„ווי הייסט דו?“

„פּ... פּ... פּסח.“

„פּסח, זאָג מיט מיר אינאיינעם דריימאָל דעם דאָזיגען פּסוק: „מי שם פּה לאדם“.“

„מ... מ... מי... ש... ש... ש... שם...“

„דאָס איז אַ זאָגען, דאָס?“ שרייט דער רבי מיט כעס. „דו מאַכסט דאָך פון יעדען וואָרט אַ תל!“

„א... א׳... איך ק... קאָן נישט אַנדערש.“

„אַנו פּרוב נאָך אַמאָל: מי שם פּה לאדם.“

דאָס יונגעל צעהאַקט די ווערטער ווי פריהער.

„קאָנסט דו טאַקי באמת נישט אַנדערש?“ זאָגט דער רבי, זיך גלעטענדיג די באָרד. „אַ שאָד! אַ גרויסע שאָד! ווען ער וואָלט נאָר כאָטש איינמאָל געקאָנט זאָגען ווי עס געהער צו זיין! וואָרין די סגולה גופא איז בלי שום ספק גאָר פלאי פלאים. איך האָב זי אַליין געהערט פון׳ם הייליגען זיידען זכותו יגן עלינו!“

107

שטום ביז אין טויט אריין...

אַן אַנדערש מאָל איז קיין קיזלאָוויץ געקומען אַ יוד מיט אַ שטומער טאָכטער און געבעטען דעם רבי׳ן, ער זאָל זי ריידעוודיג מאַכען.

„ווי הייסט דאָס מיידעל?“ פרעגט דער צדיק.

„ברכה־לאה.“

דער רבי נעמט אַ גלאָז וואַסער, דערלאַנגט עס דער שטומער ביז צום מויל און שרייט אויף אַ קול:

„ברכה לאה, מאַך אַ „שהכל“!“

דאָס מיידעל שווייגט.

„ברכה לאה, איך בּין אויף דיר גוזר, זאָלסט תיכף ומיד מאַכען אַ „שהכל נהיה בּדברו״, שרייט דער רבּי נאָך העכער.

די שטומע גיט נישט קיין פּיפּים.

„ווילסטו הייסט עס טאַקי בּשום אופן נישט מאַכען קיין „שהכל״, זאָגט דער צדיק מיט גרימצאָרן, „אַזוי הערזשע מיינע רייד: וויל דו בּיזט ווידערשפּעניג, וועט דיך גאָט שטראָפען און וועסט בּלייבען שטום בּיז אין טויט אַריין.״

וכך הוה. לויט ווי „קיזלאָוויץ״ דערצעהלט, איז די ווידערשפּעניגע געשטאָרבען שטומערהייט.

108

א סגולה קעגען פייער I.

ר׳ משולם פּיטשעלאיובער האָט געוואָלט בּאַוואָרענען זיין הויז פאַר שריפות. וואָס האָט ער געטון? איז ער געפאָהרען קיין „קיזלאָוויץ״ און געבּעטען דעם רבּי׳ן, ער זאָל איהם געבּען עפּעס אַ סגולה קעגען פייער. דער צדיק האָט דערויף דעם חסיד געגעבּען צוויי קמיעות, איינע פון׳ם זיידען זיינעם און איינע פון איהם אַליין, מיט דער הבטחה, אַז דאָס וועט זיכער פּועל׳ן.

נאָך עטליכע וואָכען איז אין פּיטשעלאיוב אויסגעבּראָכען אַ פייער (עפּעס אַ גוי האָט אַוועקגעוואָרפען אַ שוועבּעלע אין אַ סטאָדאָלע) און האָט געגעבּען אַ כאַפּ אַוועק די העלפט שטאָדט מיט הייזער און ר׳ משולם׳ס הויז אויך בּתוכם.

ווי דער שטייגער איז, האָט ר׳ משולם׳ס ווייבּ נישט אויפגעהערט צו בּאַווייגען דעם חורבּן.

„הלואי״, האָט זי געשריגען, „וואָלט א י ך פריהער געווען פאַר־בּרענט געוואָרען! הלואי...

„זינדיג נישט!״, האָט ר׳ משולם זי בּאַרוהיגט. „זעהסט דאָך בּע־שיינפערליך, אַז ס׳איז מן השמים.״

ר׳ משולם פאַרטראַכט זיך אויף אַ וויל און זאָגט ווייטער:

„נישט בּחנם זאָגט די וועלט אַ ווערטיל: „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בּעזים״. אַז דער רבש״ע וויל דוקא, אַז פּיטשעלאיוב זאָל בּרענען, האָט אַ פּראָסטי שוועבּעלע, וואָס אַ פּראָסטי יאַשעק וואַרפט אַוועק אויף א

פראָסטי בינטעל שטרוי, מעהר כח ווי אַזעלכע צוויי לייבען: דער אַלטער קיזלאָוויצער זכותו יגן עלינו און דאָס אייניקעל זיינס, דער איצ־טיגער צדיק להבדיל בין החיים והחיים!

109
א סגולה קעגען פייער II.

אַ פיטשעלאיובער יוד האָט אַמאָל דעם „קיזלאָוויצער" רבי'ן גע־בעטען, ער זאָל איהם געבען אַ סגולה קעגען שריפות.

„איך האָב פאַר דיר", האָט דער רבי געזאָגט, „אַ סגולה גאָר אַן אַנטיק! ווען עס ווערט אויסברעכען אַ פייער אין פיטשעלאיוב, זאָלסט דו תיכף מצמצם זיין די געדאַנקען אויף דעם וואָרט „אברהם" (אברהם אבינו, וואָס איז ניצל געוואָרען פונ'ם כבשן האש) און דעמאָלט, בין איך דיר מבטיח, וועט דער „שר של אש" צו דיין הויז קיין שליטה נישט האָבען. נאָר איין זאַך מוזט דו דאַבּיי גוט געדענקען: דו זאָלסט חס ושלום נישט אין זין האָבען: „אברהם בן תרח", נאָר „אברהם" אַליין. דאָס זאָג איך דיר אָן זהיר וזהיר!"

„האָט נישט קיין מורא, רבי!" באַרוהיגט דער חסיד דעם צדיק. „פאַר־וואָס זאָל איך עפּעס פלוצים מיטען דרינען בשעת שריפה אין זין האָבען דעם אַלטען תרח?"

ס'זענען נישט אַוועקגעגאַנגען קיין צוויי חדשים, קומט דער יוד ווידער קיין קיזלאָוויץ און דערצעהלט דעם רבי'ן, אַז אין פיטשעלאיוב איז געוועזען אַ שריפה, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַ גאַנצע גאַס מיט הייזער און דאַ־רונטער אויך זיין הויז.

„נישט געמאָלט!" זאָגט אויף דעם דער צדיק. „איך האָב דיר דאָך געגעבען אַ סגולה."

„יאָ! איך זאָל מצמצם זיין די מחשבות אויף אברהם."

„נו'זשע? האָסט דו געהאָרכט?"

„יאָ! אָבער — מעשה שטן! — דער „תרח" האָט זיך צוגעקלעבט צו דעם „אברהם" ווי אַ פּיאַווקע. פשוט נישט מעגליך געוועזען אָבצו־רייסען! אַזוי אַז איך האָב די גאַנצע צייט נישט געקאָנט אַנדערש טראַכטען ווי: „אברהם בן תרח", „אברהם בן תרח".

דער רבי האָט זיך שטאַרק פאַרטיפט אין מחשבות און זיך עטליכע מאָל אַ גלעט געטון די באָרד. דערנאָך האָט ער זיך אַזוי געלאָזט הערען:

„ס'איז נאָך אַ מערכה, וואָס ער האָט בשעת שריפה נישט אין זין געהאַט „נמרוד" *), דעם נאָמען פון'ם גרויסען רשע, וואָרין ווען יאָ — וואָלט דער שר של אש זיך נישט באַנוגנט מיט אַ בידנע ,געסיל, נאָר ער וואָלט זיך געווען צעלאָזט מיט גרויס כח איבער גאַנץ פּיטשעלאיוב, און פּיטשעלאיוב וואָלט היינט געווען אויסגעזעהן ווי סדום נאָכ'ן חורבן און אפשר גאָר — נאָך אַרגער."

110

די צוויי „קוקס"

נאָך דער „גרויסער שריפה" אין פּיטשעלאיוב האָט ר' שמואל זעליג ברענהאָליץ, אַ פייערדיגער „קוזלאָווצער", דערצעהלט אינ'ם שטעדטיל אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַז זיין רבי האָט נאָך פּאַר זעקס חדשים געזעהן ברוח הקודש דאָס פּיטשעלאיובער אומגליק און דאָס מרמז געווען אין אַ תורה ביים „טיש". ער האָט די תורה אַליין געהערט מפּיו הקדוש, נאָר ער האָט שוין פאַרגעסען וואָס.

נאָך עטליכע וואָכען איז ר' שמואל זעליג אין קוזלאָוויץ, און מחמת ער איז געווען טשיקאַווע צו וויסען, וואָס דער צדיק וועט זאָגען צו דער זאַך, האָט ער איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה און איהם געבעטען, ער זאָל איהם מוחל זיין, ווען ער, שמואל זעליג, זאָל האָבען דאַמיט באַגאַנגען אַ פעהלער.

דער רבי האָט עטליכע מינוט געשוויגען, דערנאָך האָט ער געגעבען אַ קנאַק מיט צוויי פינגער און אַזוי געזאָגט:

„שמואל זעליג, איך וועל דיר עפּעס זאָגען, וועסטו אַן הנאה האָבען: דאָס אויסגעטראַכטע מופת איז — אמת."

„האַ? וואָס זאָגט דער רבי?"

„וואָס דו הערסט! ווען דו ביזט ביי מיר געווען דאָס לעצטע מאָל, האָב איך — דו געדענקסט אודאי נאָך — תורה געזאָגט און בשעת מעשה עטליכע מאָל אַ קנאַק געטון מיט די פינגער און געשריגען: „שבת! שבת!" פּאַרוואָסזשע, מיינסט דו, האָב איך דאָס געטון? ווייל איך האָב געזעהן ברוח הקודש פּאַר מיינע אויגען דאָס וואָרט „שבת" מיט פלאַמענדיגע אותיות און מיט צוויי פלאַמענדיגע ראשי־תיבות־שטרעכלעך. איך האָב תיכף פאַרשטאַנען, אַז מען ווייזט מיר דאָ עפּעס מן השמים. האָב איך

*) נמרד האט לויט דער אגדה אברהם אבינו אריינגעווארפען אין פייער.

נאָכגעקלערט און טאַקי געפונען דעם פּירוש: שב"ת מאַכט: שריפה בּפּיטשעלאיוב תהיה (אַ שריפה וועט זיין אין פּיטשעלאַיוב)."

פון די דאָזיגע רייד איז דער חסיד אַזוי נתפעל געוואָרען, אַז ער האָט אויפגעהויבּען בּיידע הענד אין דער הייך און געמאַכט אַ — שהחינו.

צוריקגעקומען אַ היים, האָט ר' שמואל זעליג איבּערגעניצעוועט די מעשה און איהר געגעבען אַ ניי פּנים: דער רבי זאָל לעבּען האָט דאָס פייער נישט בּלויז מרמז געווען, נאָר ער האָט בּפירוש דערפון גערעדט מיט זיינס אַ מקורב. ער, שמואל זעליג, ווייסט נאָר נישט מיט וועמען.

נאָך אַ קורצער צייט איז דער חסיד ווידער געווען בּיים רבּי'ן און האָט איהם ווידער דערצעהלט, וואָס ער האָט זיך אויסגעטראַכט.

דער רבי האָט געמאַכט אַ פאַרוואונדערט פּנים:

„שמואל זעליג", האָט ער אַ זאָג געטון קנאַקענדיג מיט די פינגער, „נאַרסט דו מיך נישט אויס?"

„וואָס מיינט דער רבי?"

„איך מיין, אויב דו האָסט בּאמת גאָר נישט געהערט וועגען דעם דאָזיגען ענין."

„ניין!"

„אויב אַזוי קאָן איך די זאַך נישט משיג זיין. זאָלסט בּאַוועסט ווויסען, שמואל זעליג, אַז דיין צווייטע אויסגעקלערטע מעשה איז — אויך וואָהר. איך האָבּ בּפירוש אַנטפּלעקט צו מיינ'ם אַ מקורב, אַז פּיטשעלאיוב וועט בּקרוב פאַרבּרענט ווערען. איך טאָר דיר אָבּער נישט זאָגען, ווער דאָס איז."

מיט גרויס שמחה און התלהבות האָט זיך דער חסיד געזעגענט מיט'ן רבּי'ן און איז געפאָהרען אַהיים.

אין דער היים האָט ר' שמואל זעליג דערצעהלט זיין ווייבּ און זיין זוהן חיים בּער, אַ חדר־יונגעל פון פיערצעהן יאָהר, וואָס ער האָט אין קיזלאָוויץ געהערט, און זיך דאַבּיי אַריינגעלאָזט אין אַ בּרייטען שמועס וועגען די בּיידע „קוקס", דעם „קוק" פונ'ם רבּי'ן און זיין אייגענעם „קוק".

פּלוצים גיט זיך דאָס יונגעל אַ רוף־אָן:

„טאַטע, ווען דער רבי וואָלט נישט געווען דער רבי און דו — נישט דו, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע מופת איז ווערט אַ רעטיך."

„האַ? וואָס רעדסטו עפּעס?"

„איך מיין נאָר, אַז געדרונגען איז גאָר נישט. איך קאָן בּאַוועזן זאָגען: לעולם האָט דער רבי גאָר נישט געזעהן. אַיי איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס האָט ער געזאָגט? איז דער תירוץ: פּראָסטי פּשוט, ער האָט זיך אויסגעקלערט. אלא־מאי דו האָסט דיר אויסגעקלערט?"

„האַלט דעם פּיסק, משומד איינער! און גער מיר בזה הרגע פון די אויגען!"

חיים בער האָט ווי געוויינטליך געהאָרכט.

„וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם שעהנעם „קדיש" דיינעם"? האָט ר' שמואל זעליג געפרעגט זיין ווייב, נאָכדעם ווי דאָס יונגעל איז אַרויס פון דער שטוב.

„וואָס זאָל איך זאָגען? איך האָב מורא, אַז דער „שעהנער קדיש" רעדט נישט פון דער היץ."

„שווייג!"

די יודינע שווייגט.

שמואל זעליג פאַרקנייטשט דעם שטערען און פאַרטיעפט זיך אין געדאַנקען. פּלוצים גיט ער אַ קנאַק מיט צוויי פינגער (ער פלעגט דאָס נאָכ־מאַכען דעם רבי'ן) און לאָזט זיך אַזוי הערען:

„אויב אַזוי אָדער אַזוי — איינס איז זיכער. פון היינט אָן בין איך מיט'ן רבי'ן זאָל לעבען פאַרקניפּט און פאַרבונדען אויף ביידע וועלטען. וואָרין ממה נפשך: בין איך אַ שקרן, איז דער רבי זאָל לעבען אויך אַ שקרן. האָט אָבער דער רבי אַ „קוק", האָב איך אויך אַ „קוק". דער חילוק איז נאָר, אַז דעם רבי'נ'ס „קוק" איז אויף להבא (וואָס ס'וועט זיין) און מיינער אויף לשעבר (וואָס איז שוין געווען)."

111
מיליאָנען מיליאַסען לבנות

אַ חסיד דערציילט דעם אַנדערן אַ מופת פון זיין רבי'ן: זיין רבי האָט אַמאָל געמוזט בלייבען אויף שבת אין אַ דאָרף ביי אַן אַרענדאַר. האָט אָבער דער אַרענדאַר נישט געהאַט קיין פיש. וואָס האָט דער רבי געטון? איז ער געגאַנגען צו אַ ברונע און האָט געגעבען אַ פּאַך מיט דער פּאַ־טשיילע, זענען תיכף אַרויסגעשפּרונגען מיליאָנען מיליאַסען פיש: העכט, שלייען און קאַרפּען, גרויסע און קליינע, און דער אַרענדאַר האָט געקאָנט וועהלען, וואָס ער האָט געוואָלט.

„דאָס איז", זאָגט דער אַנדערער חסיד, „אַ נישט־קשה'דיג מופת. אָבער אַקעגען דעם, וואָס מיין רבי האָט געטון, איז דאָס אַ האָר פון דער מילך: מיין רבי האָט אַמאָל געוואָלט מקדש זיין די לבנה. איז אָבער דער הימעל געווען פאַרכמאַרעט. וואָס האָט ער געטון? האָט ער געגעבען אַ

פּאַך מיט דער פּאַטשיילע, זענען אַרויסגעשפּרונגען מיליאָנען מיליאַסען לבנות, גרויסע און קליינע, גאַנצע און האַלבע, און דער רבי האָט געקאָנט וועהלען, וואָס ער האָט געוואָלט."

„ווי אַזוי איז דאָס געמאָלט", וואונדערט זיך דער ערשטער מופת־דערצעהלער, „אַז בסך הכל האָט גאָט באַשאַפען נאָר א י י ן לבנה?"

„ווייסט דו וואָס?" זאָגט דער אַנדערער. „לאָמיר מאַכען אַ פּשרה: לאָז דו נאָך פון ד י י ן ר ב י ' ן ס פ י ש, וועל איך דיר נאָכלאָזען פון מ י י ן ר ב י ' נ ס ל ב נ ו ת."

112

וואָס רבי'ס קענען...

א קיזלאָוויצער חסיד דערצעהלט זיינס אַ באַקאַנטען, אַ פייערדיגען „שיפּנאָוויצער", אַ מופת פונ'ם אַלטען „קיזלאָוויצער": דער אַלטער קיז־לאָוויצער האָט אַמאָל געהאַט אַ ויכוח אין דער פמליא של מעלה מיט'ן רמב"ם וועגען אַ דין, וואָס געפינט זיך אינ'ם „יד החזקה" (פונ'ם רמב"ם). דער רמב"ם האָט מסתמא געזאָגט, אַז דער דין איז ריכטיג, און דער קיזלאָוויצער — ער איז פאַלש. נאָך אַ לאַנגער און היציגער מלחמה האָט דער רמב"ם געמוזט מודה זיין, אַז זיין בר־פּלוגתא האָט רעכט. דערנאָך איז דער קיזלאָוויצער תיכף אַראָבגעשטיגען פונ'ם הימעל.

צוריקגעקומען אויף דער ערד, האָט דער צדיק געוואָלט באַוואָרענען די וועלט פאַר אַ מכשול. וואָס האָט ער געטון? האָט ער גענומען אַ שמעק טאַבאַק און האָט איהם געגעבען אַ בלאָז אַוועק. איז בזה הרגע דער דערמאַנטער דין אַרויסגעפלויגען פון אַלע רמב"ם'ס אין דער וועלט ואיננו עד היום הזה (און ער איז נישטאָ ביז צום היינטיגען טאָג).

„אַז דו באַריהמסט דיך יאָ אַזוי", זאָגט אויף דעם דער אַנדערער, „וועל איך דיר דערצעהלען אַ מופת פונ'ם אַלטען שיפּנאָוויצער, וואָס איז לפי דעתי פיערמאָל אַזוי גרויס ווי דאָס „קיזלאָוויצער"."

„דער אַלטער שיפּנאָוויצער האָט אַמאָל געהאַט אַ ויכוח אין דער פמליא של מעלה מיט ר' יוסף קארו, דעם מחבר פונ'ם „שלחן ערוך", וועגען אַ דין אינ'ם „יורה דעה". ר' יוסף האָט געזאָגט (לויט דעם פּסק פונ'ם יורה דעה) „כשר" און דער שיפּנאָוויצער — „טריפה". נאָך אַ לאַנ־גער און היציגער מלחמה האָט דער מחבר פונ'ם „יורה דעה" געמוזט מודה

זיין, אַז זיין בר־פלוגתא האָט רעכט. דערנאָך איז דער שיפּנאָוויצער תיכף אַראָפּגעשטיגען פונ׳ם הימעל.

צוריקגעקומען אויף דער ערד, האָט דער צדיק געוואָלט באַוואָרענען די וועלט פאַר אַ מכשול. וואָס האָט ער געטון? האָט ער גענומען אַ שמעק טאַבאַק און האָט איהם געגעבען אַ בלאָז אַוועק. איז בזה הרגע אַרויסגעפלויגען דאָס וואָרט „כשר" פון אַלע יורה דעה׳ס אין דער וועלט און ס׳איז אַריינגעפלויגען דאָס וואָרט „טריפה". און אַזוי איז עס געבליבען עד היום הזה."

„און ווי אַזוי איז דאָס דאָזיגע מופת פּיערמאָל אַזוי גרויס?" וויל דער קיזלאָוויצער וויסען. „דאָס זענען דאָך בסך הכל נאָר צוויי נסים (דאָס אַרויספליהען און דאָס אַריינפליהען) און נישט פיער?"

„יאָ יאָ", ענטפערט דער שיפּנאָוויצער, „צוויי נסים, אָבער — מ י ט א י י ן ש מ ע ק!"

113

ווען דער רבי איז פאַר׳מח׳ט...

אַ שיפּנאָוויצער חסיד דערצעהלט אינ׳ם פּיטשעלאיובער בית המדרש די דאָזיגע מעשה:

„דער אַלטער שיפּנאָוויצער איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין גבאי ר׳ מרדכי יוסף און עטליכע מקורבים פון סטאַרא־שיפּנאָוויצא, אַ דאָרף ביי שיפּנאָוויץ, וואו ער איז געווען אויף אַ ברית מילה, צוריק אַהיים. אויפ׳ן וועג האָט זיך דער הימעל פּלוצים פאַרכמאַרעט און עס האָט זיך אָנגעהויבען צו לאָזען אַ רעגען. אָבער דער רבי, וואָס איז גראָד געווען אין די עולמות העליונים, האָט נישט געזעהן, וואָס ס׳טוט זיך און איז פּאַוואָליווייטערגעגאַנגען. פאַרשטעהט זיך, אַז קיינער פון די באַגלייטער האָט נישט געהאַט די העזה, דעם רבי׳ן אַראָפּצוציהען אויפ׳ן עולם התחתון און איהם צו זאָגען, אַז מען מוז אַריינגעהן אין אַ שטוב אָדער זיך שטעלען אונטער אַ דאַך. דערווייל איז אָבער דער הימעל געוואָרען וואָס אַמאָל טונקלער און דער רעגען וואָס אַמאָל שטאַרקער, אַזוי אַז ר׳ מרדכי יוסף האָט זיך נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און האָט דעם רבי׳ן געגעבען אַ ציה ביים אַרבעל. אָבער בחנם! דער צדיק איז געבליבען פאַר׳מח׳ט און איז ווייטער געגאַנגען. דער גבאי לאָזט נישט נאָך און גיט נאָכאַמאָל אַ ציה, אָבער דער רבי פיהלט נישט און געהט ווייטער. ווידער גיט דער גבאי אַ ציה, אָבער..."

„און וואָס איז געווען דער סוף?“ איבערשלאָגט איינער פונ׳ם עולם דעם מעשה־דערציילער די רייד.

„וואָס פרעגסטו!“ ענטפערט דער „שיפּנאָוויצער“, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ. „אוי זע—נען זיי דורכ—גע—וויקט גע—וואָ—רען!“

114

דעם רבינ׳ס ספאָדעק

דער אַלטער שיפּנאָוויצער איז אַמאָל געוואָהר געוואָרען, אַז איינער פון זיינע בעסטע יונגע לייט, יוסף מענדיל דעם שוחט׳ס, איז פלוצים גע־וואָרען אַ „יוצא ונכנס“ ביים — „אויבעראייבעל“.

ווי דער שטייגער איז, האָט איהם דער צדיק געלאָזט רופען און אין איהם אַריינגעלעגט כמה שכתוב.

מיט גרויס כונה האָט דער „חוטא“ אויסגעהערט די שטראָפרייד, אָבער מיט נאָך גרעסערער כונה האָט ער בשעת מעשה באַטראַכט — דעם רבי׳נס ספאָדעק.

וויבאַלד דער רבי האָט געענדיגט, האָט יוסף מענדיל, נישט אַראָב־לאָזענדיג קיין אויג פונ׳ם ספאָדעק, אָנגעהויבען זעהר שטאַרק צו קרעכצען:

„אוי, אוי, אוי!“ האָט ער געזיפצט. „ס׳איז ביטער און פינסטער! אַ שלעכטע און פאַרקעהרטע וועלט! אַלדינג איז פאַרקעהרט!“

„וואָס איז פאַרקעהרט?“ וואונדערט זיך דער צדיק. „און וואָס געפעלט דיר עפּעס אַזוינס אין מיין ספאָדעק?“

„איהר הערט דאָך, רבי לעבען“, האָט יוסף מענדיל געגעבען אַ תשובה. „בשעת דער רבי האָט מיר דאָ געליינט די תוכחה, האָב איך געהאַט אַזאַ מין געדאַנק: ווען דעם רבי׳נס גאַנצער ספאָדעק זאָל האָבען נאָר די העלפט פונ׳ם כח המושך, וואָס ס׳שטעקט אינ׳ם בלויסען שפּיץ פונ׳ם אונטער־רויט׳ס קאַפּעלוש, וואָלט דאָך „שיפּנאָוויץ“ געהאַט אַ גרעסערע שליטה אויף דער וועלט ווי „ווין“ און „פּעטערבורג“ און דער רבי וואָלט געקאָנט אויפטון פאַר יודען מעהר ווי ר׳ ליב שרה׳ס און אפילו ווי דער ליימענער גולם להבדיל. היינטזשע האָב איך נישט רעכט, ווען איך זאָג: אַ ל ד י נ ג א י ז פ אַ ר ק ע ה ר ט?“

115

אַ מיתה משונה

דעם שיפּנאָוויצער צדיק האָט מען אַמאָל צוגעטראָגען אַ שמועה,

אַז ר׳ יעקב שבח פּיטשעלאַיובער, איינער פון זיינע גרעסטע מתנגדים, האָט געלאָזט פאַלען אויף „שיפּנאָוויץ" אַ מיאוס וואָרט.

דער רבי האָט אויפגענומען די שמועה מיט די דאָזיגע דבורים:

„אַ ווערמיגער פּיסק! אָבער ער וועט איהם אם ירצה השם באַלד פאַרשטאָפּט ווערען!"

ס'איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין גאַנץ יאָהר, האָט ר׳ יעקב שבח, וואָס איז געווען אַ יוד אַריבער שמונים, באַקומען עפּעס אַ חולאת און איז — געשטאָרבען.

ווי דער שטייגער איז, איז דאָס מופת שטאַרק „באַקייעט" געוואָרען אינ'ם פּיטשעלאַיובער בית המדרש. אָבער מעהר פון אַלעמען האָט „גע־רודערט" דער רויטער בן־ציון, אַ באַקאַנטער פייערדיגער „שיפּנאָוויצער".

„פונקט אַזוי ווי דער רעגען געהט נישט צוריק ליידיג", האָט ער געזאָגט מיט דעם לשון פונ'ם פּסוק, „אַזוי אויך דעם רבי'נס רייד. ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז ווען נישט דער רבי, וואָלט יעקב שבח נאָך געווען געלעבט און געלעבט מי יודע ווי לאַנג."

דער גאַנצער עולם האָט צוגעבימבעלט, נאָר איינער פון דער חבריא, חנינא דעם גבאי'ס, אַ בחור, וואָס איז געווען אַביסעל געכאַפּט אין ציו־ניזמוס, האָט נישט געוואָלט מודה זיין.

„וואָס ביי ענק איז אַ „ברי", האָט ער גע'טענה'ט, „איז ביי מיר אַ גרויסער „שמא". וואָרין כדי אַ מענש פון העכער אַכציג זאָל שטאַרבען — צו דעם באַדאַרף מען נישט קיין נסים; מען קען דאָס גאַנץ גוט פאַר־שטעהן על פי טבע."

אָבער בן־ציון האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

„רבי לעבען, טאָמער פאַרקעהרט!" האָט ער חוזק געמאַכט. „דאָס וואָס דו זאָגסט, חנינא'לע טפש, וואָלט טאַקי גאַנץ גוט געפּאַסט, ווען דער רבי זאָל לעבען זאָל נישט געווען זאָגען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט. אַצינד אָבער, אַז פון איין זייט האָבען מיר דעם רבי'נס הבטחה, אַז יעקב שבח וועט באַלד שטאַרבען, און פון דער אַנדערער זייט זעהען מיר, אַז יעקב שבח איז באַלד געשטאָרבען, היינטזשע צו וואָס באַדאַרף איך מיך קווענקלען און זאָגען, אַז ס'איז געווען אַ געוועהנליכער טויט און דער גורם איז געווען דער כח הטבע? אַ מעהר זאָג איך פּשוט, ס'איז געווען אַ מיתה משונה און דער גורם איז געווען דער רבי."

116
תחית המתים

אינ'ם פּיטשעלאָיובער בית־המדרש דערציילט אַ שיפּנאָוויצער חסיד די דאָזיגע מעשה:

„אַמאָל, ראש חדש, ווי דער אַלטער שיפּנאָוויצער זכרונו לברכה, זיצט אַזוי בײַם טיש מיט עטליכע מקורבים, גיט אַ קום אַרײַן אַ דאָרפס־יוד און דערציילט דעם רבי'ן אַ טרויעריגע בשורה: מענדושע דעם אַרענדאַרס פון סטאַראַ־שיפּנאָוויצאַ, אַ יונגערמאַן, וואָס דער רבי האָט איהם שוין כמה פּעמים צוגעזאָגט אריכות ימים, איז פּלוצים קראַנק געוואָרען און — איז געשטאָרבען.

ווי באַלד דער צדיק האָט דאָס געהערט, איז ער הענדום־פּענדום גע־געבען אַ שטעה אויף פון דער שטוהל, האָט געגעבען אַ כאַפּ דעם שטעקען און — וויאָ פון דער שטוב אַרויס! פאַרשטעהט זיך, אַז דער גאַנצער „טיש" האָט זיך תיכף אויפגעהויבען און איז דעם רבי'ן נאָכגעגאַנגען.

וואו אַהין דער רבי געהט, — דאָס האָט קיינער נישט געהאַט די העזה צו פרעגען. און חוץ מזה האָט מען דאָס געקאָנט לייכט פאַרשטעהן על פי סברא: קיין סטאַראַ־שיפּנאָוויצא צום אַרענדאַר.

געקומען קיין סטאַראַ־שיפּנאָוויצא צום אַרענדאַר, האָט דער צדיק נישט געמאַכט קיין שהיות, נאָר ער איז תיכף ומיד געגעבען אַ געה אַרײַן צום בר־מינן און האָט זיך געהייסען געבען אַ גלעזיל בראָנפען.

מען ברענגט דאָס גלעזיל בראָנפען. דער רבי מאַכט מיט כונה אַ „שהכל" און איז טועם אַ קאַפּ, דערנאָך גיסט ער אָב דריי טראָפּען אויפ'ן פּנים פונ'ם מת און זאָגט אויף אַ קול:

„מנחם מענדיל בן פּעשי! איך בין אויף דיר גוזר, זאָלסט בזה הרגע צוריקקומען אויף דער וועלט!"

דאָס מת הערט נישט.

„הפּנים אַז דער בראָנפען איז צו שוואַך", זאָגט דער צדיק. „ברענגט'ס אַ שטאַרקערן!"

מען טוט, וואָס דער צדיק האָט באַפוילען. ווידער איז דער רבי טועם אַביסעל און גיסט דערנאָך אָב דריי טראָפּען אויפ'ן מת, שרייענדיג בשעת מעשה:

„מנחם מענדיל בן פּעשי! דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? שטעה אויף און — לעב!"

דער טויטער ליגט ווי אַ שטיין.

„נאָך צו שוואַך!" מאַכט דער רבי. „ברענגט'ס מיר נאָך אַ שטאַרקערן, דעם שטאַרקסטען, וואָס איהר האָט!"

מען ברענגט אַ גלעזיל אָקאָוויט פון זעקס־און־ניינציג טראַלעס. דער צדיק טוט דאָסזעלבע וואָס פריהער, אָבער בחנם! דער בר־מינן ריהרט זיך נישט.

פלוצים גיט דער צדיק אַ וואָרף אַוועק דאָס גלעזיל אָקאָוויט אויף דער ערד מיט כעס און טוט אַ זאָג צום עולם:

„ווייסט איר, וואָס איך בין דערגאַנגען? איהם וואָלט אפילו אלישע הנביא אַליין נישט געקאָנט העלפען. ער איז טויטער ווי טויט!"

דאָ הערט דער חסיד אויף צו דערציילען.

„איז דאָס שוין דער סוף פון דער מעשה?" פרעגען אַ טייל פון די צוהערער.

„יאָ!"

„און דאָס איז ביי אייך אַ מופת?" וואונדערן זיך די יודען.

„אַ מופת נישט, אָבער — אַ רבותא."

„וואָסער רבותא?"

„אַ רבותא, אַז נאָך בדורות האחרונים האָט געלעבט אַ ילוד אשה, וואָס האָט זיך געפיהלט בכח, זיך צו געבען אַ נעם צו אַזאַ געוואַלדיגער זאַך: צו תחית המתים!"

117
אַ גוטער לעקיש

צום פיסקאָוויצער צדיק קומט אַ יוד און לעגט אַנידער אויפ'ן טיש אַ קוויטעל מיט אַ מטבע פון צוויי זעקסערלעך פאַר אַ פדיון. דער רבי נעמט דאָס קוויטעל, לייענט עס דורך און פאַרטיפט זיך אין מחשבות. פלוצים טוט ער אַ שטעה אויף פון דער שטוהל, גיט אַ געה אַריין אין זיין יחוד־שטובעל און זוממט זיך דאָרט אַ פערטעל שעה. דערנאָך באַוויזט ער זיך ווידער, זעצט זיך צוריק אַנידער אויף דער שטוהל, פאַרקוקט זיך אויף דער וואַנד און — שווייגט.

דער חסיד שטעהט און וואַרט; ער וויל, דער פיסקאָוויצער זאָל איהם, ווי געוויינטליך, בענטשען. אָבער בחנם! דער צדיק גיט נישט קיין פיפס.

צום סוף פאַרלירט דער יוד דאָס סבלנות און פרעגט:

„רבי, וואו איז מיין ברכה?"

„וואַרט אַביסעל, מיין ליעבער יוד!" ווערט דער רבי פלוצים ריידעוודיג.

„איך וויל אייך צוערשט עפּעס פרעגן: איהר ווייסט, וואו איך בּין פריהער געוועזען?"

„יאָ, אינ'ם יחוד־שטובּעל."

„אַ טעות! כ'בּין געוועזען אינ'ם הימעל בּיים ריידען ר' מאָטילע פּיס־קאָוויצער זכותו יגן עלינו! כ'האָב געוואָלט, ער זאָל מתפּלל זיין, אַז אייערע בקשות אינ'ם קוויטעל זאָלען דערפילט ווערען. נאָר נישט דאָס בּין איך אויסען; איך האָב אייך נאָר געוואָלט דערצעהלען, וואָס איך האָב דאָס־מאָל אינ'ם הימעל געזעהן און געהערט. — ווילט איהר דאָס וויסען?"

„אַודאי!"

„אַזוי הערטזשע: איך קום צוערשט, ווי געוויינטליך, אין ערשטען הימעל אַריין, טרעף דעם מלאך פּצפּציה און פרעג איהם, וואו דער ריידע וואוינט. „זענט איהר שכור צי וואָס?" ענטפערט מיר דער מלאך מיט אַ געבּייזער. „דעם גרויסען פּיסקאָוויצער זוכט איהר אינ'ם ערשטען הימעל?" דאָס הייסט אויף פּראָסטע יודיש: „זייט מוחל, ר' קרוב, און קריכט אַבּיסעל העכער!" אַזוי זאָג איך צו מיר אַליין און געה אין צווייטען הימעל אַריין. אָבער אויך אינ'ם צווייטען הימעל האָב איך גאָר נישט אויפגעטון. „אַז איהר ווילט", האָט מיר דאָרט אַ מלאך געזאָגט, „געפינען ר' מאָטילע'ן, מוזט איהר אייך מטריח זיין און שטייגען נאָך העכער". איך טו, וואָס דער מלאך האָט מיר נאַראַי'עט און קום אין דריטען הימעל אַריין. — דיזעלבּע מעשה! בקיצור, וואָס ווילט איהר וויסען, איך בּין אַזוי געקלעטערט פון הימעל צו הימעל בּיז איך בּין געקומען אויפ'ן זיבּעטען הימעל אַרויף, און ערשט דאָרט האָב איך מיט שווערער מיה געפונען דעם ריידען מיינעם. און וואָס, מיינט איהר, האָט דער ריידע געטון, ווען ער האָט מיך דערזעהן? ער האָט פּלוצלינג געגעבּען אַ לאַז־אַרויס אַ גרויס געלעכטער און אַזוי געלאַכט, אַז די טרערען זענען איהם אַזש געשטאַנען אין די אויגען. — „וואָס לאַכסט דו עפּעס אַזוי, ריידע לעבּען?" פרעג איך איהם. — „בּיזט אַפּנים אַ גוטער לעקיש!" מאַכט ער צו מיר און הערט נישט אויף צו לאַכען. — „מיט וואָס?" פרעג איך ווידער. — „דו פרעגסט נאָך?" ענטפערט ער מיר. „פאַר בּידנע צוויי זעקסערלעך געהסט דו אויסקלעטערן אַלע זיבּען הימלען?"

118
א קליינער טעות

צום דערמאָנטען פּיסקאָוויצער צדיק קומט אַ יודינע און גיט איהם אַ קוויטעל מיט אַ פּדיון.

דער רבי טוט אַ ליין־דורך דאָס קוויטעל און זאָגט:

„לאה בת דינה! איך זעה דאָ אינ׳ם קוויטעל, אַז איהר האָט אַנימעלט פאַרלוירען געלד און איהר ווילט, איך זאָל מתפלל זיין, אַז די אבידה אייערע זאָל בקרוב געפינען ווערען. — ווי גרויס איז דער היזק?“

„הונדערט רייניש.“

„איהר האָט אַ קליינעם טעות, לאה בת דינה! ס׳איז נישט הונדערט, נאָר הונדערט און איין רייניש.“

„ווי אַזוי? איך האָב דאָך נאָר געהאַט הונדערט?“

„נאַרישע יודינע!“ גיט דער צדיק פּלוצים אַ געשריי. „און דאָס ריינישל אַ פדיון איז אַ הונט?“

119

נישט „בן“, נאר „ב״ן“

שרה די גבאיטע פון פיטשעלאַיוב האָט געהאַט זעקס טעכטער און נישט קיין איינציגען זוהן. וואָס האָט זי געטון? איז זי געפאָהרען קיין „פּיסקאָוויץ“ און געבעטען, דער רבי זאָל מתפלל זיין, זי זאָל האָבען אַ בן זכר.

דער צדיק הייסט זיך געבען אַ פדיון כמנין ב״ן און זאָגט:

„שרה בת מלכה! אייער בקשה וועט בלי ספק נאָך היי־יאָהר דערפילט ווערען, מחמת איך האָב די דאָזיגע נאַכט געזעהן אינ׳ם חלום די ווערטער: „לשרה בן“.“

ס׳איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין גאַנץ יאָהר, קומט די יודינע ווידער קיין פּיסקאָוויץ און פרעגט דעם רבי׳ן אַ קשיא:

„ווי אַזוי קומט דאָס, אַז דער רבי האָט מבטיח געווען איין יונגעל און געקומען זענען — צוויי מיידלעך?“

„דאָס איז קיין חידוש נישט“, ענטפערט דער פּיסקאָוויצער אַ תירוץ. „גראָד איצט האָב איך מיך דערמאָנט, אַז דאָס „ב״ן“ פונ׳ם חלום האָט געהאַט צוויי ראשי־תיבות־שטריכעלעך. דאָס מאַכט: ב׳ נקבות.“

120

ווען דער רבי וויל דוקא...

דער פּיסקאָוויצער חסיד ר׳ נחום אפרים פון זינקאָוויץ קומט פון פּיס־קאָוויץ, וואו ער איז געווען ביים רבי׳ן שבת פרשת עקב, צוריק אַהיים און

דערצעהלט אינ'ם בית המדרש נאָך אַ תורה, וואָס דער רבי האָט געזאָגט שבת ביים טיש אויף דעם פסוק „כבד את אביך".

„ווי אַזוי פּאַסט דער דאָזיגער ענין צו פּרשת עקב?" וויל איינער פון די צוהערער וויסן.

„לאָז זיך דיר דאַכטען", ענטפערט דער חסיד, „אַז די דאָזיגע קשיא גופא איז אויך מיר קשה געווען, האָב איך מיך נישט געפוילט און געפרעגט דעם רבי'ן. האָט מיר דער רבי תוך כדי דבור געגעבן אַ תירוץ."

„דהיינו?"

„ס'פּאַסט גאַנץ גוט, וויל עק"ב מאַכט: „כ ב ו ד א ב ו א ם"

„ביזט דו שכור צי וואָס?" וואונדערט זיך דער גאַנצער עולם. „עקב לייגט זיך אויס..."

אָבער ר' נחום אפרים לאָזט די יודען נישט אויסרעדען, גיט אַ קלאַפּ אויף אַ ספר און שרייט:

„בהמות! ווייסט עץ דען נישט, אַז — „הקדוש ברוך הוא גוזר והצדיק מבטל"? ווען דער הייליגער פּיסקאָוויצער וויל דוקא, אַז „עקב" זאָל מאַכען „כבוד אב ואם" — מ א כ ט ע ס!"

121

די זיינ'ס פון „שקערורות"

„גאַנצע צוויי שעה" — אַזוי דערצעהלט אַ פּיסקאָוויצער חסיד אין מיעלטשאָווער בית המדרש — „איז דער אַלטער פּיסקאָוויצער זכותו יגן עלינו געזעסען און האָט מגלה געווען רזין דרזין, זאָגענדיג תורה אויף די זיי"נ'ס פון „שקערורות"."

„וואָסער זיי"נ'ס שטעהען אין „שקערורות"?" פרעגט עמיצער פונ'ם עולם.

„גולם!" גיט דער „פּיסקאָוויצער" אַ תשובה. „דאָס איז דאָך טאַקי די קונץ! תיכף ביים אָנהויב פון דער „תורה" האָט דער הייליגער צדיק געגעבען אַ נעם אַרויס די זיי"נ'ס פון „זמזומים" און זיי געגעבען אַ שטעל אַריין אין „שקערורות"."

122

„רזין" און „רזין דרזין"

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם ג...ר צדיק, וואָס דער חילוק איז צווישען „רזין" און „רזין דרזין".

„דער חילוק איז דער", האָט דער רבי געענטפערט. „רזין" איז, ווען דער רבי זאָגט תורה און די חסידים פאַרשטעהען זי נישט, און „רזין דרזין" — ווען דער רבי זאָגט תורה און ער אַליין פאַרשטעהט זי אויך נישט."

123

„נצח שבטפשות"

בײַ ספירה־צעהלען אין'ם פּיטשעלאָיובער בית המדרש קומט דער חסיד ר' זושא'לע „בעל מח" צו צו דעם בחור אברהם משה, אַ יונגעל, וואָס איז אַביסעל געכאַפּט אין השכלה און רוימט איהם איין אין אויער: „מה שפגמתי בספירה?" (ער וויל, דער בחור זאָל איהם זאָגען די היינטיגע „ספירה").

„נצח שבטפשות", רוימט דער משכיל דעם חסיד צוריק איין אין אויער.

ר' זושא'לע ווערט בייז און שרייט:

„שקץ שבשקצים!"

"דאָס איז שוין נעכטען געווען", ענטפערט מניה וביה דאָס יונגעל.

124

די שמחה פון רבקה'ן

צוויי גאַליצישע חסידים זענען זיך מתוכח מיט אַ מתנגדישען ליטוואַק וועגען חסידות.

בשעת'ן וכוח צעהיצט זיך פלוצים דער ליטוואַק און גיט אַ געשריי:

„איהר זענט אַלע ביידע גויים!"

„דער וכוח איז אויס!" זאָגט אויף דעם איינער פון די חסידים. „נאָר איידער איך געה אַוועק פון אייך, וואָלט איך אייך זעהר געבעטען, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און אויסהערען אַ דבר תורה."

"מהיכא תיתי!"

„אַזוי הערטזשע: עס שטעהט בײַ רבקה: „ויתרוצצו הבנים בקרבה ותאמר אם כן למה זה אנכי ותלך לדרש את ד' ויאמר לה ד' שני גויים בבטנך". מילא ס'איז אייך אַודאי באַקאַנט, אַז די דאָזיגע פסוקים זענען זעהר שווער און די מפרשים לערנען דאָ אַריין פאַרשידענע פשטים. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דער אמת'ער פשט איז דער: רבקה האָט געזעהן, אַז דאָס עובר איז עפּעס אַ מאָדנע בריה, וואָס צאַפּעלט אַרויסצוגעהן אי בײַ אַ שול אי בײַ אַ טומאה להבדיל (ווי רש"י מאַכט). איז איהר איינגעפאַלען

אַ גערעדאַנק, אַז דאָס געהער מסתמא זיין אַ ליטוואַק, וואָס איז עלול צו לערנען גע'שמד'טערהייט גמרא מיט תוספות און צו מאַכען אַ „כורך" פון מצה מיט חזיר. האָט זי זיך זעהר דערשראָקען און געזאָגט: אם כן, אַז דאָס צער פונ'ם טראָגען קומט פון אַ ליטוואַק, למה זה אנכי, צו־וואָס לעב איך אויף דער וועלט? ותלך לדרש את ד', איז זי געגאַנגען נאָכ־פאָרשען ביי שם ועבר. ויאמר לה, האָט מען איהר דאָרט געזאָגט: שני גויים בבטנך, צוויי גויים זענען אין דיין בויך. — ווי באַלד רבקה האָט דאָס געהערט, איז זי אַהיימגעגאַנגען מלא שמחה, קלערענדיג ביי זיך: בעסער צוויי גויים איידער איין ליטוואַק!"

125
דער עזות פנים

דער זיבעצעניעהריגער בחור חיים יעקב, אַ פּיסקאָוויצער חסיד, קומט אינ'ם זינקאָוויצער בית המדרש צו צו ר' שבתי'ל ר' זיינוויל'ס, אויך אַ „פּיסקאָוויצער", אָבער אַ יוד אַריבער ששים, און גיט אַ זאָג צו איהם:

„הער נאָר דו, שבתי!" (אַלע פּיסקאָוויצער חסידים „דוצען" זיך).

„גיב מיר גיך אַ ברענג פון דער שאַפע אָט־אָ־דאָרט דעם „שאגת אריה"!".

„איך גיב דיר אַ פלאַסק, וועסטו האָבען!" דערבייזערט זיך דער אַלטער חסיד. „בין איך דיין משרת צי וואָס?"

דער בחור גיט זיך אַ דרעה־אוים צו די חברים זיינע און זאָגט:

„ווייסט עך, וואָס מיר דאַכט זיך: דאָס דאָזיגע שבתי'לע וואַקסט אַ גוטער עזות פנים!"

126
דאָס לאַכען פון יהושע „בהמה"

ביים טיש פונ'ם אַלטען ראָפּטשיצער צדיק ר' נפתלי האָרוויץ דערצעהלט אַ קראָקאָווער יוד אַ מעשה: מען האָט אַנימעלט אין דער וויסעל נעבען קראָקא געפונען אַן אומבאַקאַנטען יודישען „נטבע". ווי דער שטייגער איז, האָט דאָס קראָקאָווער בית דין תיכף מודיע געווען אין דער גאַנצער סביבה. נאָך עטליכע טעג קומט צו געהן אַ יודינע און טענה'ט, אַז דער בר־מינן איז איהר מאַן. — „האָט איהר סימנים?" פרעגט דאָס בית דין. — „יאָ", ענטפערט די יודינע, „צוויי סימנים: מיין מאַן איז תמיד געווען אַ קי־צעלדיגער און אַ הויקוואַטער."

דער גאַנצער „טיש" לאַכט. אָבער מעהר פון אַלעמען לאַכט דעם רבי'נס גבאי, יהושע „בהמה", אַ יוד, וואָס האָט געהאַט — ווי דער נאָמען זאָגט עדות — אַ שם פאַר אַ גרויסען טפש.

דער רבי איז מסתמא טשיקאַווי צו וויסען דעם טעם פון יהושע „בהמה'ס" געלעכטער און פרעגט:

„יהושע, וואָס האָסט דו דיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט?"

„איך לאַך פון די שעהנע סימנים, רבי", ענטפערט דער גבאי און קאַטשעט זיך פאַר לאַכען. „אַזאַ פערד! וועניג קיצעלדיגע און היקעוואַטע יודען זענען דאָ אויף דער וועלט?"

127
אַ השגה פון אַ בטלן

דער ש... ר צדיק האָט אַמאָל ביים טיש צוגערופען דעם חסיד ר' מיכל'ע זבאַראַווער, אַ יוד וואָס האָט געהאַט אַ שם אין גאַליציען פאַר אַ גרויסען בטלן און געפרעגט:

„זאָג מיר, מיכל'ע! ווען דער אויבערשטער גיט דיר אַזוי פלוצים אַ העלף און דו געווינסט אַ טערנע אויף צוואַנציג טויזענד ריי ניש, — וואָס וואָלטסט דו געטון?"

„וואָלט איך מיר", ענטפערט דער חסיד מיניה וביה, „יעדען טאָג פאַר'ן דאַווענען געקויפט פאַר עטליכע גרייצער רומאַניק און וואָלט מיר געמאַכט אַ קאַנע, — וואָלט איך געהאַט אַ הכנה!"

128
אַ גוטע ראיה

דער בדחן ר' הערש לייב סיגוטער האָט געפרעגט דעם אַלטען ב...ר צדיק אַן „איבעיא": וואָס איז „תשובה", אַ לשון זכר אָדער אַ לשון נקבה?

„אודאי אַ לשון נקבה", האָט דער רבי געענטפערט.

„נישט געמאָלט!" זאָגט אויף דעם דער בדחן. „וואָרין ווען דאָס זאָל זיין וואָהר, וואָלט איך זיכער דערפון געהאַט אַ הרהור.

129
נישט קיין פשוט'ער כלב

דער לייפניקער רב ר' ברוך (דער „ברוך טעם") פרובט אַ יונגען מאַן אויף היתר הוראה און פרעגט איהם, ווי דער שטייגער איז, פאַרשידענע שאלות אין „טריפות", „בשר בחלב" א. אַז. וו.

דער געפּרובטער קלערט נישט לאַנג נאָך און ענטפערט אויף אַלע שאלות: „טריפה“.

דערויף נעמט דער „ברוך טעם“ אַרויס דעם „יורה דעה“ און ווייזט דעם יונגען מאַן, אַז אַלדינג, וואָס ער האָט מטריף געווען, איז באמת כשר.

דער „קאַנדידאַט“ פאַרענטפערט זיך און טענה'ט, אַז ווען מען זאָגט אויף כשר —טריפה, איז דאָס קיין גרויס אומגליק נישט. אדרבה, „המחמיר תבוא עליו ברכה“ (ווער ס'איז מחמיר, זאָל אויף איהם קומען אַ ברכה).

„אַז איהר טענה'ט יאָ אַזוי“, זאָגט דער רב, „וויל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה“:

„אַ דאָרפס־יודינע האָט זיך אַמאָל געזשאַלעוועט פאַר איהר מאַן, אַז ס'איז איהר שוין מיאוס, צו געהן מיט יעדער „שאלה“ אין שטאָדט אַריין צום דיין. דער מאַן קלערט אַביסעל נאָך און זאָגט: „הער אויס, מיין ליעבּ ווייבּ! איך האָבּ אַן עצה: עס שטעהט אין דער הייליגער תורה: „טריפה לא תאכלו לכלב תשליכון אותו“, טריפה זאָלט איהר נישט עסען, נאָר איהר זאָלסט עס צוואַרפען דעם הונט. איז דאָך געדרונגען פון דאַנען, אַז דער כלב מעג על פי דין עסען נאָר דאָס טריפה'נע פלייש, אָבער נישט דאָס כשר'ע. היינטזשע אַצינד, אַז ס'איז יאָ אַזוי, צו־וואָס באַדאַרפסט דו געהן צום דיין אין שטאָדט אַריין, אַמעהר טו בעסער אַזוי: ווען דו וועסט האָבען אויף עפּעס אַ „שאלה“, זאָלסט דו נעהמען אַ שטיקעל דערפון און עס וואַרפען פאַר'ן כלב. וועט ער עסען, איז עס טריפה, וועט ער נישט עסען, איז עס כשר“.

— די יודינע האָט זיך זעהר דערפרייט און געטון ווי דער מאַן האָט איהר נאַראַי'עט. — איהר וועט אייך שוין מסתמא אַליין שטויסען און פאַרשטעהן, אַז דער כלב האָט נישט מבחין געווען צווישען כשר און טריפה און האָט אַלדינג אויפגע'אכל'ט מיט גרויס חשק. — בקיצור, וואָס ווילט איהר וויסען, נאָך עטליכע חדשים קומט די יודינע צו דעם בעל עצה, דעם מאַן איהרען דייסט עס, און זאָגט: „הער אויס, מיין ליעבּער מאַן! די עצה דיינע איז טאַקי אַ וואוילע עצה, אָבער וואָס האָבּ איך דערפון, אַז מיר האָבען, דאַכט זיך דאָ צו טון נישט מיט קיין פשוט'ען הונט, נאָר מיט אַ כלב, וואָס איז אַ גרויסער מחמיר?“

130

נישט פּראָסטי געשריבען...

אינ'ם ערשטען יאָהר פון דער וועלט־מלחמה איז ר' שואל'יק פּיטשע־לאַיובער, אַ פאַרברענטער קיזלאָוויצער חסיד, צוריקגעקומען פון קיזלאָוויין

קיין פּיטשעלאָיוב און געבּראַכט די בּשורה, אַז די „אַנטאַנטע" וועט בּאַלד האָבּען אַ מפּלה.

„פון וואַנען ווייסט דו דאָס?" האָט דער עולם געפרעגט.

„פונ'ם רבּי'ן. איך האָבּ אַליין געזעהן, ווי דער רבּי האָט אויפגעשריבּען מיט קרייד אויפ'ן טיש דאָס וואָרט „אַנטאַנטע". דערנאָך האָט ער דאָס אויס־געמעקט און געשריבּען אויף דעם אייגענעם אָרט ממש: „כּן יאבדו!"

דאָס גאַנצע שטעדטיל האָט אויפגענומען דאָס נייעס מיט גרויס שמחה. נאָר איינער פון די בּעלי־בּתים, ר' פייביל „אנדרוגינוס" (אַזוי האָט מען איהם גערופען, ווייל ער איז געווען אַ האַלבּער חסיד און אַ האַלבּער דייטש), האָט זיך בּשום אופן נישט געוואָלט פרייען.

„פונ'ם רבּי'נס מויל אין גאָט'ס אויערען!" האָט ער געזאָגט, „אָבּער גלויבּען גלויבּ איך נישט בּיז איך זעה."

נאָך עטליכע וואָכען טרעפט ר' פייביל דעם בּשורה־בּרענגער און זעהט, אַז ער איז מלא גדולה.

„וואָס זענט איהר עפּעס אַזוי „געהויבּען"?" פרעגט ר' פייביל.

„אָבּער ווער האָט דעמאָלט רעכט געהאַט?" זאָגט ר' שואל'יק אויפ'ן אָרט פון אַ תשובה.

„וואָס איז אַזוינס געשעהן? האָט מען שוין איינגענומען פּאַריז צי וואָס?"

„לעת עתה נאָך נישט, אָבּער — איהר ווייסט נישט, אַז איך קום ווידער פונ'ם רבּי'ן?"

„נו? וואָס איז געדרונגען?"

„אַז די „אַנטאַנטע" ליגט שוין אין דער ערד. וואָרין איך האָבּ אַליין געזעהן, ווי דער רבּי האָט אויפגעשריבּען אויפ'ן טיש מיט קרייד: „אַנטאַנטע". דערנאָך האָט ער דאָס אויסגעמעקט און געשריבּען אויף דעם אייגענעם אָרט געכתיבעט: „כּן יאבדו". איהר הערט? נישט פּראָסטי געשריבּען ווי דעמאָלט, נאָר געכתיבעט!"

131

זכות אבות

דעם קיזלאָוויצער צדיק האָט מען אַמאָל דערצעהלט פון אַ יונגען מאַן, אַז ער טראָגט שעלקעס צו די הויזען (און נישט אַ פּאַס, ווי אַלע יודען).

דער רבּי האָט תיכּף דעם „דייטש" געלאָזט רופען און איהם אָבּגעשיי־געצט ווי עס געהער צו זיין.

„אודאי האָט איהר רעכט, רבי לעבען", האָט זיך דער „חוטא" מתנצל געווען. „אָבער וואָס זאָל איך טון, ווען איך האָב אַזאַ טבע, אַז נאָך שעלקעס קענען בײַ מיר מנצח זיין דעם כח המושך, וואָס ציהט די מכנסים צו דער ערד, און נישט קיין פּאַס?"

„נאַרישע תירוצים!" שרייט דער צדיק מיט כעס. „פאַרוואָס האַלטען זיך בײַ מיר די הויזען מיט אַ פּאַס?"

„וואָס פאַרגלייכט דער רבי דעם רבי'ן?" זאָגט דער חסיד מיט אַ קול פון נצחון. „ד ע ר ר ב י ה אָ ט ד אָ ך ע פּ ע ס ז כ ו ת א ב ו ת!"

132

אַן אומגליק

דער אַלטער ב—ר צדיק האָט אַמאָל בײַ נעילה באַמערקט, ווי זיין זוהן בעריש'ל, דעמאָלט אַ יונגעל פון צוועלף יאָהר, האָט זיך, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, זעהר שטאַרק צעוויינט.

דער רבי האָט זיך אויף דעם זעהר גע'חידוש'ט און געוואָלט וויסען דעם טעם דערפון.

„וואָס האָסטו דו דיך עפּעס פלוצים אַזוי צערלאָזט, בעריש'ל?" האָט ער געפאָרשט.

„ווי זאָל מען נישט וויינען", האָט דאָס יונגעל געענטפערט, „ווען מען מאָלט זיך אויס, אַז איידער קוויטלעך צו שפּילען, וועט מען היי־יאָהר ניטעל מוזען קידוש מאַכען און זמירות זינגען."

„ווי אַזוי?"

„איך האָב גראָד איצט נאָכגערעכענט און געפונען, אַז נ י ט ע ל ג ע־ פ אַ ל ט ד אָ ס־י אָ ה ר פ ר י י ט אָ ג־צ ו נ אַ כ ט ס."

133

אַ גוטער גנב...

דעם ערשטען טאָג פּסח בײַם „טיש" פרעגט דער פּאַשלאָוויצער רבי דעם זוהן זיינעם, אַ בחור'ל פון צעהן יאָהר, וואָס ער האָט נעכטען בײַ „שפוך חמתך" געזעהן.

„אַן אָפענע טיר און ווייטער גאָר נישט", איז געווען די תשובה.

דער רבי טוט אַ שמייכעל, גיט דעם יונגעל אַ קניפּ אינ'ם בעקעל און זאָגט:

„וואָס האָב איך דערפון? ב י ז ט אַ ג ו ט ע ר ג נ ב!"

134

א דבר נפלא

דאָס שיפּנאָוויצער „שטובעל“ אין מיעלטשאָוו האָט אַמאָל אַרויס־געגעבען אַן איסור אויף דער שחיטה פונ׳ם שטאָדט־שוחט, ווייל ער — פאָהרט קיין קיזלאָוויץ און נישט קיין שיפּנאָוויץ.

דאָס האָט דעם מיעלטשאָווער ראש הקהל, א פרומען אָבער אַ קלוגען יוד, שטאַרק פאַרדראָסען. האָט ער געשיקט רופען דעם ראש המדברים פון די „שיפּנאָוויצער“ און איהם דערצעהלט די דאָזיגע מעשה:

„אַנימעלט איז מיר געקומען צו־חלום מיין זיידע פונ׳ם עולם האמת און האָט מיר מגלה געווען אַ דבר נפלא: פון די צוויי עולם הבא׳דיגע הויפּט־מאכלים, לויתן און שור הבר, זעהט מען לעת עתה אינ׳ם גן־עדן נאָר דאָס ערשטע, דאָס הייסט: דעם לויתן, אָבער פונ׳ם שור הבר — נישט אַ לעק!“

„און וואו איז דער שור הבר?“ פרעגט דער „שיפּנאָוויצער“ דערשראָקען.

„ער לעבט — ער זאָל לעבען! — און פאַשעט זיך נאָך.“

„וואָס איז די מעשה, וואָס מען שעכט איהם נישט?“

„די מעשה איז אַ שעהנע מעשה. דער רבונו של עולם האָט מורא איהם צו שעכטען, טאָמער וועלען די שיפּנאָוויצער נישט וועלען עסען פון זיין שחיטה.“

135

דער פסק פונ׳ם רבי׳ן

צום פּאשלאָוויצער רבי׳ן קומט אַ יודינע פרעגען אַן עצה: זי האָט אין דערהיים צוויי עופות, אַ היהן און אַ האָהן, און וואָלט געוואָלט איינס פון ביידע שעכטען. זי ווייסט אָבער נישט וועלכעס. וואָרין — ווען זי שעכטען דעם האָהן, וועט זיך די היהן מצער זיין, וועט זי אָבער שעכטען די

„וועט זיך דאָך די היהן מצער זיין?“

דער רבי קלערט אַ ווייל נאָך. דערנאָך גיט ער אַרויס דעם פסק:

„געה, שעכט דעם האָהן!“

„וועט זיך דאָך די היהן מצער זיין.“

ווידער פאַרטיפט זיך דער רבי אין געדאַנקען און זאָגט צום סוף:

„זאָל ער זיך מצער זיין!“

136

אַ פֿאַלשער חשד

דעם קיזלאָוויצער „אייניקעל" ר' לייבישל „סוחר" (אַזוי האָט מען אים גערופֿען צוליעב דעם, וואָס ער איז געווען אַ סוחר און נישט אַ רבי ווי זיין גאַנצע משפּחה) איז אַמאָל געשעהן אַן אומגליק: ער האָט זיך געליגען געלד ביי אַ (יודישער) פּריוואַטבאַנק און איהר אונטערגערוקט אַ פֿאַלש וועקסעל. באַלד איז די באַנק געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס וועקסעל איז פֿאַלש, האָט זי איהם געלאָזט רופֿען און איהם מתרה געווען, אַז באם ער וועט נישט באַצאָהלען ביז צו דעם און דעם טאָג, וועט מען פֿון איהם מאַכען אַ „יושב בסתר". ר' לייבישל האָט זיך געוועהרט מיט כל הכחות און אָנ־געהויבען טענה'ן פֿאַרשידענע טענות. ראשית: וואָס הייסט? שנית: היתכן? וכדומה. און דער שמועס איז געגאַנגען אהין און אהער. בשעת דעם ויכוח איז אָבער איינעם פֿון די באַנקדירעקטאָרען איינגעפֿאַלען אַ געדאַנק, אַז ס'איז געמאָלט, אַז דאָס וועקסעל איז נישט פֿאַלש, נאָר ר' לייבישל האָט אַמישנע געלאָזט פֿאַרשפּרייטען די שמועה פֿונ'ם פֿאַלשען וועקסעל, כדי מען זאָל זיך מיט איהם פֿאַרגלייכען. און ער האָט דעם חשד תיכף מודיע געווען דעם „אייניקעל".

הערענדיג אַזעלכע דבורים, איז ר' לייבישל געוואָרען בלייך ווי די וואַנד און האָט — געשוויגען.

„וואָס שווייגט איהר?" פֿרעגט דער דירעקטאָר. „האָב איך געטראָפֿען?"

„מה נאמר ומה נדבר", האָט ר' לייבישל ווידער אָנגעהויבען צו רעדען, „וואו זאָל מען נעהמען ווערטער אַקעגען אַזאַ שרעקליך בלבול? נאָר אַזוי־פֿיעל וועל איך אייך זאָגען: מילא איהר ווייסט דאָך, ווער איך בין און פֿון וועמען איך קום אַרויס, אַזוי הערטזשע: איך שווער אייך ביי מיין זיידען, ביים גרויסען קיזלאָוויצער, אַז איהר זענט אַ חושד בכשרים: ד אָ ס ו ו ע ק ס ע ל א י ז א מ ת ' ד י ג פֿ אַ ל ש."

137

אַ דעפּעשע מיט אַ גרייז

אינ'ם טאָג פֿונ'ם ש...ר צדיק'ס פּטירה האָט ר' אורי'לע מיעלטשאָ־ווער, אַ יוד אַ גביר און אַ פֿאַרברענטער חסיד פֿונ'ם נפֿטר, באַקומען אַ דעפּעשע „פֿונ'ם הויף" מיט דעם דאָזיגען נוסח: „רבי נפֿטר געוואָרען, קומען תיכף בערדיגונג". און מחמת ר' אורי'לע איז גראָד געווען אין בית

המדרש ביי תהלים־זאָגען (פאַר'ן קראַנקען רבי'ן), האָט אָנגענומען די דעפּעשע זיין ווייב אסתר'ל, עפּעס אַ מאָדנע נפש פון קראָקא, אַ יודינע, וואָס האָט געהאַט אַ מנהג קבוע, יעדען טאָג צו ליינען צוויי זאַכען: 1) תחנות (אין דער פריה) ; 2) „נייע פרייע פּרעסע" (געוועהנליך אויף דער נאַכט).

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, קומט דער גביר פונ'ם בית המדרש און טרעפט זיין ווייב שטעהן ביים פענסטער מיט אַ פאַרווײנט פּנים.

„וואָס איז געשעהן?" פרעגט ער דערשראָקען. „איז עפּעס געוועזן אַ ידיעה?"

„יאָ", ענטפערט אסתר'ל און טוט אַ שווערען קרעכץ.

„וואָסער ידיעה? רעד אַ וואָרט!" זאָגט ר' אורי'לע בלייך ווי די וואַנד.

„אוי! אוי! אוי!" צערוויינט זיך פּלוצים די יודינע אויף אַ קול. „דו זעהסט נישט דאָרט די דעפּעשע? — נעביך בחנם תהלים געזאָגט! — זאָלסט קומען צו בעערדיגונג. — אַזאַ לעכטיגער צדיק! — ס'איז אפילו אַ גרייז אין „בערדיגונג" — ווער איז מיין האַרץ! — „בערדיגונג שטעהט מיט איין e!"

138

דאָס איז טאַקי די קונץ!

צוויי פּיסקאָוויצער חסידים, ר' פייביש און ר' געציל, געהען שפּאַצירען. פלוצים זאָגט ר' געציל צו ר' פייביש'ן:

„איין זאַך פאַרשטעה איך נישט, פייביש: מילא, דאָס איז דאָך אַמאָל אַ „ברי שבברי", אַז דער רבי איז אַ בעל יכולת און קאָן, ווען ער וויל, משנה זיין סדרי בראשית. היינטזשע ווי אַזוי קומט דאָס, אַז מיר ביידע פאָהרען שוין צום רבי'ן העכער דרייסיג יאָהר, געבען עטליכע מאָל אינ'ם יאָהר קוויטלעך מיט פדיונות און מיר ווערען וואָס אַמאָל גרעסערע קבצנים?"

„שוטה!" גיט ר' פייביש אַ תשובה, „דאָס איז דאָך טאַקי די קונץ! ער וויל העלפען, ער קאָן העלפען און העלפט נישט."

139

דער „נכתב בצדו"

דער פּיסקאָוויצער צדיק האָט געהערט, אַז דער בחור ניסן ישראל מרדכי'ס פון פּיטשעלאיוב, אַ זוהן פון זיינס אַ מקורב, איז פלוצים געוואָרען אַ „בן

בית״ ביים „אונטערוויט״. וואָס האָט ער געטון? האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און דעם תכשיט געשריבן אַ לאַנגען בריף, אין וועלכעם ער האָט איהם געלייענט די תוכחה ווי ס׳געהער צו זיין.

נאָך עטליכע טעג האָט דער רבי באַקומען אַ תשובה פונ׳ם בחור מיט דעם דאָזיגען נוסח:

„הייליגער רבי! מזל טוב! איהר האָט מנצח געווען! יעדעס וואָרט פון אייך איז מיר אַריין אין אַלע רמ״ח אברים ווי בוימעל. די פעולה איז געווען, אַז איך האָב געשוואוירען מיט כל-ערליי שבועות און חרמות, פון איצט אָן נישט מעהר אָנצורירהרען קיין קוויטעל, נישט זומער און נישט ווינטער, נישט חנוכה און נישט ניטעל. אויסגעמעקט זאָלען ווערען פון מיין האַרץ אַלע שמות-הטומאה, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער קליפה פון קאָרטען, ווי „אָקע״, „דערדיל״, „אונטער״, „אויבער״, „טויז״ וכדומה! אמן!״

הקטן

ניסן בן ישראל מרדכי

נכתב בצדו: גרויסער צדיק! לייגט גוט דורך די דערמאָנטע שורות און חזר׳ט זיי אייך איבער עטליכע מאָל! ווייל נאָר אַזוי און נישט אַנדערש — וואָלט איך אייך געווען געשריבען, ווען איהר וואָלט געווען גובר געווען דעם אויבעראייכעל. איצט אָבער, אַז ער האָט אייך גובר געווען — האָט מיר אַ גוטען תמיד און זאַטשעפּעט קיינמאָל נישט מיט אַ שטאַרקערען!״

הנ״ל

140

זיין משפט איז גערעכט...

דער זינקאָוויצער דיין ר׳ לייביש פישעלס, אַ יוד, וואָס האָט געהאַט אין דער גאַנצער סביבה אַ שם פאַר אַ גרויסען „לקחן״, איז אַלס בן ארבעים טויב געוואָרען. האָט „זינקאָוויץ״ אויף דעם געפרעגט אַ קשיא:

„ווי אַזוי קומט דאָס, אַז אַ „לקחן״ זאָל גראָד טויב ווערען? אַ מעהר ס׳שטעהט דאָך בפירוש „כי השחד יעור״, דער שחד מאַכט בלינד; איז דאָך משמע, אַז נאָר בלינד אָבער נישט טויב?״

„דאָס קומט דערפון״, האָט „זינקאָוויץ״ אַליין געענטפערט אַ תירוץ, „וואָס די זינקאָוויצער יודען האָבען דעם דיין, הן אמת, מבטיח געווען צו געבען (אַזוי אַז די אַ יערען האָבען געהערט און אַ הנאה געהאַט), אָבער גע־געבען האָבען זיי, ווי זייער שטייגער איז, אַ מכה (און די אויגען האָבען דערפון נעביך גאָר נישט געהאַט)״

141

נישט געהאט קיין ברירה...

דער פּיטשעלאיובער רב איז געשטאָרבען, איז דער ראש הקהל ר' נפתלי שאָרנשטיין געגעבען אַ פֿאָהר אַריבער קיין "פּוילען", האָט פֿון דאָרט געבראַכט עפּעס אַ היקעוואַטען יוד און איהם געמאַכט צום פּיטשעלאיובער רב.

פֿאַרשטעהט זיך, אַז פּיטשעלאיוב האָט זיך אויף דעם זעהר געוואונ־דערט.

"וואָס איז אייך, ר' נפתלי, עפּעס איינגעפֿאַלען אַ "שמע קולנו", צו ברענגען אַ היקעוואַטען רב?" האָט דער עולם געוואָלט וויסען.

"איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה", האָט ר' נפתלי געענטפֿערט.

"פֿאַרוואָס?"

"ווייל כ'האָב נישט געפֿונען — קיין שטומען."

142

ודאי עשה תשובה...

דער ב...ר רבי פֿלעגט זאָגען:

"די גמרא זאָגט: "אם ראית תלמיד חכם, שעבר עבירה בלילה, אל תהרהר אחריו ביום, ודאי עשה תשובה". איז דער פּשט: אם ראית תלמיד חכם וכו', ווען דו זעהסט אַ תלמיד חכם טון אַן עבירה ביי נאַכט, זאָלסט דו נישט נאָכקלערען נאָך איהם ביי טאָג, ודאי עשה תשובה, ער האָט אודאי געמאַכט אַ "תשובה", אַז מען מעג." —

143

"אוי" און "אַה"

דער אַלטער ב...ר רבי האָט געוואָלט זיין זוהן שמעוּ'לע, אַ בחור'ל פֿון עלף יאָהר, מחנך זיין אין מצוות און האָט איהם געפֿיהרט אין דער קאַל־טער מקוה אַריין.

דאָס יונגעל האָט דאָס קאַלטע וואַסער נישט געקאָנט סובל זיין און האָט, כל זמן ער איז געווען אין דער מקוה, געהאַלטען אין איין יאָמערן: "אוי! ס'איז קאַלט! אוי! סע שניידט! אוי! איך קאָן נישט אויסהאַלטען!"

אָבער קוים וואָס ער איז אַרויס פֿונ'ם וואַסער און האָט זיך אָנגעטון דאָס העמד, האָט ער פּלוצים אָנגעהויבען צו שרייען: "אַה! אַ מחיה! אַה! אַ גן עדן!"

דער רבי הערט דאָס און זאָגט:

"זעהסטו, יונגאַלע? דאָס איז דער חילוק צווישען אַ קאַלטער מקוה און אַן עבירה. ביי אַ קאַלטער מקוה קומט צוערשט דאָס "אוי!" און דערנאָך דאָס "אַה!". אַנדערש ביי אַן עבירה: דאָרט שרייט דער מענש צוערשט "אַה!" און דערנאָך "אוי!".

144

א רעכט אויף „קראָקאָ"

דער פיטשעלאיובער רב האָט קאַנדידירט אויפ'ן מיעלטשאָווער רבנות. נאָך פיעל מיה און השתדלות האָט ער אַזוי פיעל גע'פועל'ט, אַז מען האָט איהם געלאָזט האַלטען א דרשה אין דער מיעלטשאָווער שול. אָבער נישט מעהר. מיעלטשאָוו האָט אויף איהם געוואָרפען אַן אום־חן און געזאָגט: "לא!"

אויף דעם וועג קיין פיטשעלאיוב צוריק טרעפט דער קאנדידאט דעם באַקאַנטען זיינעם, דעם זינקאָוויצער רב, און באַשמועס'ט מיט איהם, ווי דער שטייגער איז, דעם גאַנצען ענין.

"וואָס זאָגט איהר עפּעס דערצו, זינקאָוויצער רב?" פרעגט ער צום סוף.

"איך מוז אייך זאָגען בתם־לם", גיט דער זינקאָוויצער אַ תשובה, "אַז מיעלטשאָוו האָט רעכט. און נאָך מוז איך אייך זאָגען, אַז ווען מען זאָל וועלען אַריינקלערען טיעף אין דער זאַך אַריין, האָב איך מעהר רעכט אויף מיעלטשאָוו ווי איהר."

"פאַרוואָס עפּעס?"

"דאָס איז דאָך קלאָר ווי די זון! ביי אייך וויל גאַנץ פיטשעלאיוב, איהר זאָלט זיין מיעלטשאָווער רב, און ביי מיר וויל דאָס אייגענע גאַנץ זינקאָוויץ, און זינקאָוויץ, זאָגט איהר דאָך אַליין, איז גרעסער פון פיטשעלאיוב. קומט דאָך אויס, אַז איך האָב מעהר דעות אויפ'ן מיעלטשאָווער רבנות פון אייך."

דער פיטשעלאיובער שווייגט.

"זעהט איהר", זאָגט דער זינקאָוויצער ווייטער, "אויף קראָקאָ האָט איהר — דאָס מוז איך מודה זיין — אַ גרעסער רעכט פון מיר. וואָרין ביי מיר וויל נאָר זינקאָוויץ אַליין, איך זאָל ווערען קראָקאָווער רב, בשעת ביי אייך ווילען דאָס אי פיטשעלאיוב אי מיעלטשאָוו."

145

דער רב און דער אינדיק

אַ גאַליציש רב'ל קומט אין אַן אונגאַריש שטעדטיל צו אַ גביר. דער בעל הבית נעמט דעם אורח אויף מיט גרויס דרך ארץ, און מחמת מען גרייט

גראָד צו־טיש צום „מיטאָג", בעט ער איהם, ער זאָל איהם אָנטון דעם כבוד און זיך וואַשען צום עסען.

„אַז איהר ווילט דוקא — לאָז זיין!" זאָגט אויף דעם דער רב. „מ'טאָר נישט זיין קיין סרבן!"

געקומען צום עסען, ברענגט מען אַריין אַ פעטען אינדיק און שטעלט איהם אויפ'ן טיש פאַר'ן רב; מען וויל, דער חשוב'ער גאַסט זאָל טיילען דעם גאַנצען בני בית (אַזוי איז דער מנהג אין א טייל מקומות אין אונגארן). דער אורח פוילט זיך נישט, נעמט אַ מעסער אין איין האַנד, אַ גאָפּיל אין דער אַנדערער, צערשניידט דעם אינדיק מיט דער בריה'שאפט פון א מומחה און הויבט אָן — צו אכל'ן ווי ס'געהער צו זיין.

דער גביר ווערט בלייך ווי די וואַנד, ער האָט אָבער נישט די העזה, עפּעס צו זאָגען און וואַרט ביז דער רב וועט זיך אַליין דערמאַנען, וואָס ער האָט צו טון.

דערווייל אָבער איז דער גאַסט נישט געזעסען ליידיג; אדרבה, ער האָט געאַרבייט מיט גרויס דבקות און אויך גרויס — איילעניש, אַזוי אַז איידער וואָס איידער ווען איז פונ'ם עוף נישט מעהר געבליבען ווי די העלפט. דאָס זעהענדיג, ווערט דער גביר שמיאַלע און — צעהיסט זיך.

„זענט איהר פאַרקיהלט? פרעגט דאָס רב'ל און טוט א טשמאָק מיט'ן מויל (ער האָט גראָד אויסגענאָגט אַ ביינדיל).

„נישט אַזוי פאַרקיהלט ווי... הום... איך האָב אייך נאר געוואָלט זאָגען, רבי, אַז דער אינדיק... קאָסט זיבען רייניש".

„אַ מציאה!" זאָגט דער אורח און הויבט זיך אָן מתעסק צו זיין מיט דער צווייטער העלפט עוף.

דער גביר וואַרט נאך אַביסעל. דערנאָך, ווי ער זעהט, אַז דער גאַסט האַלט שוין באַלד ביי „נעילה", קאָן ער זיך נישט מעהר איינהאַלטען און טוט אַ זאָג:

„רבי, איך מוז אייך זאָגען, אַז עופות זענען הי איצט זעהר שווער צו באַקומען, דעם דאָזיגען אינדיק האָבען מיר קוים מיט צרות געקאָנט דערווישען."

„ס'וועט גענוג זיין!" מאַכט דאָס רב'ל און הערט נישט אויף צו קייען.

146
דער רב און דער אפיקורוס

אַ טאָג פאַר ערב יום כפור טרעפט דער זינקאָוויצער רב דעם זינקאָוויצער אפיקורוס חיים שמעריל און לאָזט זיך מיט איהם אַריין אין א שמועס.

„חיים שמעריל," זאָגט דער רב, „איך בין דיך מקנא."

„פאַרוואָס עפּעס?" פרעגט דער אפּיקורוס.

„ווייל ס'איז פאַרהאַן אַ האָפנונג", גיט דער רב אַ תשובה, „אַז דו וועסט בקרוב גרויס ווערען, זעהר גרויס."

„וואָס מיינט דער רבי?"

„איבערמאָרגען איז יום כפור, וועסט דו דאָך מסתמא תשובה טון, וועט דאָך זיין — „זדונות נעשו לו כזכיות" (די עבירות ווערען גערעכענט פאַר מצוות), וועסט דו דאָך האָבען מצוות און מצוות אָהן אַ שעור און אָהן אַ ערך. לויט מיין חשבון מעהר פון צעהן צדיקים צוזאַמען."

„ווייסט איהר וואָס, רבי?" זאָגט חיים שמעריל רוהיג. „זייט הונדערט־מאָל מוחל און וואַרט נאָך אַ יאָהר, וועט איהר מיך נאָך מעהר מקנא זיין."

147

„וואָס בין איך?..."

לאה רויזע, דאָס ווייב פון חיים שמעריל אפּיקורוס, אַ פרומע יודינע, קומט יום כפור נאָך מוסף צוזאַמען מיט איהר מאַן אַהיים פון שול, איז בודק די שאַפע און זעהט, אַז סע פעהלט אַ האַלב הינדעל.

"ווער האָט אויפגעפרעסען דאָס האַלבע עופה'לע?" פרעגט זי מיט כעס.

"איך זיכער נישט!" ענטפערט דער אפּיקורוס. "והראיה: קוק, וועסטו זעהן אויפ'ן טעלער, וואו דאָס הינדעל איז געלעגען, ברעקאַלעך קעז! און הינדעל מיט קעז, זאָגסט דו דאָך אַליין, טאָר קיין שום יוד נישט עסען; היינטזשע ווי אַזוי איז דאָס געמאָלט, אַז איך..."

לאה רויזע ווערט נאָך מעהר בייז און גיט אַ געשריי:

"דו אפּיקורוס! דו רשע! קום מיט מיר בזה הרגע צום רב!"

"דאָס קאָן נישט שאַטען!" זאָגט חיים שמעריל און געהט מיט דער יודינע צום רב.

זיי טרעפען דעם רב גראָד ביי זיך אין דערהיים (צווישען מוסף און מנחה) און לאה רויזע דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה.

ווי באַלד דער רב האָט דאָס געהערט, טוט ער אַ שפּרינג אויף פון דער שטוהל און שרייט אויפ'ן העכסטען קול:

"דו שייגאַץ! דו סטרא־אחרא'ניק! דו..."

חיים שמעריל הערט צוערשט רוהיג אוים די זלזולים. דערנאָך גיט ער פּלוצים אַ פאָהר אַריין אין דער מיט:

"הכלל, וואָס בין איך, רבי? זאָגט בקיצור!"

„אַ משומד להכעיס ביזט דו, אָ ימח־שמו'ניק, אַ...״

„נישט דאָס מיין איך, רבי״, לאָזט דער אפיקורוס דעם רב נישט אויס־רעדען. „איך פרעג: וואָס בין איך, מילכיג אָדער פליישיג?״

148

„חדושים״

דריי חסידים דערצעהלען חדושים פון זייערע רבי'ס:

„ביי מיין רבי'ן״, זאָגט איינער, „זענען דאָ צוויי דינסטען, איינע פאַר פליישיגס און איינע פאַר מילכיגס. — אַזוי ווייט איז מיין רבי מדקדק אין „בשר בחלב״.

„דאָס איז נאָך גאָר נישט״, זאָגט דער אַנדערער. „מיין רבי וואַרט צווי־שען פליישיגס און מילכיגס אַ גאַנץ מעת לעת.״

„אוי־וואַ! אויך מיר אַ חדוש!״ מאַכט דער דריטער חוזק. „מיין רבי, אַז ער לערנט „בשר בחלב״, איז ער מפסיק צווישען „בשר״ און „בחלב״ צוויי מעת לעת.״

149

א פליישיגער סופר

ר' מלך סופר פון זינקאָוויץ האָט געהאַט אַלדינג, וואָס אַ סופר באַ־דאַרף האָבען: פרומקייט, חשק צו דער מלאכה און אַ גוטע האַנד. נאָר איין זאַך האָט ר' מלך נישט געהאַט: פרנסה.

ויהי היום, האָט איהם דער זינקאָוויצער רב צוגערופען און געפרעגט:

„ר' מלך, צו־וואָס שרייבט איהר אייגענטליך אַזוי פיעל, ווען איהר האָט דערפון נישט צו עסען?״

„הער אַ מעשה!״ האָט דער סופר געגעבען א תשובה. „און ווען איך וועל נישט שרייבען, וועל איך יאָ האָבען צו עסען?״

150

דער עונש

נאָכדעם ווי דער ערשטער פיסקאָוויצער איז געזעסען ביים טיש העכער אַ שעה פאַר'מוח'ט און האָט געקוקט אין די הייך, טוט ער פלוצים אַ טרעסע מיט'ן קאָפּ און זאָגט צום עולם:

„עולם! איך וויל ענק עפּעס דערצעהלען שעהנס: גראָד איצט האָט מען אינ'ם הימעל פאַר'משפּט דעם דעסויער ימח־שמו'ניק. ער האָט באַקומען אַן עונש פון הונדערט יובלות גיהנם.״

דערהערט די דאָזיגע דבורים, הויבען די חסידים אָן צו שאָקלען מיט די קעפּ אין דער ברייט, כדי אַזוי אַרומעט אויסצודריקען זייער פֿאַרוואונדערונג.

דער צדיק זעהט דאָס און זאָגט ווייטער:

„אַז איהר שאָקעלט יאָ אַזוי מיט די קעפּ, וועל איך אייך עפּעס זאָגען, וועט איהר נאָך מעהר שאָקלען: איהר זאָלט וויסען, אַז אַ יובל איז פֿופֿציג יאָהר, און אַ יאָהר איז דריי־הונדערט־פֿינף־און־זעכציג טאָג און אַ טאָג איז — אַ יומו של הקדוש ברוך הוא, דאָס איז טויזענד יאָהר. איצט פֿאַרשטעהט איהר שוין?"

151
אַ שווערע שאלה

אַ יודינע קומט צום יונגען „פּיסקאָוויצער" פֿרעגען אַ שאלה: אַ מיל־כיגער לעפֿעל איז אַריינגעפֿאַלען אין אַ פֿליישיגער יויך.

דער רבי נעמט אַרויס פֿון דער שאַפֿע אַ ספר, גיט אַ קוק אַריין און זאָגט:

„די זאַך איז אַזוי: אַ מילכיגער לעפֿעל אין אַ מילכיג מאכל — איז אַמאָל זיכער כשר. אַ פֿליישיגער לעפֿעל אין אַ פֿליישיג מאכל — איז אויך כשר. אַ מילכיגער לעפֿעל און אַ פֿליישיג מאכל, וואָס זיי האָבען איינס דאָס אַנדערע נישט אָנגעריהרט — זענען אויך נאָך כשר. נאָר מחמת אין אייער שאלה זענען פֿאַרהאַן דריי זאַכען: א) אַ מילכיגער לעפֿעל, ב) אַ פֿליישיג מאכל, ג) דאָס אַריינפֿאַלען פֿונ׳ם מילכיגען לעפֿעל אינ׳ם פֿליישיגען מאכל אַריין — געהט, זייט מוחל, פֿרעגט דעם מורה הוראה און ער וועט אייך שוין זאָגען, ווי דער דין איז."

152
אַלדינג יאָ, נאָר נישט דאָס...

דער פּיסקאָוויצער צדיק האָט אַמאָל געפֿרעגט דעם גבאי זיינעם, צי ער וואָלט געטויגט צו זיין אַ רבי.

„פֿאַרוואָס נישט?" האָט דער גבאי געענטפֿערט. „איך בין שוין ברוך השם ביים רבי׳ן זאָל לעבען צוואַנציג יאָהר, און האָב שוין צייט געהאַט אַלדינג אויסצולערנען. נאָר איין איינציגע זאַך — דאָס מוז איך מודה זיין — קאָן איך ביז׳ן היינטיגען טאָג נישט משיג זיין."

„וואָס הייסט ביי דיר „אַלדינג"?" איז דער רבי אַ בעלן צו וויסען.

„אַלדינג", זאָגט דער גבאי, — „דאָס איז: קרעכצען, פֿראַווען אַ טיש,

שרייען בשעת מעשה: „טאַטעניו“! „מאמעניו“!, בעטען פאַר ר׳ דוד׳ן אויף רעגען און פאַר ר׳ שלמה׳ן אויף היצען וכדומה.“

„און וואָס איז די „איינציגע זאַך“?“

„דאָס איז: צונויפצושאַרען די קופקאַלעך פדיונות פונ׳ם טיש, זיי פאַוואָלי אַריינצולעגען אין די קעשעני, און נישט דערביי — אַ שמייכעל צו טון.“

בטלנים, חקרנים,
חכמים און נאַראָנים

153

ער וויל נישט זיין קיין עדות...

ר' וואָלוויש חזן פון פיטשעלאַיוב איז צו גאַסט ביי זיינס אַ קרוב אין לעמבערג און געהט מיט איהם אין יודישען טעאַטער אַריין.

מען שפּילט גראָד אַ שטיק, אין וועלכען עס קומט אויף פּאַר אַ גע־קריגעריי צווישען צוויי שכנים.

הערענדיג די ערשטע ווערטער פון דער דאָזיגער מחלוקת־סצענע, טוט ר' וואָלוויש פּלוצים אַ שפּרינג אויף פון דער באַנק, הויבט אויף די פּיס און — וויא פון'ם טעאַטער אַרויס!

דער קרוב לויפט איהם נאָך, דערגרייכט איהם און פרעגט:

„וואָס איז עפּעס געשעהן?"

„איך בין שוין געניט אין אַזעלכע זאַכען". ענטפערט דער חזן. „ווען שכנים קריגען זיך, קומט כמעט תמיד אַרויס אַ געשלעג."

„און וואָס געהט דאָס דיך אָן?"

„געביך גאָר נישט!" מאַכט ר' וואָלוויש חוזק. „איך וועל נאָך מוזען קומען פון פּיטשעלאַיוב קיין לעמבערג, זיין אַן עדות ביים סאָנד!"

154

אַן אומגעלומפּערטער יוד

ר' וואָלוויש חזן איז אַמאָל געוועזן אין לעמבערגער יודישען טעאַטער און האָט אויף דער ביהנע געזעהן אַזאַ מין סצענע: אַ ווידערשפּעניגער זוהן באַהאַלט זיך פאַר'ן טאַטען אונטער'ן טיש, וואָס איז באַדעקט מיט אַ טישטוך. דער טאַטע וויל דעם זוהן „געבען צו לייזען", זוכט איהם און שרייט בשעת מעשה: „וואו איז ער, דער משומד? איך וועל איהם צערייסען ווי אַ ציקאַלע! געוואַלט! וואו איז ער? וואו איז ער?"

געהערט די דאָזיגע פראַגע צום דריטען מאָל, טוט ר' וואָלוויש אַ שטעה־אויף פון דער באַנק און שרייט מיט'ן העכסטען קול:

„אודאי דאָרט וואו איהר זוכט נישט, אומגעלומפּערטער יוד! טאַקי אונטער'ן טיש מיין איך!"

155

אויסגענאַרט קראָקאָ

ר׳ הירש־בער „מיניסטער" פון זינקאָוויץ קומט צוריק פון קראקא, וואו ער איז געווען מכח עסק, מיט זעהר אַ פריילוך פנים.

דאָס ווייב קוקט איהם אָן און פרעגט:

„האָסט כאָטש עפּעס גע׳פּועל׳ט?"

„וועגען געשעפט — ניין! אָבער איך האָב זיי אַלע אָנגעפּייפט אויף טערקיש."

„וואָס האָסט דו אַזוינס געמאַכט?"

„ווען עמיצער האָט מיך געפרעגט ווי איך הייס, האָב איך נישט געזאָגט הירש בער, נאָר וואָלף לייב. און וואָס מיינסטו? די קראקאווער טפשים האָבען נישט געגלויבט?"

156

וואס קומט ארויס פון כעס...

ר׳ זיינוויל בעלזער קומט אַהיים צערודערט און דערצעהלט דעם ווייב זיינס אַזאַ מעשה:

„איך געה אויף דער גאַס. וועמען טרעף איך? אודאי חיים „אָנזעצער"! שפּייט ער אויס. זאָג איך איהם: „אויסשפּייען זאָלסט דו די גאַל!" זאָגט ער מיר: „שווייג, משחת!" זאָג איך איהם: „אָנזעצער!" זאָגט ער מיר..."

„און וואָס איז געווען דער סוף?" פאָרשט די יודינע אַריין אין דער מיט.

„בקיצור, וואָס ווילסטו וויסען, איך קום אין כעס אַריין, הויב איך אויף די האַנד און — כ אַ פּ אַ פּ אַ ט ש!"

157

אָ־האָ!

רפאל׳קע פּיטשעלאַיובער׳ס ווייב, חוה רבקה „גיהנם־פינק" האָט זיך אַמאָל דערבייזערט אויפ׳ן מאַן און איהם אַריינגעוואָרפען אַ פּאָר געזונטע פּעטש.

דערויף האָט זיך ר׳ רפאל׳קע עטליכע מאָל אָבגעווישט די באַק און געזאָגט מיט כעס:

„חוה רבקה! זאָלסט אפילו פּאַטשען צערוצטערהייט, עס שטעהט אָבער דאָך אין פּסוק: והוא ימשל בך. מאַכט רש"י: והוא, און ער, ימשל, וועט טון געוועלטיגען, בך, אין דיר. — איינמאָל אָנגעשריבען און — אָ־האָ! פאַרפאַלען לעולם ועד!"

158

גלאַט פּשוט אַזוי!

ר' בערישל „למך" פון זינקאָוויץ זיצט אין זיין געוועלב. פּלוצים קומט אַריין אַ קונה און פרעגט:

„האָט איהר, ר' בעריש לעבען, רעטיך?"

„ניין, קיין לעקן!"

דער קונה געהט אַוועק, אָבער דער געוועלבער לויפט איהם נאָך און דעריאָגט איהם.

„וואָס האָט איהר געוואָלט", פאָרשט ער, „רעטיך אָדער ציבּאַלעס?"

„רעטיך."

„רעטיך האָב איך נישט."

„און ציבּאַלעס האָט איהר יאָ?"

„ציבּאַלעס אויך נישט."

„פאַרוואָסזשע פרעגט איהר?"

„גלאַט פּשוט אַזוי!"

159

א סוחר'ישער גאַנג

עטליכע טעג נאָכדעם ווי דער דערמאָנטער ר' בערישל האָט זיך געעפענט דאָס געוועלב, איז אַריינגעקומען אַ גוי און האָט געוואָלט עפּעס קויפען.

דער סוחר ווייזט דעם קונה די פאַרלאַנגטע זאַך.

„וואָס קאָסט דאָס?" פרעגט דער גוי.

„צוויי קרוינען."

דאָס הערט אַ יוד, וואָס שטעהט גראָד דאַבּיי, און מישט זיך אַריין:

„וואָס רעדסט דו עפּעס? צוויי קרוינען? ס'קאָסט דיך דאָך אַליין דריי."

„ביזט אַ לעקיש!" רוימט ר' בערישל דעם יוד אַריין אין אויער.

„איך בּין נאָר אַזויפיעל, נעהמען וועל איך מעהר."

160

דער רצון און דאָס יכולת

סאָשע לאה, דאָס ווייב פון ר׳ שמעיה „בעל תכלית״ פון פּיטשע־לאַיוב, האָט אַמאָל גוזר געווען אויף איהר מאַן, ער זאָל איהר קויפען אַ מעל־קענדיגע קוה. ר׳ שמעיה האָט אויף זיך מקבל געווען די גזירה, איז געפאָהרען אויף אַ יאַריד און געבראַכט צו פיהרען אַ קוה.

געהערט אַז די קוה איז שוין דאָ, האָט סאָשע לאה גיך געכאַפּט אַ שעפעל און אַרויסגעלאָפען מעלקען.

אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט, קומט זי ווידער אַריין אין שטוב, דאָס ליידיגע שעפעל אין דער האַנד, און הויבט אָן צו שיטען אויף דעם מאַן שוועבעל און פעך:

„איינגעזונקען זאָלסטו ווערען מיט דער קוה אינאיינעם! דו נאַ־רישער לעקיש! ער האָט שוין ווידער ערגיץ דערטאַפּט אַ מציאה!״

„וואָס איז?״ פרעגט ר׳ שמעיה.

„דו פרעגסט נאָך דו? די קוה וויל דאָך נישט געבען קיין טראָפּען מילך!״

„דו טויגסט נישט! לאָז מיך!״

ר׳ שמעיה נעמט דאָס שעפעל און געהט אַרויס.

נאָך עטליכע מינוט קומט ער צוריק, גיט אַ שטעל אַוועק דאָס (ליידיגע) שעפעל, פאַרלייגט די הענד ווי אַ יודינע און זאָגט מיט אַ קול פון תרעומות:

„איך פאַרשטעה דיך נישט, סאָשע לאה. וואָס זאָגסטו עפּעס, די קוה וויל נישט געבען קיין מילך. זי וויל דאָך געביך יאָ — זי קאָן נישט.״

161

אַ „נאַרישע בהמה״

תיכף דעם ערשטען טאָג נאָך איהר חתונה האָט ר׳ זרח׳ל פּשט׳ל־זאָגערס ווייב, אַ בייזע יודינע מיט אַ ווערמיג מויל דעם מאַן איהרען גע־מאַכט אַ „מי שברך״ און איהם בשעת מעשה געגעבען אַ נייען נאָמען: „נאַרישע בהמה״.

„אַ ודאי בין איך אַ „נאַרישע בהמה״, האָט ר׳ זרח׳ל תוך כדי דבור געענטפערט, „אַז איך בין געגאַנגען חתונה האָבען מיט אַ יודינע, וואָס געהט חתונה האָבען מיט אַ יוד, וואָס געהט חתונה האָבען מיט אַזאַ יודינע.״

162
געכאפט א מציאה

חיים שלום ברכה׳ס פון זינקאָוויץ, אַ פאַרברענטער קאָרטענשפּילער, קומט אַהיים זייגער דריי בײַ נאַכט פון דער „עבודה“.

ווי געוויינטליך, גיט איהם דאָס ווײַב זיינס, אסתר לאה, אַ „ברוך הבא“ ווי עס געהער צו זיין.

אָבער חיים שלום באַרוהיגט זי:

„שאַ! אסתר לאה, איך וועל דיר עפּעס זאָגען, וועסטו האָבען אַ הנאה.“

„דהיינו?“ פרעגט די יודינע שוין רוהיגער.

„הער אַ מעשה!“ זאָגט חיים שלום מלא שמחה. „איך האָב זיי אַלע אָנגעטון אויף טערקיש.“

„וואָס האָסטו דו אַזוינס געטון?“

„איך האָב מיין אַלטע בעקישע, וואָס האָט נייערהייט נישט מעהר געקאָסט ווי צוואַנציג רייניש, אַוועקגעגעבען אינ׳ם קאָהן פאַר דרייסיג.“

163
משוגע׳נע העזיות

ר׳ נחמן זינקאָוויצער זעהט אויף דער גאַס זיין פריינד ר׳ שלמה פייגעלי׳עס לויפען זעהר געשווינד. ער פאַרשטעלט איהם דעם וועג און פרעגט:

„וואָס לויפסט דו עפּעס אַזוי?“

„איך בין אַנטלאָפען פאַר אַ כלב“, זאָגט ר׳ שלמה בלייך ווי די וואַנד.

„פע, פע!“ שרייט ר׳ נחמן. „אַ חרפה און אַ בושה! אַ יוד מיט אַ באָרד! מורא האָבען פאַר הינט!“

„חס ושלום!“ פאַרענטפערט זיך ר׳ שלמה. „איך האָב מורא פאַר אַ כלב? איך האָב איהם אין דער ערד! איך קאָן נאָר נישט סובל זיין זיינע משוגע׳נע העזיות.“

164
ער ווייס, אָבער דער כלב?...

ר׳ לייזער מלמד פון פיטשעלאַיוב קומט אַלס שליח פון זיין ווײַב צון אַ דאָרפס־גוי. ער שטעהט פאַר דער גאָרטען־טיר, האָט אָבער מורא

אַריינצוגעהן. די סבה: אויף דער אַנדערער זייט פלויט לויפט אַ כלב אַהין און אַהער און בילט מיט'ן גאַנצען כח.

דער גוי זעהט דאָס פון דערווייטענס, קומט צו און פרעגט:

„פאַרוואָס האָט איהר אַזוי מורא, פּאַני ראַבין? ווייסט איהר דען נישט, אַז הינט, וואָס בילען, בייסען נישט?"

„אַ חדוש נפלא!" ענטפערט ר' לייזער. „אודאי ווייס איך דעם דאָזיגען כלל! נאָר פון וואַנען ווייס איך, אַז דער כלב ווייסט דאָס אויך?"

165

טאָמער טאַקי!

ר' זושאַ'לע „בעל מח" פון פּיטשעלאַיוב זיצט אין זיין שטוב ביים טיש און קוקט אַריין אין אַ ספר. פּלוצים הערט ער אַ גרויס געפּילדער אויף דער גאַס. ער געהט צו צום פענסטער און זעהט אַ חברה קונדייסים זיך שפּילען נאָהענט ביים פענסטער.

כדי זי פּטור צו ווערען, קלערט ער זיך אויס אַ ליגען און שרייט אַרויס:

„קינדער, לויפט'ס געשווינד צום פּלאַץ פאַר דער שול! דאָרט דרעהט זיך אַרום אַ ים-קאָטער, אַ באַשעפעניש מיט פינף פיס, דריי אויגען און מיט אַ באָרד ווי ביי אַ ציג, נאָר אַ גרינע."

מיט גרויס הנאה פון זיין חכמה זעצט זיך ר' זושאַ'לע ווייטער צום טיש.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווערט ער נאָכאַמאָל געשטערט אינ'ם לערנען, דאָסמאָל דורך אַ קול פון שריט. ער געהט צו צום פענסטער און זעהט עטליכע יודען לויפען מיט'ן גאַנצען כח.

„וואָס איז דאָס געלויפעריי?" פרעגט ער.

„מיר לויפען צו דער שול", ענטפערן די יודען און הערען נישט אויף צו לויפען. „דאָרט איז דאָ אַ ים-קאָטער, אַ באַשעפעניש מיט פינף פיס, דריי אויגען און מיט אַ באָרד ווי ביי אַ ציג, נאָר אַ גרינע."

מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען זעצט זיך ר' זושאַ'לע ווידער צום ספר.

אָבער קוים וואָס ער האָט אָנגעהויבען מצמצם זיין די מחשבות, הערט ער אַ זעהר שטאַרק גערודער, אַסך שטאַרקער ווי פריהער. ער געהט ווידער צו צום פענסטער און זעהט, ווי אַ גרויסער המון עם, יודען, יודינעס און קינדער, לויפען זעהר גיך, אַלע אין איין ריכטונג: צו דער שול צו.

„וואָס איז?" שרייט ער אַרויס דורכ'ן פענסטער.

„איהר ווייסט נישט, וואָס ס׳טוט זיך?‟ האָט ער באַקומען אַ תשובה. „פאַר דער שול לויפט אַרום אַ ים־קאָטער, אַ באַשעפעניש מיט פינף פיס‟, א. אַז. וו.

טשיקאַווי צו וויסען דעם סוף, בלייבט ר׳ זושא׳לע שטעהען ביים פענסטער.

דערווייל איז דער רעש געוואָרען וואָס אַמאָל גרעסער. גאַנצע מחנות מענשען זענען געלאָפען אין גרויס איילעניש, אַלע מיט דעם פנים צו דער שול.

פלוצים דערזעהט ר׳ זושא׳לע צווישען דעם עולם אויך דעם רב ר׳ שמחה׳לע.

„הא? וואָס?‟ טראַכט ביי זיך דער „בעל מח‟. „ר׳ שמחה׳לי בכבודו ובעצמו? דאָס איז נישט פשוט!‟

נישט לאַנג קלערענדיג, טוט ר׳ זושא׳לע אַ כאַפּ דעם ספּאָדעק, גיט זיך אַ לאָז אַרויס פון דער שטוב און — איז אויך געלאָפען.

„וואָס קאָן מען וויסען‟, זאָגט ער צו זיך אַליין בשעת לויפען. „ט אָ מ ע ר ט אַ ק י!‟

166

אַלץ הייסט קאַלט!

פיטשעלאַיובער בית־המדרש־יודען זיצען און איבערשמועסען דעם ענין „קעלט און פרעסט‟.

„אמת׳דיג קאַלט‟, זאָגט איינער פון די חברה, „קאַלט כמה שכתוב, איז נאָר אין רוסלאַנד.‟

„אַלץ הייסט קאַלט! טוט זיך פלוצים אַ רוף־אָן ר׳ זושא׳לע „בעל מוח‟, וואָס איז גראָד דאַבײ. „איך האָב אַליין געהערט פון מיינס אַ קרוב, אַן איש מהימן, אז ער איז אַנימעלט געווען ביי דער רוסישער גרעניץ. האָט ער געזעהן, ווי אַ יוד האָט אַריבערגעשטרעקט די האַנד איבער די גרעניץ, איז איהם בזה הרגע די האַנד אָ ב ג ע פ ר ו י ר ע ן ג ע וו אָ ר ע ן.‟

167

ער באַדאַרף נישט פרעמדע הילף...

אינ׳ם פיטשעלאַיובער בית המדרש זיצען יודען ביי דער הרובע און שמועסען פון — ראָטשילד.

פלוצים רופט זיך אָן ר׳ זושא׳לע „בעל מח“:

„ווען דער אײבערשטער גיט מיר אַזוי אַ העלף און איך האָב כאָטש די העלפט פון ראָטשילד׳ס פאַרמעגען, וואָלט איך...“

...„מאיר חיים׳ן געגעבען צעהן טויזענד ריי‏ניש“, זאָגט מאיר חיים „בעל לשון“ אויף דעם פסוק.

„וואָס פאַלט דיר עפּעס איין?“ שרייט דער „בעל מח“, „נישט אַ גריי־צער! וואָרין — ביזט דו קראַנק, דיר די אַנדערע העלפט צו ווינשען?“

168

א פּלא

ר׳ זושא׳לע „בעל מח“ פאָהרט דאָס ערשטע מאָל אויף דער באַהן און לאָזט זיך אַריין אין אַ שמועס מיט׳ן קאָנדוקטאָר.

„ווי ווייט איז, פּאַני קאָנדוקטאָר, פון קראקא קיין לעמבערג?“ פרעגט ער.

„דרייהונדערט־און־פופציג קילאָמעטער“, ענטפערט דער קאָנדוקטאָר.

„און פון לעמבערג קיין קראקא?“

„וואָס פרעגט איהר עפּעס שאלות? מסתמא אויך אַזויפיעל!“

„אַ פּלא!“

„וואָס איז די פּלא?“

„די פּלא איז די“, גיט ר׳ זושא׳לע דעם גוי צו פאַרשטעהן, „אַז ביי אייך זענען פאַרהאַן לגמרי אַנדערע חשבונות ווי ביי אונז. וואָרין ביי אונז איז פון אסתר תענית ביז פורים נאָר איין טאָג, אָבער פון פורים ביז אסתר תענית — אַ גאַנץ יאָהר!“

169

ס׳וועט זיך נישט האַלטען!

ווען די פּיטשעלאַיובער בית־המדרש־יודען האָבען דאָס ערשטע מאָל געהערט די ווערטער „באַהן“, „לאָקאָמאָטיוו“, „כח הקיטור“ און דעם פירוש פון די דאָזיגע ווערטער, האָבען זיי אַלע געשריגען פה אחד: להד״ם! נישט געשטויגען און נישט געפלויגען! עפּעס אַ ליג, האָבען זיי געזאָגט, האָט זיך אויסגעקלערט אַ בוידעם, אַ באַהן־שמאַהן, כדי חוזק צו מאַכען פון פּי־טשעלאַיוב.

לימים האָט זיך אָבער געמאַכט אַ מעשה, אַז איינער פון די חשוב־סטע פּיטשעלאַיובער בעלי בתים, ר׳ מאיר יחיאל אָרנשטיין, איז צוריקגעקומען

פון אַ ווייטער נסיעה און האָט דערצעהלט אינ'ם בית המדרש, אַז ער איז אַליין געפאָהרען אויף דער באַהן.

דער גאַנצער עולם האָט אפיקורס'יש געשמייכעלט.

דאָ איז ר' מאיר יחיאל שוין בייז געוואָרען און האָט, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, געשוואוירען בנאמנות, אַז ער איז באמת געפאָהרען אויף דער באַהן.

דער עולם שווייגט.

פלוצים גיט איינער פון די צוהערער, ר' זושא'לע „בעל מח", אַ שפּרינג אויף פון דער באַנק און שרייט:

„ווען איהר, ר' מאיר יחיאל, שווערט בנאמנות, אַז איהר זענט אַליין געפאָהרען, מוז איך אייך גלויבען. נאָר זאָגען זאָג איך אייך, די דאָזיגע באַהן אייערע קאָן זיך נישט האַלטען און וועט זיך נישט האַלטען!"

170
לא „פדלתי"

דעם לעצטען טאָג חנוכה זיצט ר' זושא'לע „בעל מח" אינ'ם פאָליש'ל פון דער פּיטשעלאַיובער שול ביי אַ שאָכברעט מיט פיגורען אַליין (דעם „בעל מח'ס" געגנער, מאיר חיים „בעל לשון", איז אין דער מיט קאָהן אויף עטליכע מינוט אַרויסגעגאַנגען) און זינגט מיט אַ גמרא־נגון:

„וואָס טוט מען דאָ מיט דעם בחור? זאָל איך געהן מיט דער מלכה אָט־אַזוי, איז דאָך די קשיא: מאי קא משמע לן, וואָס טו איך דאָ אויף דאַמיט? זאָל איך אָבער געהן מיט דעם גוי אָט־אַזוי, איז דאָך די קשיא: טאָמער געהט ער אויף דעם מיט דעם פערד אָט־אַזוי־אָ און מאַכט אויס מיר אַ תל?"

ר' זושא'לע פאַרטיפט זיך אין געדאַנקען אויף אַ וויל. דערנאָך הויבט ער אָן אויפ'ס ניי צו זינגען:

„לעולם וועל איך געהן מיט דעם גוי אָט־אַזוי. איי איז דאָך די קשיא: טאָמער געהט ער אויף דעם מיט דעם פערד אָט־אַזוי־אָ און מאַכט אויס מיר אַ תל? איז דער תירוץ: ער וועט מסתמא נישט זעהן דעם צוג. איי איז דאָך ווידער די קשיא: טאָמער וועט ער יאָ זעהן? איז דער תירוץ: „פראָסטי פשוט! אַז ער וועט זעהן, וועל איך זאָגען „לא פדלתי", איך האָב נישט געפידעלט און וועל געבען אַ — כאַפּ־צוריק דעם צוג."

171

א וכוח וועגן קאָפּערניק I

ר׳ זושאַ׳לע „בעל מח״ און מאיר חיים „בעל לשון״ האָבּען אַ ויכוח אינ׳ם פּיטשעלאַיובער בית המדרש וועגן קאָפּערניק. מאיר חיים טענה׳ט, אַז קאָפּערניק האָט רעכט, וואָס ער זאָגט, אַז די ערד דרעהט זיך און די זון שטעהט, און ר׳ זושאַ׳לע זאָגט, קאָפּערניק איז געווען אַ שוטה און דרעהען דרעהט זיך נאָר די זון. די כלי־זיין פונ׳ם קאָפּערניקאַנער זענען, ווי געוויינטליך, סברות און די פון זיין מתנגד — פּסוקים, ובפרט דער פּסוק אין קהלת „והארץ לעולם עומדת״ (די ערד שטעהט אייביג).

פּלוצים גיט דער בעל מח דעם בעל לשון אַ כאַפּ־אָן בּיי דער בּעקישע און זאָגט:

„הער מיך אויס, מאיר חיים, איך וועל דיך עפּעס פרעגען: ווען מיר זאָלען זאָגען, אַז קאָפּערניק האָט נישט רעכט, וואָס וואָלט דעמאָלט געווען? זאָג בקיצור!״

„וואָלט מען נישט געקאָנט פאַרשטעהן דעם מהלך פון דער זון. וואָרין...״

„דאָס הייסט: דעם מהלך אָדער דעם דרך?״ איבּערשלאָגט ר׳ זושאַ׳לע דעם מתנגד זיינעם אין דער מיט.

„לאָז זיין!״

„אַצינד ווייטער: ווען מען פאַרשטעהט, למשל, נישט דעם דרך פונ׳ם רמב״ם אין עפּעס אַ סוגיא, וואָס זאָגט מען געוויינטליך?״

„ס׳איז קשה אויפ׳ן רמב״ם.״

„און ווי נאָך?״

„דער רמב״ם איז הארב.״

„היינטזשע אַצינד, אַז איך פאַרשטעה נישט דעם דרך פון דער זון, קאָן איך לויט דעם, ווען איך וויל, זאָגען: „די זון איז הארב״, אָדער קאָן איך נישט זאָגען אַזוי?״

„אַז איהר ווילט דוקא פּשט׳ל־לשון — מהיכא תיתי!״

„אַצינד, מאיר חיים׳ל״, הויבּט ר׳ זושאַ׳לע פּלוצים אָן צו זינגען מיט אַ גמרא־נגון, „האָבּ איך שוין אַלדינג, וואָס איך האָבּ בּאַדאַרפט, כדי דיר צו בּאַווייזען, אַז דו בּיסט אַ גרויסער טפש. וואָרין, אַז ס׳איז יאָ אַזוי, קאָן איך דאָך זאָגען: לעולם האָט דער פּסוק רעכט און דרעהען דרעהט זיך מאַקי נאָר די זון. איי איז דאָך די קשיא: ווער דאָך די זון זיין הארב?

איז דער תירוץ: טוט מיר וועה דער ספּאָדעק! זאָל זי זיין האַרב!"

172

א וכוח וועגען קאפערניק II

בײַ אַן אַנדערן ויכוח צווישען די דערמאָנטע צוויי מתנגדים וועגען דער שיטה פון קאָפּערניק, איז ר' זושאַ'לע פלוצים געגעבען אַ רוק־אַרויס מיט אַ שפּוּגעלנייער קשיא: וואָס טוט קאָפּערניק מיט דעם פּסוק „שמש בגבעון דם", די זון איז געבליבען שטעהן (על פּי נס) אין גבעון, וועלכער באַווייזט, אַז בדרך הטבע דרעהט זי זיך?"

אָבער מאיר חיים „בעל לשון" האָט תיכף געפונען אַ תרוץ אויף דער קשיא:

„דער פשט פון'ם פסוק איז גאַנץ פשוט: די זון האָט זיך צוערשט באמת געדרעהט, אָבער דעם טאָג פון גבעון איז זי שטעהן געבליבען, און זייט דעמאָלט שטעהט זי און דרעהען דרעהט זיך טאַקי נאָר די ערד."

173

א וכוח וועגען קאפערניק III

ר' עוזר גבאי פון זינקאָוויץ איז זיך מתוכח מיט זיין זוהן אהרן דוד אינ'ם דערמאָנטען ענין (די שיטה פון קאָפּערניק). ר' עוזר איז, פאַרשטעהט זיך, אַ מתנגד פון קאָפּערניק און אהרן דוד — זיין חסיד.

לאַנג און שווער איז געווען די מלחמה. דער פאָטער האָט נישט אויפגעהערט צו שיסען מיט פסוקים און דער זוהן נישט — מיט סברות.

פלוצים האַקט ר' עוזר איבער דעם ויכוח און זאָגט:

„אהרן דוד, גענוג! ס'איז געקומען די צייט פון מנחה־דאַווענען!"

דאָס אויסגערעדט, האָט זיך דער געגנער פון קאָפּערניק געגעבען אַ טו־אָן די גאַרטעל און געוואָלט געהן דאַווענען.

אָבער דער זוהן, בטבע אַ הייסער מענש, האָט דעם טאַטען אָנגעכאַפּט בײַ דער גאַרטעל און איהם נישט געלאָזט אַוועקגעהן. גראָד אַצינד איז איהם אַ גאַנץ נייע סברא געפלויגען דורכ'ן מח.

דאָ ווערט ר' עוזר שוין בייז, גיט אַ פּאַטש אויפ'ן טיש מיט כח און שרייט:

„הער אויס, אהרן דוד! די ערד דרעהט זיך באמת נישט. אָבער לאָמיר

שוין זאָגען, זי דרעהט זיך יאָ, היינטזשע איבערדעם — טאָרען יודען נישט דאַוונען קיין מנחה?"

174

א רעטעניש

ר' זושא'לע בעל מח פרעגט זיין בר־פּלוגתא מאיר חיים אַ רעטעניש:

„וואָס איז דאָס: ס'איז בלאָ, סע ליגט אויף דער שאַפע און מען מאַכט דאַריבער אַ „שהכל"?"

מאיר חיים ראָט און ראָט און קאָן נישט געפינען דעם פּתרון.

„אדרבה, לאָז הערען!" זאָגט ער צום סוף.

„אַ בולווע."

„ווי אַזוי?"

„גאַנץ פשוט: ס'איז בלאָ — מען האָט'ס אָנגעפאַרבט בלאָ; סע ליגט אויף דער שאַפע — מען האָט'ס אַרויפגעלעגט; און מען מאַכט דאַריבער אַ שהכל, — דאָס האָב איך דיר אַמישנע געזאָגט, כדי — דו זאָלסט נישט טרעפען."

175

פאַרוואָס ער האָט זיך באַהאַלטען...

דער עסטרייכישער קייזער פראַנץ יאָזעף איז אַמאָל דורכגעפאָהרען דורך פּיטשעלאַיוב. ווי דער שטייגער איז, איז גאַנץ פּיטשעלאַיוב, יודען און גויים, געקומען צו קבלת פּנים. נאָר איין ר' זושא'לע בעל מח האָט זיך איינגעשלאָסען אין זיין שטוב און זיך נישט געוואָלט באַווייזען.

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס פּיטשעלאַיובער בית המדרש איז געווען טשיקאַווי צו וויסען דעם טעם פון'ם דאָזיגען התבודדות.

„וואָס האָט איהר, ר' זושא'לע, אייך אַזוי באַהאַלטען פאַר'ן קייזער?" האָט דער עולם געפרעגט.

„גלויבט מיר, ס'איז נישט בחנם!" האָט דער בעל מח געגעבען אַ תשובה. „איך בין קיר"ה'ן שולדיג שטייער נאָך פון פאַריאָהר, האָב איך מורא געהאַט, טאָמער וועט ער, דערזעהענדיג מיין פּנים, חלילה, בייז ווערען און מיך הייסען איינזעצען."

176

א פראסטי פשוט׳ער פארך!

אינ׳ם פיטשעלאַיובער בית המדרש זיצען בחורים און שמועסען פון ברוך שפינאָזאַ.

פלוצים גיט אַ קום־צו ר׳ זושא׳לע בעל מח צום טיש און פרעגט:

„ווער איז דאָס אייגענטליך דער דאָזיגער ברוך שפינאָזאַ? כאָטש אַ יוד אַן עושר?“

„ניין, ס׳איז אַ בעל מלאכה“, מאַכט זיך אַ בחור אַ ווערטיל.

„אויב אַזוי“, זאָגט ר׳ זושא׳לע מיט כעס, „איז ער דאָך אַ פּראָסטי פשוט׳ער פאַרך. וואָסזשע זאָל מיר ווידער דער נאַרישער שמועס ביי אָפענע גמרות?“

177

„ווער נייט מיך...“

ר׳ גימפעל פעריל־סוחר פון פּיטשעלאַיוב דערצעהלט אינ׳ם בית המדרש אַ מעשה, וועגען אַ „דבר נפלא“, וואָס ער האָט געזעהן אין אַ קראקאווער „קאַווע־הויז“: אין דער מיט שטוב איז געשטאַנען אַ טיש (בילאַרדטיש), וואָס איז געווען ברייטער פון דער טיר.

„באמת אַ פלא!“ האָט זיך דער עולם גע׳חדוש׳ט. „ווי אַרום איז דער טיש אַריין אין דער שטוב?“

פלוצלינג גיט זיך ר׳ זושא׳לע בעל מח, וואָס איז גראָד דאַביי, אַ רוף־אָן:

„איך פאַרשטעה נישט, וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטעהן? ווער נייט מיך איך זאָל זאָגען, אַז מען האָט צוערשט געמויערט דאָס הויז און דערנאָך אַריינגעשטעלט דעם טיש, כדי ס׳זאָל זיין קשה, אַ קשיא; אַ מעהר זאָג איך פשוט, מען האָט צוערשט אַריינגעשטעלט דעם טיש און דערנאָך געמויערט דאָס הויז, און אַלדינג איז ניחא.“

178

דאָס לשון קוילעט זיי...

דער דערמאָנטער ר׳ גימפעל פעריל־סוחר קומט פון זיין נסיעה קיין דייטשלאַנד צוריק אַהיים און דערצעהלט אינ׳ם בית המדרש, וואָס ער האָט געהערט און געזעהן.

„און וואָסער אומה זענען די דייטשען?" איז איינער פון דער חבריא טשיקאַווי צו וויסען.

„אַ פאָלק", ענטפערט ר' גימפּעל — „אַזאַ יאָהר צו מיר! נאָר דאָס לשון קוילעט זיי אָב. מאָלט'ס ענק נאָר אויס: זיי נעהמען נעביך דאָס יודישע און פאַרקרענטשעווען עס אַזוי קונציג, אַז מען דערקענט'ס נישט מעהר."

179

אַ שעהן לאַנד, נאָר...

אַן אַנדערטמאָל קומט דערזועלבער ר' גימפּעל צוריק פון שווייצאַריען און גיט אָן, ווי זיין שטייגער איז, אינ'ם פּיטשעלאַיובער בית המדרש „דין וחשבון" פון זיין נסיעה.

„און ווי געפעלט אייך דאָס לאַנד גופא?" פרעגט איין צוהערער.

„שווייצאַריען?" גיט ר' גימפּעל אַ תשובה: „אַ שעהן לאַנד כ'לעבען! דאָס הייסט: ס'וואָלט געווען אַ שעהן לאַנד, אפשר גאָר דאָס שעהנסטע אין דער וועלט, ווען נישט — די בערג, וואָס באַגראָבען עס אין דער ערד אַריין."

180

ער האָט נישט קיין מיניסטערקאָפּ...

שלמה זלקא „אויבער-חכם" פון פּיטשעלאַיוב האָט זיך אַמאָל געזשאַלעוועט פאַר'ן פּיטשעלאַיובער רב אויף די ווייסע חברה'ניקעס, וואָס לאָזען איהם נישט צורוה און פאַרלאַנגט הילף.

„רבי", האָט ער געזאָגט, „גיט מיר עפּעס אַ פאָרטעל קעגען די לאַבאַסעס, וואָס לויפען מיר נאָך אין אַלע גאַסען און שרייען: „אויבער-חכם!" „אויבער-חכם!"

„ביזט אַ בטלן", האָט דער רב געגעבען אַ תשובה. „אַן אַנדערער אויף דיין אָרט וואָלט גענומען אַ פּאָר שטיינער און מיט זיי די נאַכשרייער די קעפּ געשפּאַלטען, וואָלטען זיי..."

„יאָ, רבי", לאָזט שלמה זלקא דעם רב נישט אויסרעדען, „דאָס איז רעכט אין דער גאַס, אָבער אינ'ם באָד, וואו ס'איז נישטאָ קיין שטיינער — וואָס טוט מען דאָ?"

„אויך מיר אַן עסק! כאַפּט מען אַ שעפעל!"

„אָבער אינ׳ם בית המדרש?"

„אינ׳ם בית המדרש איז דאָ אַ לייכטער."

„אַ שעהנע עצה כ׳לעבען!" מאַכט שלמה זלקא חוזק. „ווען איך זאָל האָבען אַזאַ מיניסטער-קאָפּ, איך זאָל אַקוראַט געדענקען, אַז אין דער גאַס מוז איך וואַרפען שטיינער, אינ׳ם באָד — שעפּלעך און אינ׳ם בית המדרש — לייכטער, וואָלט איך דאָך געווען קלוגער פונ׳ם רבי׳ן און וואָלט באַדאַרפט דעם רבי׳נס עצות אויף תשעה גיינציג כפרות!"

181

גלאַט פּשוט משוגע!

אין די קאָלפּאַקאָווער פּיאַרען זעהט אַ משוגע׳נער יוד, אַן אַלטער קאָלפּאַקאָווער „יושב" פון פּיטשעלאַיוב, אַ „פּנים חדשות", אויך אַ יוד, און איז איהם מכבד מיט אַ ברייטען „שלום עליכם".

דער באַגריסטער ענטפערט נישט, נאָר גיט אַ לאָז-אַרויס אַ שווערען זיפץ.

„וואָס קרעכצט איהר אַזוי, מיין ליעבער יוד?" פרעגט דער אַלטער „יושב".

„וואָס זאָל איך נישט קרעכצען", גיט דער פרישער אַ תשובה, „אַז דער בויך איז ביי מיר פון גלאָז, דער קאָפּ פון בליי, די פיס פון האָלץ און די הענד פון בלעך?"

דער פּיטשעלאַיובער צעלאַכט זיך און זאָגט:

„לויטער שקרים! דער בויך אייערער איז נישט פון גלאָז, דער קאָפּ נישט פון בליי, די פיס נישט פון האָלץ און די הענד נישט פון בלעך, — איהר זענט גלאַט פּשוט משוגע."

182

„ולטעמך"

דער זעכצעהניעהריגער בחור אלעזר מלך קאַלבאַש פון פּיטשעלאַיוב קומט אַהיים פונ׳ם בית המדרש מיט אַ צעגראַטשעט פּנים.

דער טאַטע איז איהם מסתמא מכבד מיט אַ שעהנעם „ברוך הבא".

„ווער האָט דיך אַזוי קונציג גע׳חתמ׳עט, טייערער תכשיט? עסען זאָלען דיך די ווערים!"

„אייזיק׳ל „שייגעץ"."

„ווי קומסט דו עפּעס צו אייזיק׳ל „שייגעץ"?"

„ער האָט מיט מיר זאַטשעפּעט."

„פאַרוואָס, איך בעט דיך, זאַטשעפּעט ער נישט מיט מיר?"

„ולטעמך", הויבט דאָס יונגעל פּלוצים אָן צו זינגען מיט אַ גמרא־נגון, „און ווי מיינסט דו? אַז איך האָב זאַטשעפּעט מיט איהם? איז דאָך ווידער די קשיא קשה: פאַרוואָס זאַטשעפּע איך גראָד מיט איהם און נישט מיט דיר?"

183

„וואָס געהט עס דיך אָן?"

דער פּיטשעלאָיובער בית־המדרש־בחור ראובֿ'לע דעם חזן'ס געהט צו צו זיין חבר ישראל מרדכי און איז איהם מכבד מיט אַ טשאַפּ פון הינטען.

ישראל מרדכי דרעהט זיך אוים און פרעגט מיט כעס:

„ביזט דו משוגע? וואָס טשאַפּעסט דו עפּעס?"

„זיי נישט בייז, ס'איז אַ טעות!" פאַרענטפערט זיך דער בחור; „איך האָב געמיינט, ס'איז שלמה'לע ביילע'ס."

„און שלמה'לע מעגסט דו שוין יאָ טשאַפּען?" חדוש'ט זיך ישראל מרדכי.

„הער אַ מעשה!" זאָגט ראובֿ'לע רוהיג. „אויב איך מעג יאָ שלמה'לען טשאַפּען אָדער נישט — וואָס געהט עס דיך אָן?"

184

דורכגעשמועסט...

ר' ישראל אלי פון פּיטשעלאָיוב טרעפט זיין באַקאַנטען ר' בנימין „שוויגער" פון שיפּנאָוויץ, אַ יוד וואָס האָט — ווי דער צונאָמען זאָגט עדות — בטבע פיינט געהאַט דאָס רעדען, אין זינקאָוויץ אויפ'ן יאַריד און גיט איהם „שלום עליכם".

„עליכם!" גיט ר' בנימין אַ האַלבע תשובה.

„וואָס מאַכסט דו עפּעס גוטס?" פרעגט ר' ישראל אלי.

„באַ! מנאַ!" קוועטשט זיך דער „שוויגער" אוים.

„ווי געהט דער מסחר?"

„נאָ! נאָ!"

„און וואָס איז געשעהן מיט די צוויי הונדערט רייניש, וואָס איהר האָט געליגען מאיר'ל באַקשטיין? טאַקי פאַרפאַלען?"

„אַ—האָ!"

„און וואָס טוט עפּעס דער נייער רב אייערער? איז ער טאַקי אַזאַ גדול, ווי מען זאָגט?"

„חאָ! חאָ! חאָ! חאָ!"

צוריקגעקומען אַהיים קיין שיפּנאָוויץ, דערצעהלט ר' בנימין דעם ווייב זיינס דאָס צונויפקומען מיט ר' ישראל אלי'ן מיט דעם דאָזיגען נוסח:

„געטראָפען ישראל אלי'ן: אַ מחיה! כאָטש אַ ביסעל דורכגעשמועסט! אָבגערעדט פונ'ם האַרץ!"

185

אַ שטעל

דער „שעהנער יוד" ר' זלמן זינקאָוויצער קומט צו דעם טאָרנער גביר ר' מאָטיש באַקשטיין. ר' מאָטיש נעמט דעם אורח פריינדליך אויף, הייסט איהם אַריינברענגען אַ גלעזיל טיי און שטעלט איהם אַנידער אַ פּישקע מיט צוקער. ר' זלמן פילט זיך נישט, שטעקט אַריין די האַנד אין דער פּישקע, נעמט אַרויס פינף שטיקלעך צוקער און — גיט זיי אַלע אַ וואָרף אַריין אינ'ם גלעזיל.

דער בעל הבית ווערט נבהל ונשתומם.

„וואָס, ר' זלמן?" פרעגט ער מיט אַ קול פון תרעומות. „פינף שטיקלעך צוקער? זענט איהר ביי אייך אין דערהיים אויך אַזאַ מילדער מחותן?"

„חלילה וחס!" ענטפערט דער יוד רוהיג. „ביי מיר אין דערהיים נעם איך צו אַ גלעזיל טיי לכל היותר אַנדערטהאַלבען שטיקלעך."

„און פאַרוואָסשע האָט איהר אייך פלוצים ביי מיר אַזוי צעלאָזט?"

„איך וועל אייך זאָגען", איז ר' זלמן מסביר די זאַך. „אין דער פרעמד האָב איך מיך ליעב — צו געבען אַ שטעל."

186

דער הפך פונ'ם אמת

צו אַן אונגאַרישען „דייטש" קומט אַ גאַליצישער „שעהנער יוד" און פאַרלאַנגט אַ „שעהנע" נדבה.

„ווער און וואָס זענט איהר?" פרעגט דער בעל הבית.

„איך בין אַ קראַנקער תלמיד חכם", ענטפערט דער אורח.

דער „דייטש", אַ יוד אַ בן תורה, (ווי ס'גיט זיך אויס אין אונגאַרן), וויל וויסען, אויב דאָס איז אמת, און הויבט אָן, דעם בחור צו טאַפּען דעם דפק.

„זאָגט נאָר, מיין ליעבער יוד", פאָרשט ער. „איך האָב דאָ גראָד אַ שאלה אין „בשר בחלב"; קאָנט איהר זי מיר פסק'ענען?"

„אַלדינג יאָ", ענטפערט דער שעהנער יוד, „נאָר נישט דאָס, מחמת שאלות-פסק'ענען איז אַ זאַך, וואָס..."

„אפשר וועט איהר אַזוי גוט זיין און מיר ערקלערען אַ תוספות'ל אין בבא קמא?" איבערשלאָגט דער בעל הבית דעם אורח די רייד.

„מיט'ן גרעסטען כבוד! נאָר — נישט היינט. איהר מוזט וויסען, אַז איך האָב אָפּטמאָלס צו טון מיט'ן קאָפּ, מחמת דאָס מיחוש מיינס..."

„גוט! איך בין אייך שוין מוחל אַלדינג און וויל אייך נאָר פרעגען איין זאַך: האָט איהר געלערנט די סוגיא פון „אין מרקדין בראש הגג" מיט'ן רשב"ש?"

„אַ שאלה? נאָך בחור-וויַיז!"

דער „דייטש" צעלאַכט זיך און זאָגט:

„ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך דערצעהלען, ר' קרוב? איהר זענט נישט קיין קראַנקער תלמיד חכם, נאָר אַ געזונטער עם הארץ."

187

איבריגע ווערטער

ראש השנה ביי שחרית שטעהט שלמה דוד געוועלבער אינ'ם זינקאָוויצער בית המדרש, שאָקעלט זיך מיט כח און שרייט אויפ'ן העכסטען קול: „אלו ואלו בטעם מטכסים"... אלו ואלו בפצח מפצחים", „אלו ואלו בצפצוף מצפצפים". פלוצים גיט אַ קום- צו צו איהם ר' משה'לע „קלערער", דער זינקאָוויצער פילוסוף, און רוימט איהם איין אין אויער: „וואָס זאָלען מיר, שלמה דוד, די שווערע ווערטער: „מטכסים", „מפצחים", „מצפצפים"? אמעהר זאָגט פשוט: „רבונו של עולם, גיב געלד!"

188

„וואָסזשע האָסט דו פאַרלוירען?..."

חיים „לחיים" שטעהט ביים „ונתנה-תקף"-זאָגען אינ'ם זינקאָוויצער בית המדרש און שרייט מיט אַ וויינענדיג קול: „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר,

אוי! אוי! אוי! אדם יסודו...״ פלוצים געהט צו דער דערמאָנטער ר׳ משה׳לע קלערער און זאָגט איהם שטילערהייט:

„כ׳בעט דיך זעהר, חיים, וואָס יאמערסטו דו אזוי? ווען דו זאָלסט זיין פון גאָלד און סע זאָל דערנאָך פון דיר ווערען פראָך, וואָלטסט דו געמעגט וויינען. איצט אָבער, אַז דו געהסט, ווי ס׳געהערט זיך, צוריק אַהין, פון וואַנען דו ביסט געקומען, און בינו לבינו, צווישען דעם „קומען״ און דעם „געהן״, לעבסט דו זיבציג יאָהר און כאַפּסט יעדען טאָג אַ גוט ביסעל „לחיים״ — וואָסזשע האָסט דו פאַרלוירען ביי דעם געשעפט?״

189

די איינציגע כוונה

אינם זינקאָוויצער בית המדרש האָט מען געפרעגט דעם אַלטען כהן ר׳ אהריש׳ל כ״ץ, וואָסער כוונות ער האָט געוויינטליך ביים דוכנ׳ענען.

„איך דוכנ׳ע שוין העכער פופציג יאָהר״, האָט ר׳ אהריש׳ל געענטפערט, „און האָב תמיד געהאַט נאָר איין איינציגע כוונה״.

„וואָס?״

„מען זאָל מיר נישט אוועק׳גנב׳ענען די שטיוועל.״

190

„נאַט אייך אַ גרייצער...

אַ זינקאָוויצער יוד טרעפט דעם דערמאָנטען ר׳ אהריש׳ל אויפ׳ן זינ־קאָוויצער בית החיים און פרעגט איהם די באַקאַנטע (גמרא־) קשיא:

„מה לכהן בבית הקברות?״ (וואָס מאַכט עפּעס אַ כהן אויף אַ בית הקברות).

„נאַט אייך אַ גרייצער״, ענטפערט ר׳ אהריש׳ל אַ תירוץ, „פאַר די היינטיגע כהנים, פאַר די היינטיגע מתים!״

191

פונקט קאַפּויר...

דער זינקאָוויצער שוחט ר׳ אלי פלעגט זיך, ווען ער האָט גראָד נישט געהאַט וואָס צו שעכטען, אויך באַשעפטיגען מיט זייגערמאַכעריי. „זינקאָ־וויץ״ האָט אָבער פון איהם נישט שטאַרק געהאַלטען און גע׳טענה׳ט, אַז ער איז איןביידע מלאכות (שחיטה און זייגערמאַכעריי) קיין גרויסער בריה,

נישט. צו דער דאָזיגער דעה האָט אויך מסכים געווען ר' משה'לע קלערער, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט: „ווען ר' אלי שעכט אַ הינדעל, געהט עס, ווען ער פאַררעכט אַ זייגערל — שטעהט עס".

192

געפונען אַ תירוץ

ר' בייניש פערלצעהלער פון זינקאָוויץ האָט געהאַט אַזאַ מאָדנע מנהג: ער פלעגט גאַנצע יאָהרען אַרומפאָהרען אין דער ווייטער וועלט און נאָר זעלטען זיך באַווייזען אין זיין שטאָדט. דערפאַר אָבער, ווען ער איז אַמאָל שוין יאָ געקומען אַ היים, איז ער נישט געקומען ליידיג, נאָר ער האָט תמיד מיטגעבראַכט גאַנצע פעק מיט מעשיות, חדושים און נפלאות, וואָס „ער האָט אַליין געזעהן" אין פאַריז, אין רוים, אין סטאַמבול א. אַז. וו. די שקרים און די גוזמאות פון אָט די דאָזיגע מעשיות זענען געווען אַזוי בולט, אַז אפילו דאָס זינקאָוויצער „בית המדרש" און דאָס זינקאָוויצער „באָד" זענען אויף זיי געווען גרויסע אפיקורסים.

ויהי היום און אַ מנין זינקאָוויצער יודען זענען געזעסען אינ'ם בית המדרש און באַקיעט דעם ענין: „ר' בייניש און זיינע מעשיות". פלוצים גיט זיך איינער פון דער חבריא אַ רוף-אָן:

„איין זאַך פאַרשטעה איך נישט, רבותי! מילא די מעשיות פון ר' בייניש'ן זענען דאָך סיי ווי סיי אַלע שקר וכזב, נישט געשטויגען און נישט געפלויגען! הײַנטזשע צו-וואָס טויג איהם, צו פיהרען אַזאַ געמוטשעט לעבען, זיך צו וואַלגערן גאַנצע יאָהרען אין דער פרעמד, כדי צו ברענגען „חידושים" קיין זינקאָוויץ? ער וואָלט דאָך געקאָנט דאָס זעלבע אויפטון, דאָס הייסט: זיך אויסטראַכטען די אייגענע הוריות און בוידעמעס, זיצענדיג אָט-אָ-דאָ אין זינקאָוויץ ביי ווייב און קינדער?"

„אַ האַרבע קשיא!" האָט דער עולם צוגעבימבעלט. אָבער ר' משה'לע קלערער, וואָס איז גראָד געווען דערביי, האָט באַלד געפונען אַ תירוץ:

„ווען ר' בייניש זאָל זיצען דאָ ביי אונז און זיך אויסקלערען מעשיות פון פאַריז, פון רוים און פון סטאַמבול, וואָלט ער תמיד געהאַט אַ חשש: אפשר איז די מעשה דאָך אמת. און דערפאַר טאַקי מוז ער קודם כל אַהינ-פאָהרען און געוואָהר ווערען, אַז די אויסגעטראַכטע מעשיות האָבען זיך נישט פאַרלאָפען. ערשט דערנאָך קאָן ער זיין רוהיג דערצעהלען דעם זינ-קאָוויצער עולם און באַדאַרף נישט מורא האָבען, טאָמער וועט מען איהם חלילה כאַפּען ביי אַן אמת".

193

אַ „זרש“ און אַ „טיטום“...

ר׳ משה׳לע „קלערער“ פלעגט זאָגען:

„מיט אַ גרושה, וואָס האָט (ליגען אין דערהיים) אַ ספּאָדעק, זאָל מען קיינמאָל נישט חתונה האָבען. וואָרין די קשיא איז דאָך: ווי קומט צו אַ גרושה אַ ספּאָדעק? נאָר איז דער תרוץ: זי איז אַ „זרש“ און דער מאַן אידהער, האָט זי געוואָלט גיך פּטור ווערען. האָט ער געטענה׳ט: „נאַדיר בעדיי דעם ספּאָדעק און לאָז מיך אָפּ!“

אָבער נאָך אַרגער פון אַ גרושה מיט אַ ספּאָדעק איז אַ גרוש מיט אַ שטערנטיכעל; איהם זאָל מען ווייכען ווי דעם מלאך המות! וואָרין אַ שטערנטיכעל איז דאָך טייערער פון אַ ספּאָדעק; היינטושע איז דאָך די קשיא נאָך האַרבער: ווי קומט עפּעס אַ שטערנטיכעל צו אַ גרוש? נאָר איז דער תירוץ: ער איז אַ „טיטום“ און דאָס ווייב האָט בּיי איהם געהאַט סיפּקע צרות. האָט זי זיך געטראַכט: „כאַפּט איהם דער רוח מיט׳ן שטערנטיכעל אינאיינעם, אַבּי איך זאָל זיין טריפה פּרצוף נישט זעהן!“

194

דער חלום און זיין פּתרון I

דער בחור אברהם אליש פון זינקאָוויץ האָט אַמאָל געבעטען ר׳ משה׳לע קלערער, ער זאָל איהם געבען אַ פּתרון אויף אַ משונה׳דיגען חלום: ער האָט געהאַט — אַזוי האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט — צוויי ווייבער, איינע אַ מיאוסע מיט אַ געשטיפּעלט פּנים און איינע אַ יפהפיה מיט אַ גלאַט פּנים, נאָר מיט אַ חן-ווערצאַלע אויף איין באַק. ווי דער שטייגער איז, האָט ער פיינט געהאַט די געשטיפּעלטע און געטראַכט תחבולות, זי באַלד פּטור צו ווערען, און ליעב געהאַט די גלאַטע מיט׳ן חן-ווערצאַלע און געוואָלט, זי זאָל בלייבען זיין ווייב. אָבער דאָס בית דין האָט איהם גענייט, צו טון דעם הפך פון זיין רצון, דאָס הייסט: משלח צו זיין די שעהנע מיט׳ן חן-ווערצאַלע און צו בלייבען בּיי דער געשטיפּעלטער.

ר׳ משה׳לע „קלערער“ קלערט אַביסעל נאָך, פּלוצים גיט ער דעם בעל החלום אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע און זאָגט:

„איך וויל דיך עפּעס פרעגען, אברהם אליש: האָסט דו די צייט פאַר׳ן חלום נישט צו שטאַרק עוסק געווען אין „הלכות ז׳אָמיניק“?“

„יאָ, אָבער...“

„אויב אַזוי“, לאָזט ר׳ משה׳לע דעם בחור נישט אויסרעדען, „איז עס קלאָר ווי דער טאָג, פון וואַנען דער חלום האָט זיך גענומען צו דיר: די געשטיפּעלטע נקבה, דאָס איז דער — דאָפּעלטאַכט, דער שטיין מיט די זעכצעדיקן „אויגען“, וואָס יעדער דאָמיניק־שפּילער וויל איהם פּטור ווערען און קאָן געוויינטליך נישט, מחמת דער שטן האָט דעם קאַטער; און די גלאַטע מיט׳ן ווערצאַלע, דאָס איז דער איינס־בלאַס, וואָס מען וויל איהם האַלטען ביז צולעצט און מען מוז איהם ס׳רוב אַוועקגעבען.“

195

דער חלום און זיין פּתרון II

איין „מורה“ פאַרלאַנגט פון׳ם אַנדערן אַ פּתרון אויף אַ חלום, וואָס ס׳האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט: זיין גוי׳ישער שכן „וואויטעק“ האָט איהם גע־וויזען עפּעס אַ קאַצעוואַטע באַשעפעניש און איהם געפרעגט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין בריה, אַ קאַץ צי אַ קאָטער. אויף דעם האָט ער, דער בעל החלום, געענטפערט: „דאָס איז נישט קיין זכר און נישט קיין נקבה, נאָר אַ טומטום“.

דער אַנדערער לעהרער פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווייל. פּלוצים גיט ער אַ לאָז־אַרויס אַ געלעכטער און זאָגט:

„איך האָב דעם פּתרון! דער גוי וואויטעק, דאָס איז ׳דער תלמיד, וואָס איז געוויינטליך אַ „גוי“, און דאָס באַשעפעניש, דאָס איז — ׳דער נאַרישער קמץ (אין דער „הברה ספרדית“), וואָס די מייסטע תלמידים קרעקען זיך ביי איהם, מחמת זיי ווייסען ׳נישט, אויב ס׳איז אַ קמץ גדול (a), אָדער אַ קמץ קטן (o), און הערען נישט אויף דעם מורה וועגען דעם צו דער־קוטשען מיט שאלות.“

„יאָ, דאָס איז אפשר ריכטיג“, (מאַכט דער חלום־דערצעהלער. „אָבער וואָס באַטייט מיין ענטפער, אַז דאָס באַשעפעניש איז אַ טומטום?“

„דאָס באַטייט, — דו זאָלסט מיר׳ס מוחל זיין, און אַז נישט, שאַט אויך נישט, — אַז סע טרעפט זיך אַ פאַל, וואָס דו אַליין ווייסט נעביך אויך נישט, אויב ס׳איז אַ גדול אָדער אַ קטן, און ווען דער תלמיד פרעגט דיך, ווערסט דו מסתמא — בפרט ווען אַ „ידען“ איז גראָד דערביי — שטאַרק מבולבל און לאָזט הערען אַ מין טומטומ׳ישע תנועה, וואָס דאָס מענשליכע אויער קאָן בשום אופן נישט מבחין זיין, צי דאָס איז אַן a צי אַן o “.

196

דער כעס פונ׳ם דיין

צו ר׳ אלעזר מלך דיין אין זינקאָוויץ קומט אַ יודינע מיט אַ שאלה: עפּעס אַ לעכעל האָט זיך געפונען אינ׳ם פּיפּיק פון א הינדעל. ר׳ אלעזר מלך באַטראַכט דעם נקב און פּסק׳עט: טריפה. דער דאָזיגער פּסק געפעלט אָבער נישט אַן אַנדערן דיין, וועלכער זיצט גראָד דערביי, און ער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף „לא״.

ר׳ אלעזר מלך זעהט דאָס און פרעגט:

„וואָס שאָקעלט איהר עפּעס אַזוי מיט׳ן קאָפּ?״

„וואָס זאָל איך נישט שאָקלען?״ גיט דער אנדערער אַ תשובה. „איך מוז אייך זאָגען, ר׳ אלעזר מלך, אַז איך בין נישט מסכים.״

„פאַרוואָס עפּעס?״

„די גאַנצע זאַך קומט מיר פאָר „לעכערליך״ (צום לאַכען), זאָגט דער יוד, וואָס האָט געקאָנט אַביסעל דייטש. „וואָרין . . .״

אָבער ר׳ אלעזר מלך לאָזט דעם בר־פּלוגתא נישט אויסרעדען און גיט אַ געשריי מיט כעס:

וואָס זאָגט איהר? לעכערליך? ס׳איז נישט לעכערליך; ס׳איז אַ גרויס לאָך! אַ לאָך כמה שכתוב!״

197

„אַ קליינינקייט!״

ר׳ פישעל דעם דיין׳ס איז וועגען עפּעס אַ פאַלשער חתימה נתפס געוואָרען „צום מלכות״ אויף צעהן חדשים.

צוריקגעקומען אַהיים, איז איהם זיין „זוגתי״ סעריל מקבל פנים מיט דעם דאָזיגען נוסח:

„ברוך הבא אַ יוד! אַ רבי מיט ווייסע הויזען! האָב איך נישט אפשר תיכף געזאָגט, אַז . . .״

דאָ גיט ר׳ פישעל פּלוצים אַ פּאַטש אין טיש אַריין און שרייט:

„קוק זי נאָר אָן, ווי זי האָט זיך דאָ אַביסעל צעלאָזט! אַ קליינינקייט! ווער ס׳האָט מיך דאָ פאַר׳משפט! די סנהדרין און דער לשכת הגזית און נישט טרעפּניאַווסקי! און וואו בין איך געזעסען? נישט חלילה אין ריישע, נאָר אין ירושלים, מחוץ למחנה! האַ?״

198

דער שכר און דער עונש

וועלוויל „פרחי'ניק״ פון זינקאָוויץ האָט אַמאָל מוסר געזאָגט זיין זעכ־צעהניעהריגען זוהן בצלאל מיט דעם דאָזיגען לשון:

„בצלאל! ווען דו וועסט זיין אַ לייט, וועל איך פאַר דיר זאָרגען און דיך מיטנעהמען אין די הייזער צו די בעלי בתים; ווען חלילה נישט, וועל איך מיט דיר שלאָגען אַ כפרה און דיך געבען צו אַ שוסטער.״

199

אַן עם־הארצ׳ישער שניידער

ווען ר׳ שמואל איטשאַלעס פון זינקאָוויץ האָט אָנגעזעצט, איז געקו־מען — צווישען אַנדערע מאָהנער — אויך דער שניידער ברוך בענדיט און געמאָהנט מלאכה־געלד פאַר אַ פּאָר הויזען. ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט דער אָנזעצער אויף דעם געגעבען אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ אין דער בּרייט, ווי איינער רעדט: „איך צאָהל נישט! קאָנסט קלאַגען!״

דער שניידער איז געוואָרען מלא כעס.

„וואָס?״ האָט ער געשריגען. „צוויי קרוינען מלאכה־געלד ווילט איהר רויבען? בשלמא אַז איהר צאָהלט נישט די גרויסע חובות, מילא זענט איהר דאָך דערויף אַן אָנזעצער; אָבער אַזאַ שבוש? פּע!״

ר׳ שמואל האט אויסגעהערט דעם מוסר און געשוויגען.

„וואָס שווייגט איהר עפּעס?״פרעגט דער שניידער.

„וואָס זאָל איך געהן שמוע׳סען״, איז דער אָנזעצער פּלוצים ריידעוודיג געוואָרען, „מיט אַזאַ עם הארץ, וואָס ווייסט נישט מאי דקאמרי רביצין? ווען איהר וואָלט געווען געלערנט גמרא, וואָלט איהר געוואוסט, אַז „דין פרוטה כדין מאה״. מאַכט רש״י: „גרויסע חובות, קליינע חובות — געלד איז געלד!״

200

אַלדינג האָט אַ שעור...

צו דעם גביר ר׳ אברהם נח פון זינקאָוויץ, אַ בעוואוסטען קמצן, קומט פאַר פסח אַן אָרימאַן און זשאַלעוועט זיך, אַז ער האָט נישט אויף פסח.

ר׳ אברהם נח פאַרקנייטשט דעם שטערן און פאַרטיפט זיך אין מחשבות. פלוצים גיט ער אַ לאָז אַרויס אַ קול:

„ווייסט איהר וואָס? געהט פאַרזעצט די זילבערנע לייכטער!"

„אַ שעהנעם דאַנק אייך פאַר דער עצה!" זאָגט דער יוד, „אָבער וואו נעמט מען זילבערנע לייכטער?"

„דאָס הייסט מיט איין וואָרט", לאָזט זיך דער גביר ווידער הערען, „אַז איהר ווילט פון מיר חוץ דער ערשטער עצה נאָך איינע, — ניין! דאָס איז שוין צופיעל! צוויי עצות גיב איך נישט!"

201

אַ מליצה ישרה

ליגענדיג גסיסה, רופט לאה גיטעל די גבאי׳טע דעם מאַן איהרען ראובן געציל פון זינקאָוויץ צו צום בעט און זאָגט:

„ראובן געציל! ס׳איז מיין רצון, דו זאָלסט נאָך מיין טויט חתונה האָבען מיט מיין שוועסטער הנ׳טשע און נישט חלילה מיט קיין אַנדערער, מחמת... די קינדער... פאַרשטעהסט דו מיך?"

„האָב נישט קיין מורא!" באַרוהיגט ראובן געציל די גוססת. „דו זאָלסט אַזוי זיין אַ מליצה ישרה אינ׳ם גן עדן, ווי איך האָב שוין לאַנג געהאַט בדעה, דאָס צו טון!"

202

אַן אָפיציר מיט אַ גרינגען קאָפּ

בשעת וועלט־מלחמה געהט דער זעלנער ר׳ אלי דעם שוחט׳ס אין ווין אויף דער גאַס, באַגעגענט אַ לייטנאַנט מיט אַ יודיש פנים און — גריסט נישט.

דער אָפיציר „שטעלט" דעם „חוטא" און שרייט אויפ׳ן העכסטען קול:

„וואַרום סאַלוטירען זי נישט, טראָטעל?" [1]

ר׳ אלי דערשרעקט זיך אָבער נישט שטאַרק פאַר דעם הויכען קול און זאָגט רוהיג:

„זאָגט מיר, כ׳בעט אייך זעהר, ר׳ קרוב! איהר האָט טאַקי באמת קיין אַנדערע דאגות נישט?"

[1]) פארוואס גריסטו נישט, בהמה?

203

„אַז מען שמועסט עהנדליך...״

אַן אַנדערטמאָל געהט דער דערמאָנטער זעלנער אין ווין אויף דער גאַס און טרעפט ווידער אַ יודישען לייטנאַנט. ווי זיין שטייגער איז, געהט זיך ר׳ אלי רוהיג פאַרביי און גריסט נישט.

דער אָפיציר רופט איהם צוריק און פרעגט:

„וואַרום סאַלוטירען זי ניכט?״

ר׳ אלי טוט אַ קוק אויף דעם פרעגער און דערקענט אין איהם דאָס אייניקעל פון אַ זינקאָוויצער יוד, וואָס איז שוין געשטאָרבען. אויף דעם גיט ער אַ לאָז־אַרויס אַ שווערען קרעכץ און זאָגט:

„וועה איז מיר! ר׳ איטשאַלע כהויה כצורה! זיין פנים, זיין שטעל און זיין הילוך!״

„זינד זי פעררינקט *)?״ שרייט דער לייטנאַנט.

„חלילה וחס!״ ענטפערט דער זעלנער. „איך מיין טאַקי נאָר דעם זיידען אייערן ר׳ איטשאַלע פוטערשלאָגער, דעם טאַטען פון אייער מאַמען, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין קראָקא, ער זאָל זיין אַ מליץ יושר פאַר אונז ביידע!״

„שווייגען זי אידיאָט **)!״

אָבער ר׳ אלי האָרכט נישט, נאָר גיט אַ הויב די פלייצע און זאָגט ווייטער:

„ס׳איז דאָך דיר גאָר אַן אַנטיק! אפילו געבייזערט האָט ער זיך אויך אַקוראַט אַזוי ווי איהר. די אויגען, דאָס קול אין די אָדערן! אַז מען שמועסט עהנדליך — איז עהנדליך!״

204

אַ מנחה׳לע און אַ מעריב׳ל

צוויי ליטוואַקישע „ערב־משומדים״ זיצען נאָכמיטאָג אין אַ קלויסטער און וואַרטען. דער גלח, וואָס האָט זיי געזאָלט אָב׳שמד׳ן איז נישט פון די „זריזין מקדימין״ און וויל זיך נישט באַווייזען, כאָטש די באַשטימטע צייט איז שוין לאַנג פאַרביי.

די יודען נודען זיך, לאָזען אַרויס איין געניץ נאָך דעם אַנדערן, שטעהען אויף און זעצען זיך ווידער און קענען זיך נישט קיין עצה געבען.

פלוצים טוט איינער אַ זאָג צום אַנדערן:

---

*) ביסטו משוגע? **) שווייג, טפש!

„ר׳ קרוב, ווייסט איהר, וואָס מיר איז איינגעפאַלען? ביז דער כומר וועט קומען, קענען מיר נאָך געשווינד געבען אַ כאַפּ אַ מ נ ח ה׳ ל ע״.

„אַודאי!״ איז דער אַנדערער מסכים, „און — מחמת ס׳איז שוין טונקעל — אפשר גאָר אַ מעריב׳ל אויך.״

205

„גאַליליי״

אין דעם משכּיל׳ישען שטעדטיל קיזאָוויץ האָט געלעבט אַן עלטערער משכיל, וואָס האָט געהייסען נפתלי יונה און געהאַט דעם צונאָמען „גאַליליי״. וועגען דער סבּה פון׳ם דאָזיגען מאָדנעם צונאָמען האָט זיך „קיזאָוויץ״ דערצעהלט אַזאַ מעשה:

בחור־ווייז פלעגט נפתלי יונה זיין אַ גרויסער בעל מחלוקת און אַ שרעק־ליכער נצחן. ער האָט תמיד געהאַט ויכוחים מיט די אַנדערע בחורים, ובפרט אין דקדוק. ויהי היום און עס איז אויסגעבראָכען אַ פריש מחלוקת צווישען נפתלי יונה און די חברים זיינע, דאָסמאָל מכח עפּעס אַ שוא. נפתלי יונה האָט גע׳טענה׳ט, דאָס שוא איז אַ „נע״ און די חברים — אַ „נח״, אַ וואָרט צו אַ וואָרט און פון׳ם ויכוח איז געוואָרען אַ געקריגעריי און פון׳ם געקריגעריי אַ — געשלעג. דער סוף איז געווען, אַז די „רבים״ האָבען געכאַפּט דעם „יחיד״, איהם געבונדען הענד און פיס און איהם אַריינגעפּיצקעט כּמה שנאמר. און ביי איטליכען שמיץ האָט מען געשריגען: „וואָס איז דאָס, — נפתלי יונה, אַ נע צו אַ נח?״ נפתלי יונה האָט זיך באַנומען ווי אַ גבור און אויף יעדער פראַגע גע־ענטפערט: „אַ נע, אַ נע!״ אָבער די גבורה זיינע האָט איהם ווייניג געהאָלפען. די „חכמים״ האָבען אַזוי לאַנג געצימבעלט, ביז דער עקשן האָט געמוזט מודה זיין, אַז זיי, די „חכמים״, האָבען רעכט. ערשט דעמאָלט האָט מען איהם אָבגע־לאָזט. — אָבער קוים וואָס ער איז געווען פריי, האָט נפתלי יונה פּלוצים אָנגעהויבען צו לויפען פייל פון׳ם בויגען, שרייענדיג בשעת מעשה: „דאָס שוא באַוועגט זיך דאָך! (דאָס הייסט: ס׳איז אַ נע), סע באַוועגט זיך דאָך!״ (ווי גאַליליי אין זיין צייט). זייט יענעם טאָג רופט „קיזאָוויץ״ דעם משכיל נישט אַנדערש ווי „נפתלי יונה גאַליליי״.

206

די טרייסט פון גאָט

ר׳ שמואל שמעלקא פון קיזאָוויץ, אַ שעהנער בעל הבית און אַ שטיקעל משכיל דערצו, האָט חתונה געמאַכט. ווי דער מנהג איז, זענען געקומען

אויף דער חתונה די דריי כלי הקדש: דער רב, דער חזן און דער שמש, און האָבן, אויך ווי דער מנהג איז, געקריגן רח״ש. אָבער בשעת דער שמש האָט צוגענומען זיין חלק שטיל און אָהן טענות, האָבן זיך די צוויי אַנדערע געשטעלט דינגען.

„ר׳ שמואל שמעלקא, סע פּאַסט נישט פאַר אייך״, האָבן זיי גע׳טענה׳ט. „כ׳לעבן ס׳פּאַסט נישט!״

„איך גיב נישט מעהר!״ האָט דער בעל שמחה געענטפערט. „ס׳איז נישט מעהר ווערט!״

„ווי הייסט? תורה און תפלה זענען...״

„איך וויל מיך דאָ נישט אַריינלאָזען אין ויכוחים״, האָט דער בעל הבית די רח״ש׳ניקעס נישט געלאָזט אויסרעדען. „כ׳וויל ענק נאָר דערצעהלען אַ מעשה, וועט עיך ממילא אלדינג פאַרשטעהן.״

„אַנימעלט זענען געקומען די תורה, די עבודה און די גמילות חסדים (די דריי זאַכען, וואָס די וועלט שטעהט אויף זיי לויט דעם „פּרק״), פאַר׳ן כסא הכבוד און האָבן, איינע נאָך דער אַנדערער, זיך געזשאַלעוועט אויף יודען. די תורה האָט געקלאָגט: „עזבוני בניך, יודען האָבן אַוועקגעלייגט דאָס לערנען״, די עבודה: „יודען האָבן פיינט באַקומען דאָס דאַווענען״, און די גמילות חסדים האָט געשריגען: „יודען טוען נישט מעהר קיין גמילות חסד.״

„איך קען דעם טרויריגען מצב״, האָט דער אויבערשטער געגעבען אַ תשובה. ס׳איז אמת, אַז דאָס בטול תורה און בטול תפלה זענען ביים איצטיגען דור זעהר גרויס, אָבער צו זאָרגען פאַר קיום העולם, איז לעת עתה לויט מיין מיינונג קיין סבה נישט דאָ. יאַקאָש איז פאַרהאַן אין איטליכען יודישען שטעדטיל אַ רב, וואָס זיצט און לערנט (לשמה אָדער כאָטש שלא לשמה) און אַ חזן, וואָס דאַווענט מיט חשק און התלהבות. — בנוגע צו גמילות חסדים, קאָן מען נישט לייקנען, אַז די היינטיגע יודען האָבן אַקוראַט אַזוי ליעב צו נעהמען אַ גמילות חסד, ווי זיי האָבן פיינט צו געבען. אָבער צו זאָגען אַז די דאָזיגע מדה איז שוין אינגאַנצען בטל געוואָרען, בין איך אויך נישט מחויב. אָט למשל, זעהען מיר, אַז ווען יודען קומען זיך צונויף שבת און יום טוב אין דער שול, איז איינער דעם אַנדערן מכבד מיט אַ שמעק טאַבאַק און שענקט איהם דערביי נישט בלויז די „פּירות״, נאָר אפילו דאָס „קרן״ אויך.

די דאָזיגע רייד פונ׳ם בורא עולם זענען דער תורה און דער עבודה אַריין אין קאָפּ אַריין און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען צופרידען. אַנדערש

די גמילות חסדים. זי האָט, נישט רידהרענדיג זיך פונ׳ם אָרט, פלוצים אָנגעהויבען צו וויינען אויף אַ קול.

„פאַרוואָס האָסט דו דיך אַזוי שטאַרק צעוויינט? האָט דער רבונו של עולם געפרעגט.

„פאַר דעם", האָט די גמילות חסדים געענטפערט, „וואָס דו האָסט מיך שלעכטער באַהאַנדעלט ווי מיינע חברטעס. וואָרין בשעת דו האָסט זיי געטרייסט מיט׳ן רב און מיט׳ן חזן, וואָס זיי זענען לכל הדעות חשוב׳ע מענשען און צוויי שטאַרקע זיילען פון יעדער יודישער קהלה, ווילסט דו מיך פטר׳ן מיט אַזאַ נאַרישקייט, מיט אַ בידנע שמעק טאַבאַק?"

אָבער דער וואָס-איבער-אונז-איז האָט די וויינענדיגע גמילות חסדים באַרוהיגט:

„געה אַ היים, מיין טאָכטער, און זיי דיך נישט מצער! גלויב מיר, דעם רב׳ס לערנען און דעם חזן׳ס דאַווענען זענען אפילו קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט."

207
ער האָט ליעב כבוד...

אַ פיסקאָוויצער יוד איז אין זינקאָוויץ און זוכט דאָרט דעם באַקאַנטען זיינעם, דעם פיסקאָוויצער ראש הקהל ר׳ בעריש באַקשטיין.

ער טרעפט אויף דער גאַס אַ זינקאָוויצער בעל הבית און פרעגט איהם:

„וואו וואוינט דאָ ר׳ בעריש באַקשטיין, דער ראש הקהל אייערער?"

„וועמען מיינט איהר?" זאָגט דער זינקאָוויצער. „בעריש׳ל „מיוחס", דעם זוהן פון יוסיל „פאַרך"? געהט, זייט מוחל, ביז נאָכ׳ן קלויסטער און דאָרט — פרעגט נאָכאַמאָל!"

דער יוד געהט ביז נאָכ׳ן קלויסטער, באַגעגענט אַ יונגען מאַן און פרעגט ווידער:

„וואו וואוינט דאָ ר׳ בעריש באַקשטיין?"

„אַהאַ!" ענטפערט דער יונגערמאַן. „איהר באַדאַרפט האָבען בעריש „קטלן", וואָס האָט שוין ביז איצט באַגראָבען דריי ווייבער. — געהט, זייט מוחל, ביז נאָכ׳ן סאַנד און דאָרט — פרעגט ווידער".

דער פיסקאָוויצער געהט ביז נאָכ׳ן סאַנד, טרעפט אַ בחור און פרעגט צום דריטען מאָל:

„וואו וואוינט דאָ ר׳ בעריש באַקשטיין?"

„בעריש „פרעסער" מיט די רויטע פיסקעס?" גיט דער בחור אַ תשובה. „אָט שטעהט ער דאָרט-אָ אויף יענער זייט גאַס!"

דער יוד גערט צו צום ראש הקהל און פרעגט איהם:
„כ׳בעט אייך זעהר, ר׳ בעריש, צו־וואס באדארפט איהר אייגענטליך האבען דאס זינקאוויצער „נשיאות״? נייט אייך עמיצער דערצו?״
„חלילה!״
„טראגט עס אייך עפעס?״
„וואס רעדט איהר? נישט א גרייצער!״
„צו וועלכע שווארצע יאהר דען קהל׳ט איהר אייך?״
„איך טו עס״, זאגט ר׳ בעריש מיט גאוה, „גלאט אזוי, פון כבוד וועגען.״

208

צוויי בעלי מדרש

ר׳ יחיאל מיכל פון פיסקאוויץ איז געווען א גרויסער בעל מדרש און א גוטער כאשטער (געלד־מעקלער) דערצו. אלס כאשטער האט ער, ווי דער שטייגער איז, געהאט צו טון מיט אלע רייכע פראצענטניקעס פון דער שטאדט, און בפרט מיט ר׳ שלמ׳טשע פאמעראנץ, א יוד, וואס האט חוץ דעם הויפט־געשעפט זיינעם, דאס לייהען געלד אויף פראצענט, נאר איין „ליעב־שאפט״ געהאט אינ׳ם לעבען: דעם מדרש (פונקט אזוי ווי דער כאשטער).

ויהי היום, אמאל האט זיך געטראפען א מעשה, אז ר׳ יחיאל מיכל האט באדארפט האבען א גרויסע „אפותיקי״ און איז געגאנגען צו ר׳ שלמ׳טשע. ווי כמעט תמיד, האט דער גביר דעם מעקלער אהן טענה ומענה געגעבען דאס געלד און האט זיך תיכף מיט איהם אריינגעלאזט אין א שמועס מכח עפעס — א מאמר אינ׳ם מדרש.

„יא, איהר מיינט דעם מאמר פון ריש לקיש׳ן אין רבה פרשת בלק״, האט ר׳ יחיאל מיכל געוואלט ווייזען זיין בקיאות.

„איהר האט א דריימאליגען טעות״, זאגט ר׳ שלמ׳טשע. „ס׳איז נישט קיין רבה, נאר א תנחומא, און נישט אין „בלק״, נאר אין „חקת״, און נישט פון ריש לקיש׳ן, נאר פון ר׳ תנחום׳ן.״

„און איך זאג, איהר האט א טעות. ס׳איז א רבה, בלק און פון ריש לקיש׳ן״.

„ווייסט איהר וואס? איהר האט דאך אין דערהיים ביידע מדרשים. קוקט נאך, וועט איהר זעהן!״

„גוט! דאס קאן נישט שאטען״, האט דער כאטשער מסכים געווען און איז אוועקגעגאנגען.

א טאג נאך דעם דאזיגען ויכוח איז אבער געשעהן אן אומגערעכטע זאך: דער בעל מדרש ר׳ יחיאל מיכל איז אנטלאפען ערגיץ אהין און האט מיט־

געגומען זעכציג טויזענד ריינעם פרעמד געלד, דערפון מעהר ווי צוואַנציג טויזענד פון ר' שלמ'טשע אַליין.

גרויס איז געווען דער רעש און די בהלה אין פּיסקאָוויץ. יעדער האָט דעם בורח נאָכגעשיקט קללות און זלזולים, אָבער גע'פּועלט האָט מען ווייניג; מען איז צו שפּעט געוואָהר געוואָרען.

ערשט אפשר אַ וואָך נאָכ'ן „ויברח" איז געקומען אַ פּיסקאָוויצער יוד פון אַ ווייטער נסיעה און האָט געבראַכט אַ ידיעה פונ'ם כאַטשער: ער האָט ר' יחיאל מיכל'ן געטראָפען אין בערלין. ער האָט איהם געזאָגט, אַז ער פאָהרט קיין אַמעריקאַ און איהם געבעטען, ער זאָל אַלע באַקאַנטע גריסען גאָר פריינדליך.

„און מיין נאָמען האָט ער גאָר נישט מזכיר געווען?" איז ר' שלמ'טשע פּאָמעראַנץ, וואָס איז גראָד געשטאַנען דערביי, געווען טשיקאַווי, צו וויסען.

„אדרבה", האָט דער יוד געענטפערט, „ער האָט אייך עטליכע מאָל דערמאָנט צום גוטען. אַ חוץ מזה האָט ער מיר מיטגעגעבען פאַר אייך אַ באַזונדערן גרוס און נאָך עפּעס אַ זאַך דערצו. ער האָט געזאָגט, איהר וועט דערפון אַ גרויסע הנאה האָבען.

„דהיינו?"

„איך זאָל אייך זאָגען, אַז ער האָט דעמאָלט — איהר ווייסט שוין ווען — נאָכגעקוקט אינ'ם מדרש און געזעהן, אַז איהר האָט אין אַלע דריי זאַכען רעכט: ס'איז אַ תנחומא, פּרשת חקת און געזאָגט האָט עס טאַקי נאָר ר' תנחום".

209

דער שכר פון אַ מצוה...

שמחה „שכור" און חיים „לחיים" געהען צוזאַמען פון מיעלטשאָוו קיין זינקאָוויץ. אין דער מיט וועג זעהט שמחה, אַז חיים איז שטאַרק פאַרטראַכט.

„וואָס ביזטו אַזוי פאַר'מוח'ט?" פרעגט ער.

„דו הערסט דאָך, שמחה" ענטפערט חיים, „איך קלער נאָך איבער דעם תכלית פון אונזער לעבען. מ'שטיינסגעזאָגט! ווידער אמאָל אגלעזיל משקה און אָבער אַמאָל אַ גלעזיל משקה! און נאָך קלער איך, אַז ס'וואָלט כ'לעבען געווען אַ יושר, מיר זאָלען כאָטש דאָס איינע מאָל כובש זיין דעם יצר הרע פון שכרות און אין דער נאָהנטער פלאַשקאָוויצער קרעטשמע נישט „אַנטרע-טען". שוין גענוג דאָרט געלד פאַר'שכור'ט!"

„מיר זאָלען", זאָגט שמחה, „אַזוי ביידע געזונט זיין, חיים ברודער, אַז דו

האָסט מיר צוגעטראָפען די מחשבות! ווייסט דו וואָס? לאָמיר זיך געבען די הענד, אַז מיר וועלען דאָסמאָל די „פלאַשקאָוויצער" ווייכען ווי אַן עפוש!"

זיי געבען זיך איינער דעם אַנדערן תקיעת כף און געהן ווייטער.

געקומען קיין פלאַשקאָוויץ פאַר די קרעטשמע טוט שמחה אַ מאַך צו חיים'ן:

„חיים, לאָמיר אַנטלויפען, וואָרין ס'ציהט!"

„שמחה", זאָגט חיים, „לאָמיר אַנטלויפען, וואָרין ס'ציהט אויך מיך!"

זיי נעהמען איינער דעם אַנדערן אָן ביי די האַנד און געבען גיך אַ לויף פאַרביי פאַר דעם „מקום סכנה".

אָבער קוים וואָס זיי האָבען זיך דערווייטערט עטליכע הונדערט שריט פון דער קרעטשמע, גיט חיים שמחה'ן אַ קלאַפּ אויף דער פלייצע און זאָגט:

„ווייסט דו, שמחה, וואָס מיר איז איינגעפאַלען? אַז שמחה שכור געהט פאַרביי פאַר דער פלאַשקאָוויצער קרעטשמע און געהט נישט אַריין כאַפּען אַ טרינק בראָנפען — קומט איהם אַ טרינק בראָנפען. קום־זשע, טאַקי ברודער, לאָמיר נעהמען צו קאַפּלעך לחיים!"

210

צוויי שותפים

מש'קע „משקה" און יוס'קע „קנאַק", צוויי שותפים פון אַ קרעטשמע אין נאָוואָ זינקאָוויצא, מאַכען הכנות, צו פאָהרען צוזאַמען קיין זינקאָוויץ „איינקויפען". און מחמת זיי קענען זיך אַליין זעהר גוט און וויסען, אַז זיי זענען עלול, ביי אַזאַ געלעגענהייט צו פאַר'שכור'ן אין דער שטאָדט דאָס לייזונג פון אַ גאַנצער וואָך, באַשליסען זיי, איינער זאָל ביים אַנדערן איבער־האַקען אַ ציצה און שווערען אויף צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז חוץ דעם געלד צום איינקויפען וועט ער מיטנעהמען אין דער שטאָדט אַריין לכל היותר צוויי גרייצער אויף אַ גלעזיל משקה; צווייטענס, נאָר אַזויפיעל צו טרינקען, וויפיעל ער קאָן באַצאָהלען במזומנים און נישט מעהר.

געזאָגט — געטון.

אויף דעם וועג צוריק אַהיים גיט מש'קע פלוצים אַ מאַך צו יוס'קע:

„ווילסט עפּעס הערען שעהנס, יוס'קע?"

„וואָס איז?"

„איך האָב געפונען אין די הויזענקעשעני אַ פיערער אין אַ פּאַפּיר'ל."

„נו? צו־וואָס באַדאַרף איך דאָס וויסען?"

„דו הערסט דאָך, יוס׳קע, ס׳איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק: מיר האָבען דאָ אויף דער פוהר אַ פעסאַלע בראָנפען; דערפון געהערט די העלפט מיר און די העלפט דיר. ווי־זשע אַ שטייגער למשל וואָלט געווען דער דין, ווען דו וואָלטסט מיר פון דיין טייל פאַרקויפט אַ קאָפ משקה, פאַר אַ פיערער?"

„אַז דו האָסט מזומן־געלד — פאַרוואָס נישט?" ענטפערט יוס׳קע. הייסט זיך געבען דעם פיערער און צאַפּט אָן דעם שותף אין אַ מאָס אַריין פאַר פיער גרייצער בראָנפען.

נאָך עטליכע מינוט זאָגט יוס׳קע צו מש׳קע:

„מש׳קע, ס׳איז מיר עפּעס איינגעפאַלען: ווי וואָלט אַ שטייגער למשל געווען דער דין, ווען דו זאָלסט צוריקנעהמען דעם פיערער און מיר געבען דערפאַר פון ד י י ן טייל אַ טרינק בראָנפען?"

„אַז דו האָסט מזומן־געלד — פאַרוואָס נישט?" ענטפערט מש׳קע, נעמט צו דעם פיערער און צאַפּט אָן דעם שותף אַביסעל י"ש.

נאָך עטליכע מינוט טוט מש׳קע אַ זאָג צו יוס׳קע:

„איצטערט, יוס׳קע, אַז דער פיערער איז ווידער מיין, ווער ווערט מיר, צו טון דאָסזעלבע וואָס פריהער? גיבזשע טאַקי, ברודער, נאָכאַמאָל אַביסעל „לחיים"!"

יוס׳קע לאָזט זיך געבען די מטבע, צאַפּט אָן און זאָגט:

„אַצינד, אַז איך האָב ווידער געלייזט אַ פיערער, ווער ווערט מיר, צו טון דאָסזעלבע וואָס פריהער? גיבזשע טאַקי..."

געקומען צוריק אַהיים קיין נאָווא־זינקאָוויצא, ביידע שוין מסתמא נישט־קשה׳דיג פאַרקערעט, גיט יוס׳קע מש׳קע׳ן אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע און פרעגט:

„וואָס זאָגסטו דו עפּעס דערצו? איז דאָס נאָך דערהערט געוואָרען אין דער וועלט?"

„וואָס מיינסטו?"

„דו פרעגסט נאָך? צ ו ו י י מ ע נ ש ע ן — אַ ג אַ נ ץ פ ע ס אַ ל ע?"

„און דאָס אַנדערע האָסטו שוין פאַרגעסען?" וואונדערט זיך מש׳קע.

„וואָס מיינסטו?"

„דו פרעגסט נאָך? אַ ג אַ נ ץ פ ע ס אַ ל ע פ אַ ר א י י ן פ י ע ר ע ר?"

211

אַ רפואה בדוקה

שמחה שכור קומט צום זינקאָוויצער רב ר׳ אברהם׳טשע און בעט

ער זאָל איהם געבען עפּעס אַ רפואה. (ר' אברהם'טשע האָט געהאַט אַ שם אין זיין סביבה פאַר אַ מומחה אין דאָקטעריי) קעגען אַ רויטע נאָז.

„פון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען די רויטע נאָז?" פרעגט דער רב.

„מסתמא פון טרינקען", ענטפערט דער שכור.

„אויב אַזוי", זאָגט ר' אברהם'טשע, „האָב איך פאַר דיר אַן עצה: טרינק מעהר, וועט זי ווערען — בּלאָ."

212
א מאָדנע מענש

איטשע מסור פון פּיסקאָוויץ פלעגט „מסר'ן" יודישע קינדער ביים פּריץ לשמה. דאָס הייסט, מחמת ער האָט בטבע נישט געקאָנט סובל זיין די יודען און זייערע „חטאים", און נישט חלילה צוליעב געלד. דער עונש, וואָס דער „חוטא" האָט געקריגען פונ'ם פּריץ, — דאָס איז געווען זיין שכר.

ויהי היום, אַמאָל איז אָבער געשעהן אַן אומגערעכטע זאַך: עמיצער האָט ביי איטשע מסור גופא געפונען אַן עולה און האָט איהם — „צוגעשטעלט אַ בענקאַלע" ביים פּריץ.

דער פּריץ האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, נאָר האָט דעם בחור תיכף געלאָזט ברענגען און טאַקי אויך תיכף אַרויסגעגעבען זיין פּסק: הונדערט רוטען.

אָבער ווידער איז געשעהן אַן אומגערעכטע זאַך: קוים וואָס דער מסור האָט דערשפּירט דעם ערשטען שמיץ, האָט ער פּלוצים געגעבען אַ לאָז-אַרויס אַ געלעכטער און האָט אַזוי לאַנג געלאַכט ביז מען האָט געענדיגט „הונדערט". ערשט נאָכדעם ווי מען האָט איהם אָבגעלאָזט, האָט ער אויפגעהערט צו לאַכען און אָנגעהויבען — צו וויינען.

דאָס האָבען די פּיסקאָוויצער יודען געהערט און זענען געווען טשיקאַווי צו וויסען דעם טעם דערפון.

„וואָס האָסטו עפּעס געלאַכט בשעת'ן שמייסען?" האָט מען איהם געפרעגט.

„ווייל איך האָב", האָט איטשע געענטפערט, „אַ הנאה געהאַט, אַז מען שמייסט אַ יוד."

„און פאַרוואָס האָסטו דערנאָך געוויינט?"

„פאַר צער."

„וואָסער צער?"

„צער דערפון, אַז — אַ יוד האָט אַ הנאה געהאַט."

213

די המצאה פונ׳ם גיהינם־שמש

דער פריץ עמלקאָוויטש, אַ באַזיצער פון עטליכע דערפער ביי פּיטשע־לאַיוב, שטעהט אַמאָל אויף אין דער פריה, גיט אַ קוק אַרויס דורכ׳ן פענסטער און זעהט, ווי גאַנצע מחנות יודען שטעהן אין וואַרטען.

ער לאָזט רופען דעם זשאַנצע און פרעגט איהם:

„וואָס ווילען די יודען?"

„זיי זענען אַלע געקומען", ענטפערט דער זשאַנצע, „וועגען דער קרעטשמע, וואָס איז זייט נעכטען צו פאַרדינגען אין נאָווא־פּיטשעלאַיובא."

נישט לאַנג קלערענדיג, גיט דער פריץ אַ געה־אַרויס צו די יודען און טוט אַ געשריי אויף יודיש (עמלקאָוויטש האָט געקאָנט יודיש):

„רבותי! קומט׳ס אַהער! איך וויל ענק דערצעהלען אַ מעשה":

די יודען קומען זיך צונויף און דער פריץ הויבט אָן צו דערצעהלען:

„אין זינקאָוויץ זענען אַמאָל געשטאָרבען אין איין טאָג צוויי יודען, איינער אַ צדיק און איינער אַ רשע. ווי דער מנהג איז, האָבען מלאכים דעם צדיק געפיהרט אין גן עדן אַריין און שדים דעם רשע אין גיהנם אַריין. אויף דעם וועג צום גיהנם איז אָבער געשעהן אַן אומגערעכטע זאַך: דער רשע, אַ זינקאָוויצער וואוילער יונג, איז פלוצים, מען האָט נישט געוואוסט ווען און ווי אַזוי, נעלם געוואָרען. איהר וועט אייך שוין מן הסתם אַליין שטויסען, אַז מען האָט דעם בחור אומעטום געזוכט. אָבער בחנם! ערשט נאָך אַ לאַנגער חקירה ודרישה איז מען געוואָהר געוואָרען, אַז דער תכשיט איז אינ׳ם — גן עדן. ער האָט זיך באַוועגן דעמאָלט, נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפען, אַריינגעכאַפּט צווישען די מחנה מלאכים, וואָס האָבען מלוה געווען דעם צדיק, און האָט זיך אַזוי אַרומעט געקאָנט געבען אַ גנב׳ע אַריין אינ׳ם היכל פון די צדיקים.

ווי באַלד דער סמ"ך מ"ם האָט דאָס געהערט, איז ער אַריינגעפאַלען אין עצבות, מחמת ער האָט געוואוסט, אַז דאָס גן עדן גיט קיין נשמות, כל זמן זיי געפינען זיך אין זייער מויערען, נישט צוריק. און ער האָט אָנגעהויבען זעהר שטאַרק צו זיפצען. פלוצים, ווי ער זיצט אַזוי און קרעכצט, גיט אַ קום־צו צו איהם איינער פון די גיהנם־שמשים, עפעס אַ יונג לאַפּי־טאַטער׳ל מיט צוויי גניב׳ישע אייגאַלעך און טוט אַ זאָג: „אדוני המלך! מאַך דיר נישט קיין עגמת נפש! איך וועל דעם שעהנעם בחור שוין אַרויס־באַקומען פונ׳ם גן עדן". — „ווי דערלעבט מען דאָס שוין צו זעהן"! מאַכט דער ימח־שמו׳ניק און הערט נישט אויף צו זיפצען. — און וואָס

מיינט עך, האָט דער לאַפּיטאָטער געטון? ער איז גיך געגעבען אַ לויף אַהין צום גן עדן, האָט זיך געשטעלט פאַר דער טיר און געגעבען אַ געשריי: „ישראל קדושים! ס'איז דאָ אַ קרעטשמע צו פאַרדינגען"! קוים וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, זענען שוין אַלע גן-עדן-יודען, און דער רשע, פאַרשטעהט זיך, אויך בתוכם, געווען אין דרויסען און געשריגען: „וואו? וואו?". — „דאָרטען-אָ", זאָגט דאָס מזיק'ל, כאַפּט דעם גיהנם'ניק ביי דער האַנד און וויאָ מיט איהם אין דער שאול תחתיה אַריין!"

214

דעם גנב'ס חריפות

לייזער מענדיל גנב, שוין אַ יוד אין די יאָהרען, געכטיגט אין אַ קרעטשמע צוזאַמען, דאָס הייסט, אין איין שטוב, מיט זיין שותף חיים זושא, אַ יונגען מאַן, וואָס ער האָט מיט איהם ערשט נישט לאנג געשלאָסען חברותא. לייזער מענדיל האָט ביי זיך אַ פּערטיל געגזוענס, אַ רעשט פון אַ גנבה, וואָס ער האָט גע'גנב'עט בשותפות מיט זיין חבר. און מחמת ער וויל באַוואָרענען דאָס שטיקעל פלייש פאַר די הענד פונ'ם שותף זיינעם, וועלכער איז געווען אַ בעלן אויף אַזעלכע זאַכען, וואַרט ער ביז חיים זושא ווערט אַנטשלאָפען. דערנאָך נעמט ער דאָס געגזוענס און באַהאַלט עס אין דער קעשעני פון — חיים זושא'ס הויזען. חוץ דעם מאַכט ער זיך סמנים אין זיינע אייגענע מלבושים, כדי ער זאָל מאָרגען דערקענען, אויב דער חבר זיינער האָט אין דער נאַכט ביי איהם געמאַכט אַ „רעוויזיע" אָדער נישט.

צומאָרגענס אין דער פריה איז לייזער מענדיל אויפגעשטאַנען בהשכמה. און נאָכדעם ווי ער האָט גיך אַ קוק געטון צו זיינע בגדים און געזעהן, אַז קיינער האָט זיי נישט אָנגערירט, איז ער געגאַנגען אַרויסנעהמען דאָס פּערטיל עוף פון זיין שותף'ס הויזען. אָבער — נישט צו גלויבען! — די קעשעני איז געווען ליידיג. — מען קאָן זיך לייכט אויסמאָלען, אַז דער באַ'גנב'עטער האָט תיכף דעם גנב געוועקט פונ'ם שלאָף:

„חיים זושא!" האָט ער געשריגען, „שטעה אויף און דערצעהל מיר, וואָס ס'האָט זיך דיר גע'חלומ'ט!"

חיים זושא גיט אַ מאַך אויף די אויגען, באַטראַכט דעם חבר זיינעם און אַ שמייכאַלע באַווייזט זיך אויף זיינע ליפּען.

„וואָס לאַכסטו נאָך, דו זולל וסובא'ניק?" זאָגט לייזער מענדיל מיט אַ געבייזער.

„זאָל זיין", זאָגט חיים זושא, „איך בין אַ זולל וסובא'ניק; אָבער טויגען טויג איך. איך האָב געוואוסט, וואו צו זוכען."

„אויב דו טוינסט אָדער נישט“, מאַכט דער אַלטער גנב — „דאָס וויים איך נאָך נישט. איך מוז דיך צוערשט פאַרהערען.“

„ווי אַזוי?“

„איך וועל דיך פרעגען עטליכע פראַגען און דו וועסט מיר אויף זיי ענטפערן, וועל איך שוין וויסען, וואָסער ברכה מען מאַכט איבער דיר.“

„נו! אדרבה!“

„קודם-כל זאָג מיר, חיים זושא לעב: וואָס וואָלט אַ שטייגער למשל אַ פּראָסטי תמ'עוואַטער יוד געטון אויף מיין אָרט?“

„ער וואָלט מן הסתם דאָס שטיקעל געגזענם געלאָזט ליגען אין זיין קעשעני.“

„און פאַרוואָס האָב איך עס באַהאַלטען אין ד י י ן קעשעני?“

„ווייל דו ביסט אַן אַלטער גנב און נישט אַ פּראָסטי משה יאָקיל און האסט געוואוסט, אַז דאָס איז אין דעם דאָזיגען פאַל די בעסטע סגולה קעגען גנבה“.

„און ווי אַזוי קומסט דו פּלוצים דערצו, צו זוכען אין דיין קעשעני?“

„ווייל איך בין אויך אַ גנב און אַזוי כיטרע ווי דו.“

„און מיט וויפיעל מדרגות בין איך לויט דיין מיינונג קלוגער פון אַ פּראָסטען — „משה יאָקיל“, ווי דו זאָגסט?“

„מיט איין מדרגה.“

„און דו?“

„אויך אַזוי.“

„אַצינד וויים איך שוין אַלדינג און — ווייסט דו וואָס איך וועל דיר זאָגען? מיר צוויי זענען קיין זווג נישט! פון הַיינט אָן זענען מיר אוים מחותנים!“

„פאַרוואָס עפּעס?“

„ווייל דו ביסט אַליין אַ — האַלבער „משה יאָקיל“.“

„אז אסור, אויב איך פאַרשטעה אַ וואָרט!“

„דאָס איז ביי דיין קליין מוח'לע קיין חדוש נישט. אָבער איך וויל מיך באַמיהען, דיר מסביר צו זיין דעם ענין: ווען איך האָב באַהאַלטען דאָס געגזענם אין דיין קעשעני, האָב איך דאָס נישט געטון, ווייל איך בין מיט איין מדרגה כיטרער פון אַ פּשוט'ען תם, און דיך האָב איך געהאַלטען פאַר אַ פּשוט'ען תם, נאָר איך האָב דאָס געטון, ווייל איך בין כיטרער מיט דריי מדרגות פון אַ תם און דיך האָב איך געהאַלטען פאַר כיטרער פון אַזאַ מאָדע בריה מיט צוויי מדרגות. איך האָב מיר אַזוי געטראַכט: חיים זושא איז דאָך אַ ממזר-יונגאַטש, וועט ער דאָך אודאי נישט גלויבען, אַז לייזער מענדיל, אַן אַלטער גניב'ישער גנב, זאָל געהן באַניצען אַזאַ

תמ׳עוואַטע חכמה, ווי ס׳איז דאָס באַהאַלטען פון זאַכען — אין אַ זעלכען פאַל ווי דער אונזעריגער — אינ׳ם גנבי׳ם קעשעני. איידער אַזאַ נאַריש פאָרטעל צו באַניצען, וועט ער שוין ליעבער גאַנץ פשוט לאָזען ליגען דאָס שטיקעל עוף אין זיין אייגענער קעשעני. — און וויל חיים זושא וועט דאָס נישט גלויבען, וועט ער מסתמא געהן זוכען אין מיין קעשעני. און טאַקי דערפאַר איז עס בעסער, איך לייג עס אין זיינער. — הײנטזשע אַצינד וועסט דו שוין מודה זיין, אַז דו ביסט אַ האַלבער „משה יאָקיל״?

215
גבריאל און כתריאל

גבריאל און כתריאל, צוויי פיסקאָוויצער קבצנים, געהען בשותפות אין די הייזער. זיי קומען צום הויז פון פתחיה „כלב״, אַ באַוואוסטען פיסקאָוויצער קמצן, בלייבען שטעהן און הויבען זיך אָן צו באַראַטען, אויב זיי זאָלען יאָ אַריינגעהן אָדער נישט.

פלוצים גיט גבריאל אַ זאָג צו כתריאל׳ן:

„ווייסט דו וואָס? געה דו אַליין אַריין! מיך האָט ער ערשט פאַר אַ וואָך אַרויסגעוואָרפען. אָבער דו — דו טויגסט בעסער.״

כתריאל לאָזט זיך צורעדען און געהט אַריין.

נאָך עטליכע מינוט קומט ער אַרויס, ציטערנדיג פאַר כעס, און הויבט אָן צו שיטען אויף דעם שותף זיינעם שוועבעל און פעך:

„אַ שטימעניש זאָלסט איינעהמען פאַר דיין שעהנער עצה! דו זאָלסט נישט דערלעבען...״

„וואָס איז עפּעס אַזוינס געשעהן?״ וויל גבריאל וויסען.

„דו פרעגסט נאָך?״, שרייט כתריאל. „דער בחור האָט מיר דאָך געוואָלט געבען זיבען פעטש?״

„פון וואַנען ווייסט דו דאָס?״

„פערד! ווען ער וואָלט נישט געווען געוואָלט, פאַרוואָסזשע — האָט ער ג ע ג ע ב ע ן?״

חקירות

משלים און מסורות

דער גרויסער „ויתרוצצו"

חיים יונה, „פילוסוף" פון זינקאָוויץ, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַביסעל צו פיעל אַריינגעלאָזט אין חקירה, האָט זיך אַמאָל שטאַרק געזשאַלעוועט פאַר זיין עלטערן חבר, ר' משה'לע „קלערער", אויף זיין געליעבטער, טאַקי אויף די חקירה גופא.

„פריהער — אַזוי האָט ער זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ — „ווען איך בין נאָך געווען אַ פשוט'ער יוד, האָב איך געהאַט איין נשמה, איין שכל און איין דעה. אַצינד איז געקומען די פאַרשאָלטענע חקירה, און האָט דאָס אַלדינג צעריסען, אַזוי אַז טיילמאָל קומט עס מיר פאָר, אַז דער איינער מענש „חיים יונה" האָט זיך געשפּאָלטען אין צוויי: „חיים" און „יונה". און דאָס אומגליק איז, אַז די דאָזיגע צוויי האַלטען תמיד מלחמה איינער מיט דעם אַנדערן. ווען „חיים" זאָגט „טאָג", זאָגט „יונה" — „נאַכט" און פאַרקעהרט."

„איך קען דעם מצב", האָט ר' משה'לע געענטפערט; „איך האָב דאָס אַלדינג מיטגעמאַכט. אָבער לעת עתה קאָנסט דו נאָך צופרידען זיין; דאָס איז ערשט דער קליינער „ויתרוצצו". ס'איז נאָר אַ שאָד, אַז דאָס וועט נישט לאַנג געדויערן".

„און וואָס וועט זיין דערנאָך?"

„דערנאָך וועט קומען דער גרויסער „ויתרוצצו"."

„וואָס הייסט דאָס?"

„דאָס הייסט, אַז „חיים" און „יונה", וואָס זיי זענען איצט נאָך פשוט'ע יודען, וועלען ווערען „חקרנים" פאַר זיך און — וועלען זיך אויך שפּאַלטען אין צוויי; דאָס איז בסך הכל — שוין פיער. און דאָס אומגליק וועט זיין, אַז די דאָזיגע פיער וועלען תמיד מלחמה האַלטען מיטאיינאַנדער".

„און ווען איינער, למשל, וועט זאָגען „טאָג" און דער אַנדערער „נאַכט", וואָס וועלען די אַנדערע צוויי זאָגען?"

„אויך מיר אַ דאגה! דער דריטער וועט זאָגען: ס'איז נישט טאָג און ס'איז נישט נאַכט, נאָר בין השמשות. און דער פיערטער וועט זאָגען: מען קאָן נישט וויסען; סע קאָן זיין טאָג, סע קאָן זיין נאַכט און סע קאָן זיין בין השמשות!"

217

די שמושים פון אַ פּאַטשײלע

שאלה: װיפיל שמושים האָט אַ פּאַטשײלע בײַ אַ ייד?
תשובה: פופצעהן. — ער באַניצט זי:

1.) פשוט פאַר אַ נאָזטיכעל; 2.) פאַר א גאַרטעל (ביים דאווענען); 3.) פאַר א שאַלעק (טיילמאָל, ווען מען קומט ארוים ?פונ'ם בית המדרש); 4.) פאַר אַ פאַראַסאָל (שבת ווען סע רעגענט); 5.) פאַר אַ פעכער (זומער, ווען ס'איז היים); 6.) פאַר אַ שוואַם (אינ'ם באָד ביים שוויצען); 7.) פאַר אַ זייהער (צו זייהען קדוש-וויין); 8.) פאַר אַ פאַס (ווען דער הויזען-פאַס איז קאַלי); 9.) פאַר אַ טישטוך; 10.) פאַר א האַנדטוך; 11.) פאַר אַ זאַך, וואָס פאַרקניפּט צוויי מענשען (ביי קבלת קנין); 12.) פאַר א זאַך, וואָס מאַכט אַ חציצה צווישען צוויי מענשען (ביים מצוה-טענציל); 13.) פאַר אַ ווערקצייג פון דער השגחה עליונה (ביים קניפּלעך-ציהען); 14.) פאַר אַ קאַנטשוג (דער טאַטע שמייסט דערמיט דעם ווידערשפּעניגען זוהן); 15.) פאַר אַ קושען (למשל, ווען מען פאָהרט אויף דער באַהן).

218

די מסורה פון די בערד

ר' נפתלי'קע סוחר פון מיעלטשאָוו פלעגט זאָגען צו זיין זוהן חיים ברוך:

„ווען דו ווערסט האָבען צו טון מיט אַ ייד אין משא ומתן, זאָלסט דו קודם כל אַכטונג געבען אויף זיין באָרד און דיך נוהג זיין דערביי לויט די דאָזיגע כללים:

איז די באָרד אַ לאַנגע און נישט קיין „שוסעת שסע" (געשפּאַלטען אין צוויי), מעגסט דו האָבען בטחון צו איהר הער און איהם אָהן אַ חשש באָרגען סחורה, אָדער לייהען געלד. וואָרין אַ ייד מיט אַזאַ מאָדע באָרד, ווען סע קומט דער יום השלום, הויבט ער אָן צו קלערען, שטעקט בשעת מעשה, כנהוג, די האַנד אין די באָרד אריין און ציפּט פון איהר אויס איין האָר נאָך דער אַנדערער, ווי איינער רעדט: „געוואַלט! וואו נעמט מען געלד? וואו נעמט מען געלד?" ביז ער געפינט צום סוף דאָס ריכטיגע פאָרטעל, דעם חוב צו באַצאָהלען.

זעהסטו, עפּעס אַנדערש איז שוין, ווען דיין בעל דבר האָט אַ לאַנגע, אָבער געשפּאַלטענע באָרד. דאָ מוזט דו דיר שוין גוט איבערלעגען, איידער

דו באַרגסט איהם אַן אייל סחורה אָדער לייהסט איהם עטליכע רייניש. וואָרין ביי אַ יוד מיט אַזאַ מין באָרד, איז עס זעהר געמאָלט, אַז ער טראַכט זיך בשעת'ן באָרגען: „וואָס שטעל איך דאָ אָן? וועל איך האָבען (ער גלעט זיך דערביי די רעכטע העלפט באָרד), וועל איך צאָהלען, (ער גלעט זיך דערביי די לינקע העלפט), וועל איך נישט האָבען (ער גלעט זיך ווידער די רעכטע העלפט), וועל איך נישט צאָהלען (ער גלעט זיך ווידער די לינקע).

אָבער מעהר ווי פאַר אַלע יודען אין דער וועלט זאָלסט דו דיך היטען פאַר אַ יוד, וואָס האָט אויף זיין געמבקע אַ קליינטשיק, שפּיציג בערדיל. מיט איהם טאָרסטו אפילו נישט שמועסען וועגען באָרגען. וואָרין — ווייסט דו, וואָס אַזאַ בחור טוט, ווען סע האַלט ביי צאָהלען? ער גיט אַ נעם דאָס בערדיל אין דער האַנד, טוט עס אַ ציה אין די הייך און זאָגט געשווינד: „איך צאָהל נישט!“

219
דרייערליי ליגנער

ר׳ משה׳לע „קלערער“ פלעגט זאָגען:

„עס זענען פאַרהאַן דרייערליי ליגנער:“

„ס'איז פאַרהאַן אַ שקרן, וואָס ביי איהם קאָן מען תמיד וויסען, אַז דאָס, וואָס ער זאָגט, איז אַקוראַט דער הפך פונ'ם אמת. למשל: ווען דו פרעגסט אַזאַ מאָדע ליגנער: „וואו אַהין געהט דער וועג?“ און ער זאָגט: „קיין צפון“, מעגסט דו שווערען בנקיטת חפץ, אַז דער וועג געהט נישט קיין צפון, נישט קיין מזרח און נישט קיין מערב, נאָר גלייך — קיין דרום.

ווידער איז דאָ אַ ליגנער, וואָס ביי איהם קאָן מען נאָר אַזויפיעל וויסען, אַז דאָס, וואָס ער זאָגט, איז נישט וואָהר, אָבער נישט מעהר. ווען דו פרעגסט למשל אַזאַ מין בחור: „וואו אַהין געהט דער וועג?“ און ער זאָגט: „קיין צפון“, קאָנסט דו דיר דערפון נאָר דרינגען, אַז דער וועג געהט נ י ש ט קיין צפון. אָבער — אויב ער געהט קיין מזרח, קיין מערב אָדער קיין דרום — דאָס ווייסט דו טאַקי ווייטער נישט.

נאָך איז פאַרהאַן אַ ליגנער, וואָס מען קאָן ביי איהם לחלוטין גאָר נישט וויסען, און ווען דו פרעגסט אַזאַ מאָדע מענשיל: „וואו אַהין געהט דער וועג?“ און ער זאָגט: „קיין צפון“, טאָרסט דו דיר דערפון גאָר נישט דרינגען, אַזוי אַז אַלע מעגליכקייטען פון פריהער זענען אויך אַצינד געמאָלט: אַז דער וועג געהט קיין מזרח, קיין מערב, קיין דרום אָדער — קיין צפון“.

„וועלכען פון די דריי מינים קאָנט איהר מעהר לליידען און וועלכען ווייניגער?“ האָט עמיצער אַמאָל געפרעגט דעם „קלערער“.

„אַמייסטען“, איז געווען די תשובה, „קאָן איך נאָך סובל זיין דעם, וועלכער זאָגט ממש דעם הפך פונ׳ם אמת. דאָס איז לכל הפחות אַן עהרליכער, אמת׳ער ליגנער; ער האָט מיט דעם וואָרהייט־זאָגער אַ ווינקטיגען „צד שוה“: ביידע האָבען ליעב דאָס קלאָרע און דאָס ריינע. דער איינער דעם קלאָרען, ריינען אמת און דער אַנדערער — דעם קלאָרען, ריינען ניגוד פון איהם: דעם גרעסטען שקר.

אויך דער שקרן פון דער צווייטער גאַטונג, דער וואָס האָט נאָר אַ יצר הרע צום „נישט־אמת“, אָבער נישט צום „געגען־אמת“, איז אין מיינע אויגען נאָך אַ שטיקעל מענש, וואָס פאַרדינט אַביסעל כבוד, כאָטש ער שטעהט שוין, פאַרשטעהט זיך, אַ מדרגה טיפער ווי דער ערשטער.

אמת׳דיג פיינט, פיינט ווי אַ שפין, האָב איך נאָר דעם ליגנער פונ׳ם דריטען מין, יענעם ליגנער, וואָס מען קאָן ביי איהם גאָר נישט וויסען, אפילו נישט, אויב דאָס, וואָס ער זאָגט, איז נ י ש ט אמת. דאָס איז אַ מענש, וואָס זיין נשמה איז נישט פונ׳ם עולם־האמת און נישט פונ׳ם עולם־השקר, נאָר פונ׳ם — עולם־התהו. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס איז בכלל קיין מענש נישט; ד אָ ס א י ז אַ פ ר אָ ס ט י פ ש ו ט ׳ ע ר פ אַ ר ד.“

220
דרייערליי קוקער

„אַלע מענשען מיט געזונטע אויגען“ — אַזוי האָט ר׳ משה׳לע „קלערער“ אַמאָל געזאָגט — „קענען קוקען. אָבער קוקען צו קוקען איז נישט גלייך. — עס זענען פאַראַן:

1) גוטע קוקער. אַזעלכע מענשען, אַז זיי באַטראַכטען אַ מענש, אַ זאַך אָדער אַ מעשה, געפינען זיי באַלד די „נקודה פנימית“ (דאָס אינעווייניגע פינטאַלע) פון אָט דעם דאָזיגען מענשען, דער דאָזיגער זאַך אָדער מעשה. 2) שלעכטע קוקער: מענשען, וועלכע זעהען אין דעם, וואָס זיי באַטראַכטען (מענש, זאַך אָדער מעשה) אַלדינג, נאָר נישט די „נקודה פנימית“. 3) גאָר שלעכטע קוקער: מענשען, וואָס זיי זעהן אומעטום נאָר די „קליפה חיצונית“ (די אויסענווענדיגע שאָל), און אויך דערפון נאָר י ע נ ע ם פינטאַלע, וואָס איז אַמייסטען דערווייטערט פון די „נקודה פנימית“.“

221
דרייערליי „הגדה־זאָגער“

ר׳ משה׳לע „קלערער“ פלעגט זאָגען

„עס זענען פאַראַן דריי־ערליי „הגדה־זאָגער“: 1) אַזעלכע, וואָס זיי

מיינען נישט די קניידלעך, נאָר די הגדה; 2) אַזעלכע, וואָס זיי מיינען נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך; 3) אַזוינע, וועלכע האָבען בטבע נישט ליעב די הגדה, נאָר ווען זיי דערשפּירען די קניידלעך, ווערען זיי אַזוי שטאַרק נתפּעל, אַז זיי מיינען שוין טאַקי אמת'דיג די הגדה אויך.

222

„איך ווינש זיי אַלע אריכות ימים..."

ר' משה'לע „קלערער" האָט אַמאָל געזאָגט אינ'ם זינקאָוויצער בית המדרש: „איך האָב אַ גדר, מיינע שונאים קיינמאָל נישט צו שעלטען; אדרבה, איך ווינש זיי אַלע אריכות ימים".

„וואָס?" האָט זיך דער עולם גע'חדוש'ט. „שונאים בענטשט איהר גאָר?"

„אודאי!" האָט דער „קלערער" געענטפערט, „זאָלען זיי נאָר האָבען אריכות ימים; צרות וועלען זיי ממילא שוין נישט פעהלען!"

223

דעם רבי'נס לילקע

אינ'ם זינקאָוויצער בית המדרש זיצען עטליכע חסידים און באַשמועסען אַ מעשה, וואָס האָט זיך פּאַרלאָפען אין מיעלטשאַו, אַ גרעסערער שטאָדט נעבען זינקאָוויץ: עפּעס אַ דאָקטערס אַ ווייב, אַ בת ארבעים, האָט זיך גע'גט מיט איהר מאַן און איז געגאַנגען וואוינען צו איהרם אַ געליבטען, אויך אַ דאָקטער.

„מיר דאַכט זיך", לאָזט איינער פון דער חבריא הערען זיין מיינונג, „אַז ווינדכאַפּער (אַזוי האָט געהייסען דער געליבטער) האָט שוין חרטה אויפ'ן גאַנצען עסק. ער וואָלט זי שוין גערן משלח געוועזן".

„דאָס איז גאָר קיין חדוש נישט!" גיט זיך פלוצים ר' משה'לע „קלערער" אַ רוף־אָן. „אלא מאי דעם רבי'ס לילקע!"

„וואָס איז דאָס אַזוינס געוועזן מיט'ן רבי'נס לילקע?" איז דער עולם טשי־קאַווי צו וויסען.

„דער אַלטער פיסקאָוויצער", הויבט ר' משה'לע אָן צו דערצעהלען, „איז נפטר געוואָרען. איז געקומען איינער פון זיינע חסידים, אַ גרויסער אדיר, און האָט געוואָלט קויפען דעם רבי'נס לילקע. האָבען די יורשים געזאָגט: „הונדערט רענדלעך!" האָט דער חסיד גע'טענה'ט: „אמת, ס'איז טאַקי דעם רבי'נס לילקע, אָבער הונדערט רענדלעך זענען אויך נישט קיין מילתא זוטרתא.

ווייסט עך וואָס? לאָזט׳ס מיך צוערשט טועם זיין דעם טעם פון דער לילקע, דערנאָך וועלען מיר שוין זעהן.“ די יורשים האָבען מסכים געווען און דער חסיד האָט זיך פאַררייכערט די לילקע. און וואָס, מיינט עך, איז געווען? אַזוי ווי דער יוד האָט נאָר געגעבען דעם ערשטען ציה, האָבען זיך איהם תיכף געעפענט אַלע זיבען הימלען און ער האָט געזעהן, וואָס אפילו יחזקאל הנביא אַליין האָט נישט געזעהן. האָט ער זיך מסתמא נישט ווימענדיג געמאַכט און געזאָגט „באָם!“

געקומען אַהיים, האָט זיך דעם גביר פאַרגליסט, נאָכאַמאָל צו זעהן די מעשה מרכבה. האָט ער זיך ווידער גענומען רייכערן די לילקע. אָבער וואָס, מיינט עך, האָט ער געזעהן? גאָר נישט האָט ער געזעהן. אדרבה, די לילקע האָט איהם געשטונקען גלייך אין דער נאָז אַריין, אַזוי אַז ער האָט אָנגעהויבען צו ניסען און צו היסען און האָט זי געמוזט אַוועקלייגען. — דאָס איז דעם חסיד געווען אַ גרויס רעטעניש. איז ער געגאַנגען צום שטאָדט־רב, זעהר אַ קלוגען יוד, און האָט איהם געפרעגט פשר דבר. האָט דער רב געענטפערט: „די חידה איז קיין חידה נישט און די זאַך איז קלאָר ווי דער טאָג: איידער דו האָסט געקויפט די לילקע, איז זי דאָך געווען דעם רבי׳נס לילקע, האָסט דו טאַקי געזעהן דאָס אייגענע וואָס דער רבי. דערנאָך אָבער, ווי באַלד די לילקע איז געקומען אין דיין רשות, האָט זיך אָבגעטון פון איהר די קדושה און זי איז אַ פשוט׳ע אַלטע לילקע און טוט ממילא דאָס, וואָס אַלע אַלטע לילקעס טון: זי פאַרשפרייט אַ ריח רע.

דאָס נמשל, רבותי, איז דאָס: כל זמן די שעהגע בחור׳טע איז געווען יענעמס ווייב, האָט ווינדכאַפער, געזעהן אין איהר — פי פי פוי! — גאָר פלאי פלאים! איצט אָבער, אַז ער האָט זי שוין קונה געווען מיט משיכה, האָט זיך פון איהר אָבגעטון דער כשוף און זי איז אויך אין די אויגען פון איהר געליבטען אַ פראָסטי פשוט׳ע יודינע מיט אַן אַלט פנים, און אַ סך שנים, מיט איין וואָרט: אַן אַלטע לילקע. און טאַקי מחמת דעם וויל ווינדכאַפער פון איהר פטור ווערען.

224
יוסיל פאַרך

עמיצער דערצעהלט ר׳ משה׳לע „קלערער“, אַז אין די גרויסע שטעדט זענען פאַרהאַן יודען, וואָס זיי שעמען זיך מיט דעם נאָמען „יוד“.

„און ווען אַזאַ מאָדע יוד קומט, למשל, צווישען גויים און מען פרעגט איהם, וואָס ער איז — וואָס ענטפערט ער אויף דעם?“ איז ר׳ משה׳לע טשי־קאַווי צו וויסען.

„דאָס איז נישט בײַ אַלע גלײַך“, באַקומט ער אַ תשובה..„אַ טייל פֿון די דאָזיגע „בײַשנים“ ענטפֿערן געוויינטליך אויף דער דערמאָנטער פֿראַגע: „מיר זענען דײַטשען, פּאָליאַקען“ א. אַז. וו. און אַ טייל ווידער זאָגען: „מיר זענען גאָר נישט — נאָר מענשען.“

ר׳ משה׳לע קלערט אַביסעל נאָך און זאָגט:

„מילא די „דײַטשען“, „פּאָליאַקען“ יאַק די „דײַטשען“, „פּאָליאַקען“: דאָס, וואָס זיי טענה׳ן, דאָס איז אַ פּראָסטי פּשוט׳ער שקר און נישט מעהר. נאָר די „מענשען“ — אַ שאָד וואָס איך האָב נאָך נישט באַגעגענט אַזאַ מאדע „בן־אדם“; איך וואָלט געהאַט פֿון זיינעטוועגען אַ שעהן משל“.

„דהיינו?“

„איך וואָלט איהם דערצעהלט די דאָזיגע מעשה: יוסיל „פּאַרך“ פֿון פּיטשעלאיוב איז אַמאָל געווען אין מיעלטשאָוו און האָט דאָרט געוואָלט געהן אין באָד אַריין. האָט ער אָבער מורא געהאַט. טאָמער וועלען חלילה די מיעלטשאָווער בעלי בתים זעהן, אַז ער האָט דעם פּאַרך. וואָס האָט ער געטון? איז ער געגאַנגען און האָט זיך געבאָדען — אינ׳ם קאַפּעל. דאָס האָט אַ מיעלטשאָווער יוד געזעהן, איז ער צוגעגאַנגען צו אַן אַנדערן מיעל־טשאָווער און האָט איהם געפֿרעגט: וואָס, קלערט איהר, איז געדרונגען פֿון דעם, וואָס דער דאָזיגער „גאַסט“ באָדט זיך אינ׳ם קאַפּעל? — „אַז ער איז אַ פּאַרך,“ ענטפֿערט דער אַנדערער. — „אַ טעות!“ זאָגט דער פֿרעגער. „נישט איין זאַך קאָן איך מיר דרינגען דערפֿון, נאָר צוויי: אַז ער איז אַ פּאַרך און אַ קליין מענשאַלע דערצו. וואָרין אַ מענש, ווי ס׳געהער צו זיין שעהמט זיך נישט מיט אַ זאַך, וואָס ער איז דערבײַ אומשולדיג, אפֿילו ווען די איז נישט שעהן.“ — „אויך איהר האָט אַ טעות,“ מישט זיך אַריין אַ דריטער יוד, וואָס ער שטעהט גראָד דערבײַ. „איך קאָן מיר דרינגען דערפֿון דריי זאַכען: אַז ער איז אַ פּאַרך, אַ קליין מענשאַלע און א גרויס פֿערד דערצו. וואָרין אַ מענש מיט נאָר אַ פּיצאַלע שכל באַדאַרף וויסען, אַז איטליכעס קליינע קינד פֿאַרשטעהט, וואָס אַזאַ מאָדע „באַדעקענס“ בשעת׳ן באָדען באַטייט.

— „דאָס נמשל“, — אַזוי וואָלט איך צו דעם דערמאָנטען „מענשען“ געזאָגט — „ווּעסטו דו שוין אַליין פֿאַרשטעהן. וואָרין, הן אמת, לדידי איז דאָס „יוד־זיין“ דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע אין דער וועלט. נאָר לדידך, נאָך דיר נאָך, וואָס דו מיינסט, אַז דאָס איז אַ מיאוס׳ע זאַך, וואָסזשע פּועל׳סט דו דערמיט, וואָס דו זאָגסט, אַז דו ביסט אַ „מענש“, דאָרט וואו יעדער נישט־יוד זאָגט: „איך בין אַ דײַטש, אַ פֿראַנצויז“ א. אַז. וו.? נאָר אַזוי פֿיעל, אַז דער קלוגער גוי, וועלכער הערט דאָס, קלערט זיך דערבײַ: דער דאָזיגער

„מענש“ איז זיכער אַ יוד, אַ קליין מענשאַלע און אַ גרויסער טפּש דערצו.“

225

אַ קאָפּערניק׳ישע ראיה

בעת דער וועלט־מלחמה, אַ קורצע צייט נאָך דער רוסישער מפּלה, בּיי בּריסק, זענען עטליכע זינקאָוויצער יודען געזעסען צוזאַמען בּיי אַ טיש אין אַ ווינער קאַפעהויז און האָבּען געשמועס׳ט פּאָליטיק.

פּלוצים טוט אַ קום־צו צום טיש אַ יונגערמאַן מיט אַ צייטונג אין דער האַנד און גיט אַ געשריי:

„יודען, פּרייט׳ס ענק! אויס מלחמה! די אַנטאַנטע גיט זיך שוין אונ־טער.“

„וואָס איז געשעהן?“ פרעגט דער עולם.

„אַן עקסטראַ־אויסגאַבּע!“ ענטפערט דער „בשורה־דערצעהלער.“ „פון אונזערן“ (ער לייענט פון דער צייטונג) „שפּעציאַלקאָרעספּאָנדענט אין קאָ־פּענהאַגען: דער בּאַריהמטער מומחה לאַ־נבּרא־קיל שרייבּט אין דער לאָנדאָנער „טיימס“, אַז לויט זיין מיינונג וועט די אַנטאַנטע בּסך הכל נאָך איין חודש קענען אויסהאַלטען; דערנאָך וועט זי אויסגעהן ווי אַ ליכט, לאַ־נבּרא־קיל גיט „דרינגענד“ אַן עצה, מען זאָל זיך תיכף ומיד אונטערגעבּען. וואָרין — בּעסער פריהער ווי שפּעטער.“

דערהערט די דאָזיגע בּשורה, איז דער גאַנצער „טיש“ געוואָרען מלא שמחה און איינער האָט דעם אַנדערן געוואונשען „מזל טוב“. נאָך מעהר: זלמן קערענקנאַקער, איינער פון דער חבריא, איז געוואָרען אַזוי נתפעל, אַז ער האָט אַזש דעם שכן זיינעם אַרומגעכאַפּט מיט בּיידע הענד און איהם געגעבּען אַ קוש אין די וואָנסעס.

נישט מיטגעפרייט מיט דעם עולם האָט זיך נאָר ר׳ בּרך קירשענבּוים, אַ זינקאָוויצער בּית־המדרש־קינד, אַזוי אַז ער האָט אויסגעזעהן ווי אַן „אבל צווישען חתנים“.

דאָס האָט איינער פון די בּעלי שמחה בּאַמערקט און געוואָלט וויסען דעם טעם דערפון.

„וואָס זיצט איהר עפּעס, ר׳ בּרך, אַזוי דאָסיג?“ האָט ער געפרעגט. „איהר הערט נישט? אין אַ חודש אַרום איז אויס מלחמה!“

„הערען הער איך“, גיט ר׳ בּרך אַ תשובה; „ס׳איז אודאי אַ גוטע בּשורה! דער חסרון איז נאָר, וואָס דער גאַנצער בּנין איז אָהן אַ יסוד:

די צייטונג האָט בכלל נישט קיין קאָרעספּאָנדענטען אין קאָפּענהאַגען, און די דעפּעשע האָט זיך שניפּאָוויץ (אַזוי האָט געהייסען דער אַרויסגעבער) אַליין געקלאַפּט.

„פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?“

„פון אַ סברא; איך האָב אַ קאָפּערניקישען באַווייז.“

„וואָס הייסט דאָס?“

„איהר וועט תיכף הערען: ווען קאָפּערניק האָט געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז די ערד דרעהט זיך און נישט די זון, האָט ער — צווישען אַנדערע ראיות — אויך די דאָזיגע ראיה געבראַכט: ווען איך זאָל זאָגען, אַז די זון דרעהט זיך, איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס זאָל זי זיך דרעהן? דאָס הייסט: צו־וואס האָט דער רבונו של עולם, וואָס ער האָט אַלדינג באַשאַפען אַזוי קונציג, באַדאַרפט מטריח זיין די זון, זי זאָל יעדען טאָג געהן אַזאַ מהלך רב? ער האָט דאָך געקאָנט דאָס אייגענע אויפטון, ווען ער זאָל געווען הייסען די ערד זיך דרעהען; דאָס וואָלט דאָך געווען אַ סך בעסער און איינפאַכער. אלא מוז איך זאָגען, אַז די ערד דרעהט זיך טאַקי. — דאָסזעלבע איז אויך אין אונזער פאַל: די מעשה מיט לא־נברא־קיל איז דאָך, ווי אַלע ענגליכע צייטונגס־מעשה׳לעך וועגען דער אַנטאַנטע, סיי ווי סיי אַ בוידעם. היינטזשע צו־וואָס באַדאַרף שניפּאָוויץ, וואָס ער איז אודאי אַ פּראַקטישער סוחר, מפרנס זיין אַ מענש אין קאָפּענהאַגען, כדי ער זאָל „קלאַפּען“ שקרים פון דאָרטען־אָ, ווען ער, שניפּאָוויץ, קאָן דאס אייגענע האבען אַ סך ביליגער אין ווין גופא?“

226

דער פּיטשעלאיובער מלמד

אינ׳ם אָנהויב פונ׳ם יאָהר 1924, ווען ס׳האָט געהערשט די גרויסע „פראַנק־מגפה“ (אַ „בעס“־שפּעקולאַציע אויפ׳ן פראַנצויזישען פראנק) צווישען יודען בכלל און צווישען די „מזרח־יודען“ אין ווין בפרט, טרעפט ר׳ זכריה באַרטצופּער פון זינקאָוויץ זיין קרוב און בן־עיר, דעם שוין דערמאַנטען ר׳ ברך קירשענבוים, אין אַ ווינער קאַפעהויז און דערצעהלט איהם מיט גרויס שמחה, אַז ער האָט צו־מזל „קאָנטערמינירט“ (פאַרקויפט פאָראויס פאַר דאָלאַר) פינף טויזענד פראַנצויזישע פראַנק.

ר׳ ברך הערט רוהיג אויס די בשורה און — שווייגט.

„וואָס שווייגסט דו עפּעס?“ פרעגט דער שפּעקולאַנט. „אפשר געפעלט דיר נישט דאָס עסק?“

„חלילה!“ גיט ר׳ ברך אַ תשובה. „דאָס געשעפט איז — עין לא ראתה!

גאָר פלאי פלאים: איך האָב נאָר מורא, אַז דו וועסט ביי דער מעשה פאַרלירען די תחתונים."

„רבי לעבען, טאָמער פאַרקעהרט?" מאַכט ר' זכריה חוזק. „אַז די גאַנצע וועלט זאָגט „באָם", מוזט דו זאָגען „באם".

„איך ווייס נישט, וואָס די גאַנצע וועלט זאָגט און וואָס זי טוט; איך ווייס נאָר, וואָס חיים פּינחס מלמד פון פּיטשעלאיוב האָט געטון און וואָסער סוף ער האָט געהאַט.

„אדרבה, דערצעהל! וועל איך אויך וויסען."

„אַזוי הערזשע: חיים פּינחס מלמד, אַ תמ'וואָטער יוד, האָט געהערט זאָגען אַ ווערטיל: „געלד קלעבט זיך צו געלד". אין זיין תמימות האָט ער געגלויבט, אַז דער פשט דערפון איז פשוט: עס קלעבט זיך, וואָס האָט ער געטון? האָט ער גענומען אַ זילבערן זעקסערל און איז געגאַנגען צו זיינם אַ שכן, אַ גרויסען גביר. דאָרט האָט ער זיך אַריינגע'גנב'עט אין אַ שטוב, וואו ס'איז געשטאַנען אַ גרויסע פּישקע מיט דוקאַטען, און האָט זיך אָנגע־הויבען, צו פּאָרען מיט דעם זעקסערל ביי דער פּישקע, זייענדיג אין דער מיינונג, אַז די דוקאַטען וועלען זיך צוקלעבען — על פּי נס — צו זיין מטבע. וואָס טוט אָבער גאָט? דער בטלן האָט זיך אַזוי לאַנג געפּאָרעט, ביז דאָס זעקסערל איז פּלוצים געגעבען אַ פאַל אַריין דורכ'ן לאָך אין דער פּישקע. ווי באַלד דער תם האָט דאָס געזעהן, איז אין איהם אַריין אַ ניצוץ פון חכמה און ער האָט געזאָגט: „איצט פאַרשטעה איך שוין, וואָס די וועלט מיינט מיט איהר ווערטיל: „געלד קלעבט זיך צו געלד!". — דאָס נמשל איז לייכט צו פאַרשטעהן. עך טפּשום מיינט'ס, אַז דער גרויסער אוצר פון דער „באַנק דע פּראַנס" וועט האָבען „גלגול מחילות" און וועט קומען ביז צו די פּיטשעלאיובער און זינקאָוויצער יודען, וואָס וואוינען איצט גראָד אין ווין. איך אָבער זאָג אייך נביאות, אַז די קליינע מטבע אייערע וועט אַריינ־פאַלען אין דער גרויסער פּישקע פון פראַנקרייך."

227
ווערטלעך פון שלום „קאַפּויער"

דער מיעלטשאָווער „פילוסוף", שלום רייצעלס, באַקאַנט אין זיין סביבה מיט'ן נאָמען שלום „קאַפּויר" (אַזוי האָט מען איהם גערופען צוליעב זיינע מאָדנע, פאַרקעהרטע סברות און מיינונגען) פלעגט זאָגען:

1 אַן עלוי איז געגליכען צו אַ זייגערמאַכער: פּונקט אַזוי ווי אַ זייגערמאַכער, אַז ער קאָן לערנען, קאָן ער לערנען, און אַז נישט — נישט, אַן עלוי אויך אַזוי.

II איהר מיינט׳ס, די גמרא האָט געקאָנט לערנען? הויבט זיך נישט אָן! תוספות האָט געקאָנט!

III עס זענען פאַרהאַן דריי מדרגות, איינע העכער פון דער אַנדערער: 1) פּראָסטי תמימות׳דיגע אמונה; 2) אפּיקורסות; 3) אפּיקורסות אויף׳ן אפּיקורסות.

IV עס זענען דאָ פינף מדרגות אין דער טבע, איינע העכער פון דער אַנדערער: 1) דומם (די „שווייגענדיגע", ווי וואַסער, ערד א. אַז. וו.); 2) צומח (דאָס „וואַקסענדיגע", ווי ביימער גראָז א. אַז. וו.); 3) חי (דאָס „לעבעדיגע", ווי בהמות, חיות א. אַז. וו.); 4) מדברת (די „ריידעוודיגע"); 5) מדבר (דער „ריידעווידיגער").

V. דאָס רוב מענשען האָבען אַ שגעון. דער חלוק איז נאָר, אַז ס׳איז דאָ אַ מיושב׳דיגער שגעון און אַ משוגע׳נער שגעון. וואָס איז אַ מיושב׳דיגער שגעון? ווען עמיצער רעדט זיך איין, אַז ער האָט אַ גלעזערנע נאָז און באַנ־דאַזשירט זי מיט וואַט, כדי זי זאָל נישט צובראָכען ווערען. — און וואָס איז אַ משוגע׳נער שגעון? ווען עמיצער רעדט זיך איין, אַז ער האָט אַ גלעזערנע נאָז און ער טוט נישט אַכטונג ביים שנייצען, נאָר ער רייבט און קוועטשט זי מיט כח, גלייך ווי זי וואָלט געווען פון ביין און פלייש.

תקון טעות:

זייט 23 שורה 6 מוז ריכטיג שטעהן: אַ מעשה פון אַ ויכוח, וואָס א. אַז. וו.

זייט 56 שורה 17 מוז ריכטיג שטעהן: נו, ווייטער!

זייט 57 שורה 3 מוז ריכטיג שטעהן: „און האָט אידם א. אַז. וו.

זייט 137 שורה 15 מוז ריכטיג שטעהן: אין דיין קעשעני. (דער דאָזיגער טעות איז בשעת'ן דרוק נאָך אין אַ גרויסען טייל פון די עקזעמפּלאַרען אויסגעבעסערט געוואָרען.)